STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08759

DI NAYSTE VERK

Moishe Nadir

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די נייסטע ווערק

פון

משה נאַדיר

טעג פון מיינע טעג

אין נאַראַיעוו
אַף בראָדוויי
אין אידישן טעאַטער
אין רעדאקציעס
מיט אידישע שרייבער
אין מיינע אוניווערזיטעטן
עפילאָג

פאַרלאַג „מאָרגן־פרייהייט"
נומער פופצן, איסט דרייצנטע גאַס,
ניו־יאָרק.

Copyright 1935
By
Isaac Moishe Nadir

FREIHEIT PUBLISHING CO.
Fifty East Thirteenth Street
New York City
490

טעג
אין נאַראַיעוו

די אַלע מאַטעריאַלן, וואָס גייען אַרום אין אָט־דעם בוך, זענען געווען געדרוקט אין דער „פרייהייט“ צישן די יאָרן 1925—1928.

— מ. נ.

דאָס קראַנקע שאַבעסל שפּרייט זיך אויס איבערן שטעטל ווי אַ ווייסער פּלאַסטער איבער אַ קויטיקער וואונד. עס לויכטן ווייסע באַלעס, ווייסע, קראַנקע פּענימער, ווייסע איבערבעטן און טישטעכער. ווייסער גלאַנץ פון מעשענע לייכטער און העסעס. ווייסע ליים־בערג קוקן אַראָפּ פון דער הויך מיט אַ ווייסקייט וואָס איז רואיקער און טויטער ווי אין אַלע טעג פון דער וואָך. דאָס בייסוילעמל, וואָס ליגט אין סאַמע מיטן פּאָנעם פונעם באַרג — ליגט זיך פּירעקעכדיס־שטיל, מענוכעדיק. עס ווייסט: היינט וועט מען עס נישט באַאומרואיקן מיט רידלען, מיט העק. מיט געוויינען, מיט געשרייען.

נאָכן פעטן טשאָלנט גייען נאַראַיעווער אידן שלאָפן.

בערד שטעלן זיך אַרויס דורך די אָפּגעקייטלטע פענצטער. הענט נעמען צענויף די צוויי לאָדן־פּאָלעס.

פאַרהאָריקטע הענט שטופּן אַרויס דעם שאַבעס אין דרויסן אַרויס, לעשן אויס דעם טאָג, וואַרפן זיך אַריין אין דער ווייסקייט פון איבערבעטן. די קאַלעדיקע ציכן־שפּיצלעך, וואָס דערמאָנען מער אָן די טאַיניקדיקע זינד, ווי אין די יאָרן, ווען מ'איז נאָך געווען יונג און וועלעוודיק, ליגן געטריי מיט די פּייעס, מיט די בערד. עס דאַכט זיך: אין די קילע ציכן־שפּיצלעך ליגט מער זיסער גוף פונעם ווייב, ווי אינעם ווייב אַליין, וואָס איז אַזוי וואַכעדיק און פּראָסט.

(פונקט ווי איינער וועמעס לייב איז שטאַרק אָפּגעברענט פון דער זון קען נישט זיין אינגאַנצן נאַקעט, ווייל עס איז אָנגעטון אין זון, אַזוי קענען אַלטע פאַרפּאַלקן נישט פילן דעם טאַם פון נאַקעט־קייט, ווייל די יאָרן, אַנטפּלעקטע, אָפענע, ליגן צווישן זיי ווי פּרעמדע, און דערווייטערן זיי איינס פון ס'אַנדערע).

נאַראַיעוו שלאָפט שאַבעס נאָכן עסן, נאָר מיר אינגלעך שפּילן זיך. פאַר אונדז גייט די זון אָפּן הימל, פאַר אונדז ברענען די טוואָועס אויף די פעלדער; פאַר אונדז דרייט זיך און סקריפּעט דאָס בלעכענע, זשאַווערנדיקע ווינט־פעינדל אויף פראַשעס הויף, פאַר אונדז זינגט די ערד איר גרין סאַמעטן ליד; פאַר אונדז פּינטלען מוראַשקעס מיט זיך אַליין איבער דער זיסער קילער ערד, וואו שאָטנס רוען זיך אויס, נאָך לאַנגע טאָמידן פון נישט־געוועזיין; פאַר אונדז שטעפּן וואַסער־פליגן די פלאַך פונעם טייך; טומלען זיך די געל־דורכזיכטיקע גרינגע בינען אַרום די בלוילעך־בערשטלדיקע באָדיקעס; פאַר אונדז פּוצט דער אָנגעלאָפענער פלוצימדיקער ווינט

דעם שטראָז אָפּ, צעבלאָזט די פאַרגעסענע שטרויען און פאַרדאַרטן קיצוים; פאַר אונדז פאַרט אַ גויאישע דראַבינע־פור פול מיט זאַנגען פונעם פעלד; פאַר אונדז זיצט דאָס קליינע שייגעצל שטאָלץ העט־אויבן איבער דעם קוואַר־איבערגעלייגטן דראַנג וואָס האַלט־צו די זאַנגען זיי זאָלן זיך נישט צעשיטן; פאַר אונדז פאַלן פונדעסטן אַראָפּ עטלעכע זאַנגען־פונעם־פעלד; פאַר אונדזערע יונגע הענט איז דער סאַד פון טוואוע וואָס בליט אַזוי שיין, אַזוי וואונדערשיין, אַזוי אומענדלעך באַטאַמט און שיין.

:: :: ::

עס האָט (צום וויפילטן מאָל?) אָנגעהויבן ווערן ווינטער אין נאַראַיעוו.

די טערנעסליפּקעס זענען שוין געווען צייטיק און טערפּקע, דער אָנהויב־אָסיען־הימל האָט שוין געהאַט אַרויסגעקוועטשט פון זיך וואו ער האָט ערגעץ געהאַט אַ טראָפּן וואַסער, ווי נאַסקייט פון אַ וואונד, האָט זיך עס גענומען פאַרהיילן. טרוקן ווערן.

דאָס שטעטל אונדזערס איז געוואָרן נענטער צום דאָרף, צו פּיטיטער; איז געוואָרן כמעט אַליין אַ דאָרף, מיט פּלויטן, מיט געבליבענע צעפוילטע הייפּטלעך קרויט אין גויעשע גערטנער, מיט הויכע, וויאַלע שטעקנס פון זון־בלומען, וואָס מ'האָט זיי די קעפּ אָפּגעשניטן (צוליב די זאַפּטיקע גערדאַנקען, די קערלעך) און זיי אַליין זענען געבליבן פאַרכידעשט און דערשראָקן.

היינטיקן זומער בין איך אַ סאַך אַרומגעפאָרן, בין געווען אַזש אין ראַהאַטין. דאָרט האָב איך געזען רויטע געבעקס־שטעלן, און האָב געטראַכט, אַז דאַפאַר הייסט מיסטאָמע דאָס שטעטעלע „ראַטין".

די וועלט? —

פאַמעלעכן — ווי אַ קינד שניידט אַריין אין אַ גאַנצן לעקעך, וואָס די באָבע האָט אים געשענקט צו זיין געבירטאָג — אַזוי האָב איך פאַמעלעכן אַריינגעשניטן מיין אויג אין דער וועלט אַריין, עס לאַנגזאַם געזעטיקט, נישט פאַרגונען זיך צו זען מער ווי אַ ברעקל וועלט אַף אַ מאָל.

(אַ כאַווער מיינער, וואָס איז געזעסן אין די לעמבערגער „ברי־גידקעס", האָט מיר אין די שפּעטערע יאָרן דערציילט, אַז בעאיים זיין געפאַנגנשאַפט דאָרטן, האָט מען אים געגעבן נישט מער ווי איין בוך אַלע צוויי וואָכן. אַ לייענער איז ער געווען אַ טאַיוועדיקער. פלעגט קענען איבערלייענען אַ גרוים בוך אין איין טאָג. נאָר דאָ אין די „בריגידקעס", האָט ער זיך געזשאַלעוועט צו לייענען צופיל מיטאַמאָל, קעדיי ער זאָל דערנאָך נישט אויסגיין פון וואָרט־הונגער,

פלעגט ער זיך אליין איינטיילן דאס בוך: אזויפיל און אזויפיל בלעטלעך א טאג. אז ער פלעגט האבן אפגעלעזן די טעגלעכע פארציע בלעטער, פלעגט זיך אים גלוסטן צו גיין ווייטער אינעם בוך אריין. ער פלעגט אבער גיוואלד־זיין דער יוצר־הרע אנשטאט לייענען ווייטער, פלעגט ער נאכאמאל לייענען דאס אויסגעלייענטע, און טאמער איז נאך אלץ דער טאג געווען צו לאנג, פלעגט ער לייענען דיזעלבע בלעטלעך צו עטלעכע מאל, ביז עס איז אנגעקומען די צייט צו גיין שלאפן.)

אך! דעמאלט זענען נאך די זומערס געווען אלע מאל ניי! יעדער זומער האט געהאט זיין אייגענעם טאם און רייעך, יעדער שטיקל הימל־מינע איז מיר געווען איינגעברענט אין הארץ, ווי א צירונג־פליטער אין א בעמיש קאוועשעלכען.

:: :: ::

בעריש פאסעסאר איז א געפאקט אידל. אלע זיינע אייווורים סטארטשען פון אים ארויס. דאס פריצישע וואל־שטאפענע איבערצירל טרענט זיך אים הינטער די ארעמס. די נעיט פון די הויזן זענען בא אים צעשפארט. זיינע פאנים־קנייטשן זענען אפגעלייגט אין רואיקע, פעטע, רויז־גלאנצנדיקע פאלבן. זיין בארד איז קיילעכדיק פארשווירן, איז הארט און ליגט פעסט אפן פאנים, ווי זי וואלט געווען פון שווארצבלאען דראט. בעריש'ס גאנג איז אויך עפעס ווי קיילעכ־דיק. ער דרייט זיך אהין און קריק מיטן רייטבייטשל אין דער האנט, טשוויקעט מיטן בייטשל־שפיץ אף וואס ער טרעפט: הינט אנטלויפן פאר אים, אגערס שלאגט ער צישן די פיס, און יאלעווע קי — טשוויקעט ער מיט דער בייטש אפן בויך. ער גייט מיט פעסט־קורצע טריט. יעדער טריט — ווי ער וואלט אויסגעפריפט די ערד, צי איז זי גענוג שטארק אים אויפצוהאלטן. בעהיימעס, כאיעס און מענטשן ווייכן־אויס זיין גאנג. דער הונט („שאפיעגער" רופט מען אים אף דייטש) לויפט פאראויס און האווקעט קלוימערשט. — דאס איז בא אים בלויז אן אנשטעל. דער עמעס איז — ער ראטעוועט זיך פון בעריש פאסעסאר'ס בייטשל.

דער איינציקער מענטש, וואס גייט־נאך בעריש'ן, איז געבזשע דער עקאנאם. יענעמס גאנג איז נאך פעסטער ווי דעם פאריצ'ס, זיין געשטעל איז העכער און זיכערער. זיין קאל איז קעגן בעריש'עס, ווי דאס קאל פון א ריקבעט קעגן א ריבייזן. הינטער זייביידן גייט פעד, דער „מענטש", מיטן קויטיק־שטרויענעם קאפ האר, און מיט אויגן ווי ברוינע קנעפלעך. פעד איז מסוקן פויל אף רייד. אז איר זאגט אים: „פעד, בוי־מיר־אויף פיסום־וראמסעם!", פוילט ער זיך אויף־

צומאכן ס'מויל און צו זאָגן „ניין", און ער גייט אוועק און בויעט־אויף.

פעד איז א בייזער, א געקריוודעטער. נאָר אויפמאכן ס'מויל און א שעלט־טוען, פוילט ער זיך. גייט ער נאָך דעם פּאַריץ און געבזשען, טוט די שווערסטע און מיעסטע ארבעטן. בלויז צוויי מאָל האָט ער איבערגעשראָקן דעם פּאַריץ דאמיט וואָס ער האָט פארלוירן די האַק פון דער טאַפּעריסקע אקוראט דעמאָלט, ווען דער פּאַריץ איז געשטאַנען נישט ווייט פון אים. ביידע מאָל האָט אים בעריש דערלאַנגט מיטן שפּיץ־בייטשל און אים געזאָגט, אז ער זאָל אכטונג־טוען, אז די האַק זאָל זיין גוט פארקלינעוועט. פעד האָט גאָרנישט געזאָגט, ער האָט בלויז געקראַצט זיך א רגע אַף דעם אָרט וואו די בייטש האָט געטראָפן. די ברוינע קנעפּלעך אפן געלן פּאָנים האָבן אַף א רגע באַקומען א פייערדיקן אָפּגלאַנץ. דערנאָך האָט ער א הייסן שפּיי געטון. א לאַך געטון אָן א קאָל, פארקלינעוועט די האַק און גענומען זעצן מיט גרוים קייעס אין דעם סענקעוואַטן קלאָץ, וואָס האָט אויסגעזען ווי א מענטשלעכער קאָפּ מיט הערנער.

:: :: ::

פרילינג. נאָכן שנייצעגייען לאָכן וואַסערן פון אַלע זייטן, ווי נאָכעס־טרערן פון איינעם וואָס איז ערשט אויפגעשטאַנען פון זייער א שווערער קרענק. דערנאָך איז בלי־צייט. צוויט־יאַנטעוו. אַף די שטרוי־דעכער בליען מאַרגארעטקעס. האָפּנבאָמבעלעך אַף די טיטשעס זאַפּן־אָן די ווינטן מיט אַזוינע רייכעס, וואָס פארטשאַדען ס'קאָפּ און ס'האַרץ. באַטאָג ליגט א גרינער, פליפיקער שטויב אַף די ערשט־אויסגעהיילטע, טרוקענע ערד־גרודעס. פון די בוימער פאַלן געלע, ווייכע „שלענגלעך", בלי־שאָלעכצן. זיי ליגן שטיל און פארוואונדערט קעגן אויסגעפּוצטן וואַרעמן, לייזדיקן הימל, וואו עס רעגן־זיך בלויז עטלעכע קליינע וואָלקנקעצלעך, און האָבן נישט וואָס צו טון. די הינט געניצן און קראַצן זיך. קעץ פּוצן זיך די וואָנטשעס מיט די לאַפּקעלעך. קאַטשקעס מיט ברייט־באַלעבאַטישע האָרן־נעז וואַקלען־זיך, ווי נגידישע ווייבער.

פרי באַנאַכט, אז לעוואָנעס גוידערן־זיך אויס דאָרט אויבן, איבערן טורעמדל פונעם פּאָסט־שטיבל, גייען נאַראַיעווער באַלע־באַטים ארויס פון די שטיבער אין די הוילע גאַטיעס, מיט די הענט אַף די הינטנס, ניסן זיך גוט אויס פון דער פרישער לופט, שמייכלען ארויף צו דער לעוואָנע, ווי צו א וואוילער מומען, וואָס איז ערשט

געקומען פון אמעריקע, מאלעגיירען מיט צעשפּייעכצטע מיילער עפּעם אזוינע רייד, וואָס זענען לאַכלוטין גאַרנישט.

שטיל שטייט אונדזער שטעטל. די מענטשן טאָמיד דיזעלבע. הערט מען זיי אויף צו זען, הערט מען זיי אויף צו הערן. עס איז ווי איר זאָלט שטיין אַ סאַך שאָען און קוקן אַף אַ רינענדיק וואסער, אַף וועמעס פלאַץ עס באוויזט זיך גאַרנישט־מיט־גאַרנישט! מיט דער צייט פאַרגעסט איר ס׳קאָל פונעם וואסער, עס דאכט זיך אייך, אַז עס איז אייער אינערלעך קאָל. ס׳פליסן זעט איר נישט, ווייל ס׳איז נישטאָ אַף דער פלאַך קיין בלעטל, קיין פּרוטקעלע, וואָס זאָל אָנ־צייכענען די שנעלקייט פונעם וואסערס גאַנג.

קומט אמאָל פון ברעזשאַן אַ מיליטערמאַן אַף אַ „טריציקלעט״, לויפן אים די קינדער נאָך, אזוי ווייט, ווי זייערע אָטעמס גרייכן, קומען קריק מיט שטויב אַף די פּענימער, לויכטן ווי פון אַ גרויס געשעעניש, וואָס האָט אָפּגעפרישט דאָס לעבן.

היינטיקן פרילינג איז מיטן אָנקומען פון יאַנטעוו־שוואועס, און מיט דער גרינער צעבלעטערניש פון די גרויסע קאשטאַן־צווייגן, אראָפּגעקומען צו אונדז אַ נייע מישפּאָכע — אַזש פון באָכניע. אַ טאַטע, אַ מאַמע, אַ טאָכטער, אַ זון. בּאַ מיר איז דאָס אָנקומען פון דער נייער מישפּאָכע אַ סימען, אַז נאַראַיעוו וואָקסט. אַ נייעם גלאָק אין דער שקאָלע האָבן מיר שוין. נישט לאַנג איז דאָ בּאַ אונדז געוועזן אַ „בישיף״ אויך. און איצט קומט מען צו אונדז אַזש פון באָכניע. מ׳קומט זיך באַזעצן בּאַ אונדז. בּאַ אונדז...

איך פריי מיך זייער שטאַרק. ערשטנס, ווייל איך בין אימגאַנצן 12 יאָר אַלט. צווייטנס, ווייל ס׳איז פרילינג. דריטנס, ווייל איך האָב אַזאַ טייערן פעטער און אַזאַ וואוילע מאַמען און אַזאַ זיסע לייטשע. און פערטנס, ווייל איך האָב מיך באַקענט מיטן נייעם אינגל פון באָכניע, וואָס זאָגט „עץ״ אָנשטאָט „איר״, און „יאָך״ אָנשטאָט „עך״, און ער האָט אַזאַ שיין ווערטל ווי „גוטמאָרגן געלע, רעטעך טראָג איך״, וואָס ער זאָגט, אַז זיין שוועסטער פרידע האָט עס געהערט פון אירם אַ פריינדינע, וואָס איז געקומען פון ניי־אָרק. — נישט ניי־יאָרק, נאָר טאַקע ניי־אָרק, אָן אַ יוד... וואָס דאָס ליגט אויך אין אַמעריקע, און ס׳איז די ניי־שענצטע שטאָט אין דער גאַנצער וועלט.

מיין נייער כאווער האָט בלאָנדע, ברייטע פּייעס. מיט זיין קורץ נעזל, גלייכע האָר און הויכע שטשאָקעס, זעט ער אויס ווי אַ שייגעצל אין אַ לייבצידעקל און מיט פּייעס, און היימן הייסט ער — וועווטשי. און ער זאָגט אַליין, אַז אין באָכניע האָט מען אים

גערופן „וועווטשי מיט עפּעס“, דאַפאַר וואָס ער האָט שטענדיק ליב געהאַט ברויט מיט עפּעס, ווירשטלעך מיט עפּעס, באַרן מיט עפּעס. און ער גיט צו: אַפילו מיידלעך האָב איך אויך ליב מיט עפּעס. און (צו מיר): דו האָסט ליב מיידלעך?

איך פאַרשעם מיך, ווער רויט ביז איבער די אויערן, און וועוווטשי הויבט מיר אָן צו געפעלן, ווייל ער איז אַזאַ פריילעכער און אַ גרויסשטעטישער, און זעט אויס ווי אַ שייגעץ מיט פּייעס.

איך באַקאָן וועוווטשין באַלד מיט העשעלען, וועלכער איז די קרוין פון אונדזער קאַפּ. העשעלע מאַכט אַף דייטש: „האַבטאַך, האַבע די ערע!“ און וויל אים אַ דוצקע טון מיטן קאַפּ, ווי ס'איז זיין טעווע. נאָר וועוווטשי גיט אים אַ זעץ אין האַרץ אַריין מיט דער פויסט, אַז העשעלע ווערט אַזש ברוין־און־בלוי. העשעלע צעוויינט זיך און דוצקעט מיך. איך דוצקע אים קריק, און זאָג אים ער זאָל נישט זיין אַזוי. און אַז סע קומט אַ ניי אינגל, זאָל ער האָבן דערעך־ערעץ, ווייל קיינער איז נישט מעכויעוו צו וויסן, אַז ער דוצקעט־זיך — נישט פון שלעכטסקייט, נאָר פאַרקערט — פון גוטסקייט.

— גיי, ביזט אַ נאַר! — מאַכט העשעלע צו וועוווטשין. — ביזט אַ באָכניער נאַר.

— און פון אַ נאַראַיעווער נאַר הער איך עס! — מאַכט וועוו־טשי, שפּייט זיך אַרויף אַף די פינגער און גלעט זיך די גויעשע פּייעס.

— אַז סע געפעלט נישט נאַראַיעוו, פאָרט מען אַוועק.

— אַז סע געפעלט נישט באָכניע, שפּייעט מען מיט בלוט.

„וועוווטשי־מיט עפּעס“ האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אַף אונדזער העשעלען און וואָלט געוועזן געמאַכט פון אים אַ טעל, ווען וועוווטשיס טאַטע מיט דער שיינער באָרד, מיטן שטעקן און מיטן טפילין־זאַק אונטערן אָרעם, זאָל נישט געוועזן אָנקומען, בלייבן שטיין און זאָגן אַזוי זיס ווי צוקער־מיט־סאַם:

— וועוווטשאַלע טייערס!

וועוווטשי איז געוואָרן רויט־און־טויט. געבליבן שטיין מיט אַ פויסט אין דער לופטן, און ווי אַ הינטל מיט אַן אַראָפּגעלאָזט עקל. צוגעגאַנגען צום טאַטן. יענער האָט אים אָנגענומען באַ אַ פּייע און אַזאַ דריי געטון, ווי ער וואָלט זי געוואָלט אָפּשרויפן פונעם פּאָנים. דאָס אַלצדינג האָט וועוווטשעס טאַטע (ווי אַלע לייטישע, פרומע טאַטעס) געטון מיט אַ שמייכעלע... וועוווטשי איז זיך שיר פאַרגאַנגען, אַ געשריי געטון „אוי“, און איז דערנאָך, שטילערהייט, אַוועק מיטן טאַטן אין קלויז אַריין.

:: :: ::

וועוועטשי איז געוואָרן אונדזער „פירער“, אונדזער עלצטער. ער פלעגט אָן ראַכמאָנעס אָנרייצן אינגלעך אַף אינגלעך, הינט אַף הינט, קעץ אַף קעץ. אַז מ'האָט אים נישט געוואָלט פאָלגן, פלעגט ער ארויפוואַרפן אַף דיר צוויי גרויסע קאַסאָקע אויגן און זאָגן:

— איך זאָג דאָך עפּעס, צי ניין?!

און אַ טיפּע־געטון מיטן פוס.

איינמאָל האָב איך מיט וועוועטשין געהאַט אַ געקריג. וועוועטשי איז געווען אַ סאַך שוואַכער פון מיר, און איך האָב פון אים געקענט מאַכן פּאַריך. נאָר אָנשטאָט אַליין צו ענטפערן אַף מיין ארויסרוף, האָט וועוועטשי אַ זאָג געטון צום „געזונטן מענדל“:

— מענדל, הער נאָר וואָס ער זאָגט! איך וואָלט געוואָלט זען דו זאָלסט לאָזן שלאָגן אייער וועוועטשין... איך מיין, אַז סי וועט נישט קימען דאַצי. הא, מענדל? קוק מיר אין די אויגן אריין, אַז איך רייד צו דיר!

וועוועטשי האָט אַף אים ארויפגעטון אַ שמייכל, ווי מ'טוט־אָן אַ רינג אַף אַ בערס נאָז און — מענדל האָט שוין געפאָלגט. מיך געשלאָגן, געשלאָגן. וועוועטשי איז געשטאַנען מיט די הענט אין די קעשענעס און געשוויגן.

אין עטלעכע מינוט ארום האָט וועוועטשי אַ קאָמאַנדיר געטון:

— גענוג. איצט שלאָג דו אים, איציקל. לאָז דיך, מענדל. מוזט דיך לאָזן. איך הייס!

און צו מיר:

— דערלאַנג אים, נו. איך הייס!

כאָטש איך בין געווען שטאַרק אין קייעס אַף דעם געזונטן מענדלען, האָב איך אים פונדעסטוועגן נישט געוואָלט שלאָגן „פער קאָמאַנדע“. איך האָב זיך אויך אביסל געשעמט דאָס צו טון, דאַפאַר וואָס מענדל איז געווען אַ סאַך שטאַרקער פון מיר.

בין איך געבליבן שטיין מיט אַן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ און געזאָגט:

— איך בין דיר מויכל, וועוועטשי; איך וויל אים נישט שלאָגן.

— זאָג אים, אַז ער מוז דיך שלאָגן! — האָט וועוועטשי באַפוילן מענדלען.

— דו מוזט מיך שלאָגן! — האָט מענדל נאָכגעזאָגט ווי אַ פּאָפּוגיי.

— וויל איך אָבער נישט.

— דו מוזט.

— און אַז נישט?

— וועל איך דיך שלאָגן! — האָט געזאָגט וועוואטשי.
— דו — מיך?
— יאָ, איך — דיך.
— אנו פּרוּף!
אזוי ווי איך בין שוין געווען שטארק אָפּגעמוטשעט פון מיין געשלעג מיט מענדלען, האָט מיך וועוואטשי לייכט בייגעקומען.
אז ער איז ארויס דער געווינער, האָט ער געזאָגט צו מענדלען:
— איצט לאָז דיך, דו בולוואַן, וועל איך דיר א פּאַטש טון אין פּאָנים אריין, — נאָר דו זאָלסט נישט קריק־פּאַטשן, דו הערסט וואָס איך זאָג דיר? נו, שטעל אויף די באַק?!
דער געזונטער מענדל האָט אקעגנגעטראָגן די באַק מיט א שמייכעלע, וועוואטשי האָט אים א פּאַטש געטון, דערנאָך האָט ער געזאָגט:
— פון איצט־אָן בין איך דער פירער איבער אַלע נאראיעווער אינגלעך. ווענען איכ'ל עפּעס זאָגן, וועטן מוזן פּאָלגן. געדענקט־זשע וואָס איך זאָג. איצט רייבט זיך די נעז איינס אין ס'אַנדערע און בעט זיך איבער. איך היים!
איך האָב נישט געוואָלט רייבן די נאָז, אָדער זיך איבערבעטן, האָב איך זיך אויסגעקויפט מיט דריי ביינערנע קנעפּלעך, וואָס וועוואטשי האָט אָפּגעדרייט פון מיין העמד, און געזאָגט:
— דאָס איז שטייערן, אף לאָשן־קוידעש הייסט דאָס: מאַס. דאַפון נעמט זיך דאָס דייטשע וואָרט מאַסגעבענד. און איצט, שייסקערלען, לויפט אַהיים! איך היים!
מיר זענען ביידע אַנטלאָפן, איבער די אַקסלען אריבער נאָכ־געקוקט וועוואטשין, וואָס איז געשטאַנען אף א שטיין און געמאַכט מיט די הענט מיר זאָלן לויפן, לויפן.

:: :: ::

...און לייטשען האָב איך טאַקע ליב געהאַט, דאָס איז וואָר!
אין כאָלעם פלעג איך איר פלעכטן די צעפּ, אָנרירן די ניפּלען פון אירע בריסט, זי קושן אף די נאַסע, געשמאַקע ציין.
איך געדענק א שטייגער:
איינמאָל אין א זומער־נאָכמיטיק. דער טאָג איז געווען אָנ־געשוואָלן מיט זיסקייט און מיט ליבשאַפט.
איך בין געזעסן מיטן טאַטן אין פּראָשעס לערן־סאַליע און זיך צוגעהערט ווי דער טאַטע לערנט מענדזשע'ן דייטשע גראַמאַטיק. יענער האָט נעבעך געשטודירט אזוי שווער, אז אף דעם פּוכענעם גריבעלע פון דער אויבערשטער ליפּ איז בא אים געשטאַנען א

גרויסער טראָפּן שוויס. דערנאָך האָט זיך אים געלאָזט בלוט פון דער נאָז, און ער האָט געמוזט ארויסגיין צום לאָנקע־טייכל, פּארציען אביסל וואסער מיט דער נאָז. אז ער איז קריק־געקומען איז ער געווען בלאַס און רואיק, און האָט שוואך געשמייכלט. אפן ווייסן קאָלנער פון העמד איז בא אים געווען א בלוט־פלעק. מיין טאטע האָט אף אים ראכמאָנעס באקומען, און אָנשטאָט לערנען אים גראמאטיק, האָט ער אים גענומען דערציילן אף אויסנווייניק א מאַיסעלע פון „סיר גאַליווערס רייזן". מענדזשע האָט גאָר אָנגע־קוואָלן דאפון. ער האָט מיט זיינע גלאָזבלאָע טעמפּע אויגן ארויף־געקוקט צו מיין טאטן, געהערט מיט די ווייסלעך פון זיינע אויגן, מיט זיין בלאסער שפּיץ נאָז...

אף די לאנגע, פילקעסטלדיקע פראנצויזישע פענצטער האָבן זיך פליגן געשלאָגן קאָפּ אָן וואנט, געוויינט און געזונגען. אין ווינקל פון דער גרויסער סאַליע, באם פּאָרצעליינענעם אויוון, איז געשלאָפן א הונט, וואָס האָט זיך אוועקגעגאנוועט פון דעם דרויסנס היץ... דורך די לאנגע שויבן האָט מען געהערט און געזען ווי די פעלדער וואקסן. אינם טיפן גערשטן איז געלאָפן מיט קורצן אָטעם, און זיך אָנגעבויגן און אויסבאהאלטן א פארשייט ווינטל.

דאָ איז אריינגעקומען לייטשע. א זומערדיקע און אויסגעבאָדענע. מיט וואסער־פייכטע צעפּ. זי איז אריינגעקומען זייער שטיל. זיך אוועקגעשטעלט נישט ווייט פון אונדזער טיש, מיט א פינגער אף דער אונטערשטער ליפּ — סי האָט געהייסן: „זאָג נישט אוים קיינעם, אז איך בין דאָ דאָ".

איך האָב געקוקט אף איר שיין פּאָנים, געהונגערט און געדאָרשט נאָך דעם שמייכל, וואָס האָט ארומגעטאנצט אף אירע ליכטיקע ליפּן, ווען זי האָט פּלוצים ארויסגענומען פון איר פארטוך א ווייסע העניטשקע, זי שטילערהייט אָנגעבלאָזן, דערנאָך גענומען ציען די „פינגער" פון דער העניטשקע — אזוי ווי עס וואָלט געווען אָן אייטער פון א קו. בעשאס זי האָט דאָס געטון, האָט זי געוויזן מיט א פינגער אף איר ברודער מענדזשע'ן, וואָס האָט שוין ווידער געהאט א שוויס־טראָפּן אינעם ווייבערשן גריבל פון זיין אויבער־שטער ליפּ.

איך האָב זיך אָנגעבויגן הינטערן טיש, ווייל איך האָב געוואָלט לאכן, און איך האָב געזען, ווי בעריש פּאָסעסאָר קומט אריין אינע־ווייניק — אויך מיט זייער שטילע טריט. ער בלייבט שטיין און קוקט אף לייטשען, ווי זי מעלקט די העניטשקע, און נאָך איידער איך האָב צייט געהאט א געשריי צו טון און צו וואָרענען זי, לאָזט

ער איר אראָפּ אזא שווערן פּאטש, אז זי פאַלט אַנידער אַף דר'ערד.
— זאָ איינע —!
מער זאָגט ער נישט, דער פּראָש. ער גייט ארוים מיט זיין האַלב־קיילעכיקן גאַנג און לאָזט נאָך זיך אַ קנאַק פון אַ בייטשל.
מיין טאַטע ווייסט נישט אַקוראַט, וואָס דאָ האָט פּאַסירט. „צע־לאָזט" ער די שולע. זאָגט, אז סי וועט שוין זיין גענוג אַף היינט. ער פרעגט מיך, צי איך וועל גיין אַהיים. איך זאָג, אז ניין, איך וויל נאָך לערנען מיין לעקציע. דער טאַטע זאָגט: „גוט־גוט. אזוי איז גוט. אז דו לערנסט דיך האָב איך דיך ליב". איך גיב אים אַ קוש אין דער האַנט און ער גייט אַוועק.
אַז איך בלייב אַליין מיט לייטשען, גיי איך צו און זאָג איר:
— קום אין דרויסן ארוים, לייטשעלע. הייב דיך אויף. וויין נישט.
לייטשע וויינט נישט — סיי־ווי־סיי. זי האָט נישט קיין טעווע צו וויינען. זי איז נאָר אַביסל פאַרשעמט און ערנסט.
מיר גייען ארוים אַפן פעלד — דורך אַ הינטערשטער טיר.
איך העלף איר ארויפזעצן זיך אַף אַן אַלטער בריטשקע, וואָס שטייט דאָ מיטן „דישל נאָז" אַף דר'ערד, ווי אַ באַטשאַן וואָס שלאָפט שטייענדיק. איך זעץ מיך לעבן איר אינעווייניק אין דער בריטשקע. די קליינע האָבער־ווינטלעךריידן אונדז אַ שידעך. איך פיל מיך אזוי אומרואיק, ווי איך וואָלט געהאַלטן אַ צאַפּלדיקן פויגל אין דער הוילער האַנט.
איך זאָג צו איר:
— לייטשעלע.
— וואָס איז?
— גאָרנישט.
— דו ווילסט עפּעס?
— גאָרנישט.
לייטשע קוקט מיך אָן מיט קילע, אַטלעסענע אויגן, צעלאַכט זיך און זאָגט ווי טאָמיד אַף שפּאַס:

„הערד לערער,
הערד לערער,
וואָס איזט מיט אינען
דער מערער?"

— גאָרנישט, לייטשעלע. איך טראַכט בלויז פון דיין טאַטן.
— מיין טאַטע...
זי פאַרשעמט זיך, לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ, איך כאַפּ אים אַף

מיינס א שפּיציקן אַקסל, גלעט איר די האָר. טרערן קומען איר אין די אויגן.

— לייטשעלע!

— וואָס איז, איציקל?

— גאָרנישט.

— איך גלעט שטילערהייט ארויף א קוש אף אירע פייכטע, ערשט־געבאָדענע האָר. זי שפּילט זיך מיט די קנעפּלעך פון מיין וועסטל, איר קאָפּ נידריק לעבן מיין האַלדז.

און שיין איז די רעגע. זי טראָגט (ווי דער דייטש זאָגט) גאָלד אף די ליפּן.

— לייטשעלע טייערע!

— וואָס איז?

— דו וואָלסט געוואָלט, אז איך ———

איידער איך האָב צייט צו ענדיקן, איז לייטשע (מיט איין שפּרונג) אראָפּ פון דער בריטשקע. איך קוק מיך ארום: דער סטאַן פון מיין העמד איז ארויסגעשלעפּט איבער די הויזן. דאָס האָט מיר לייטשע אזוי אָפּגעטון, בעאיים איך האָב איר געקושט דעם קאָפּ, דעקלאַמירט מיינע שיינע פּסוקים.

אין א רעגע ארום איז זי שוין געווען איינגעשפּאַנט אין דער בריטשקע און זי האָט מיך (איר געליבטן) געשלעפּט איבער דער לאָנקע, ווי א פערדל. זיך אַליין אונטערגעטריבן מיט א „הייטאַ־ווישטאַ־וויאָ" און געלאַכט און געקוויטשעט.

:: :: ::

אָנהויב ווינטער איז דער פעטער איציק ווידעראַמאָל ערגעץ אהינגעקומען — מ'האָט נישט געוואוסט וואו. דאָס דאַמעלע מיט די ברונעלענע שיך און מיטן יאַקל וואָס איז געווען ווייס אף דער פּלייצע, פון רייבן זיך בא די דרויסנווענט, אויסצומיידן די בלאָטעס— דאָס־אָ דאַמעלע האָט זיך איניינעם מיט מיין פעטער אויך אויס־געלאָשן. אירע הויכגעפּוישטע ארבל, די ווייסע שפּיצן־שעיקע איבער איר האַלדז, וואו יונגע, טיפּבלאָע, פייכטע לעקלעך האָבן ארומ־געציטערט, ווי פראַגעצייכנדלעך צו א שטומער וועלט — דאָס אַלצ־דינג האָט זיך איצט געפעלט; אויפגעהערט צו קלינגען אין מיין האַרץ מיט זיין „וויען, וויען, שיין וויען", — אַליין האָב איך איצט דורך־די־נעכט מיין נעשאָמע געגעבן דעם ווינענדיקן ווינטל, וואָס האָט זיך פּאַוואָלי געאיילט אָנצוקומען ערגעץ.

מיטן טאַטנס אוועקפאָרן קיין אַמעריקע האָט זיך די אָרימקייט צעוואַקסן אין אונדזער שטוב ווי א שוועמל אין דער פינצטערניש.

דער דאָלעס האָט צענומען זיינע לאַנגע, דאַרע הענט אין דער ברייט און אַרומגענומען: די מאַמען, מיך, מיינע פיר שוועסטער, דאָס קליינע ברודערל, די מאָגערע קו־אַף־פּאַשע: דאָס קרוליקל, וואָס דער פעטער אליין האָט מיר איבערגעלאָזט אַ „נידיזשניע", — דורכן דאַך זענען אין ליכטיקע נעכט שטערן אַראָפּגעפאַלן צו אונדז אַפן בוידעם... (באַטאָג האָב איך זיי געזוכט און זיי נישט געפונען!) אַז ס'האָט גערעגנט, האָט אַריינגערעגנט גלייך איבער דער מאַמעס בעט. אַזוי ווי קיין דערוואַקסענע מאַנצביל זענען בא אונדז אין שטוב נישט געווען, איז קיינעם נישט איינגעפאַלן אַוועקצורוקן דאָס שווערע דעמבענע בעט ערגעץ אַנדערש, נאָר מ'פלעגט אַנשטעלן איבער דער מאַמעס הארץ אַ סאַך בעקעלעך. און דער רעגן פלעגט קלאַפּן און דולן און נודען מיט זיין איין־טראָפּיקן: „טיפּ־טיפּ".

אין אַזוינע נעכט פלעגט די מאַמע נישט קענען איבערדרייען זיך, אָדער אַ ריר־טאָן אין בעט, קעדיי די האַלב־אָנגעפילטע רעגן־געפעסן זאָלן זיך נישט אויסגיסן.

איז די מאַמע דאַפון מיטאַמאָל איינגעפאַלן, פאַרשלאָפט געוואָרן. דאָס פלעדערוווישל איז איר פלוצים אַרויסגעפאַלן פון דער ציכטיקער האַנט. זי האָט געזאָגט: „קינדער, איך בין פאַרביי. שיקטס נאָך אַ דאָקטאָר".

דערהערט דאָס וואָרט „דאָקטאָר", האָבן מיר זיך אַלע צעוויינט מיט אַ גרויס געוויין.

געקומען דער דאָקטאָר, האָט ער אונדז אַלע אַרויסגעטריבן פון דער שטוב, צוגעקייטלט די טיר, זיך געזאַמט העכער אַ שאָ, איז אַרויס־געקומען אַ צופרידענער און געזאָגט „טרויבן־קור", וואָס דאָס האָט געהייסן, אַז די מאַמע דאַרף עסן וויינטרויבן און וואָס דאָס איז בא אונדז קינדער געווען דער בעסטער סימען, אַז די מאַמע איז נעבעך גוט שלאַף. האָבן מיר זיך נאָכאַמאָל צעוויינט, ביז אונדזער שאָכנטע, יודל דעם בעקערס וויב, איז אַריינגעקומען, זיך אַ וויש געטון די נאָז אַרויפצו, מיט דער לינקער זייט פון דער מעליקער דאָלאָניע, און געזאָגט:

— האַצאַדראַלאַ. מ'וויינט שוין! סי הויבט זיך שוין אָן! גייטס אַרויס אין דרויסן אַרויס, לאָז מען אייערע פאָטער ווערן. די מאַמע וויל שלאָפן.

זי האָט אונדז אַלע געגעבן צו פרישע אייער־פּלעצלעך און אונדז אַרויסגעטריבן אין דרויסן אַרויס.

:: :: ::

צומארגנצו האט אנגעהויבן קומען פון ברעזשאן קוישלעך מיט וויינטרויבן. די מאמע איז געלעגן אין בעט א בלייכע, דאס ווערצעלע אף איר פאנים האט איצט געשיינט מיטן ליכט פון א בענקען, וואס איז אזוי ווייט אז ס'גרייכט אזש קיין אמעריקע. יעדער געבראכט קוישעלע מיט טרויבן איז טייקעף געווארן איבערגעדעקט מיט א ווייס האנטיכל.

נאראיעווער לייט האבן איצט ניט געזשאלעוועט קיין וויזיטן צו אונדז אין שטוב אריין. אלע ווילע האט זיך די טיר אויפגעמאכט, א מענטש איז אריינגעקומען. אויב א מאנצביל, האט ער געזאגט:

— ר' מאיר רייז'ס פרוי, וואס איז אייך?

אויב א ווייבספארשוין, האט זי געזאגט:

— חנה־חנה, איר מאכט זיך שוין ווידער נאריש!

און אלע זענען אוועקגעגאנגען מיט דער ווינטשעוואניע:

— זייטס געזונט, חנה... (אדער „ר' מאיר רייז'ס פרוי") זייט טאקע געזונט און מאכט זיך נישט נאריש!...

די מאמע האט אפירגעשמייכלט פון אונטער ווייס־ציכלדיקער קאלדרע אפיר. יעדעס מאל וואס די טיר האט זיך פארמאכט, האט זי א צופ געטון א וויינטרויבל פונעם קוישל, וואס איז געשטאנען לעבן בעט איבערגעדעקט מיט א האנטיכל (ווי עפעס א שלעכטע בסורע), עס צוגעטראגן צום מויל, יויצע־געוויען די רעפוע, צוגעמאכט די אויגן און געוויינט, מיט אזוינע שטילע טרערעלעך ווי די קלענצטע וויינטרויבלעך.

:: :: ::

סאף אסיען.

איבער נאכט איז דער לעצטער אסיען־רעגן פארשניטן געווארן פון דער וועלט. א יונגער פראסט איז געקומען מיט א גלעזערנעם בעזים און געמאכט א לייט פון אונדזערע בלאטע־בלאטערן. דארטן וואו ער האט געקענט, האט ער אויסגעשטאכן, און דארטן וואו דער בלאטע־בלאטער איז שוין בראנדיק געווארן, האט ער אים ארומגעלייגט מיט אייז־פלאסטערס. אין שיטערע בלאטקעלעך האט ער אריינגעשטעלט שייבלעך, זיי זאלן קענען אפירקוקן צום הימל...

און ווייל אין אונדזער שטוב האט געשמעקט מיט דער מאמעס בענקשאפט, וואס האט געלייגט א בריק פון נאראיעוו ביז ניו־יארק, און ווייל דאס וועטער איז געווען ליכטיק און קאלט און דין און טערפקע, דאפאר האט עפעס א געפענטעט גאלדן געפיל צענומען די פליגלען, און מיך גענומען טראגן צו דער זון.

דער פּלאַם פון מיין בענקען איז געווען צעשפּאָלטן: איין ברעג פּלאַם האָט דערגרייכט מיין טאַטע־מאַמע, דער אַנדערער ברעג — מיך אַליין, אין מיין יונגער אויפגעוועקטקייט, וואָס האָט געהאַט טויזנט אויגן, טויזנט אויערן, טויזנט הענט.

דעמאָלט האָט זיך קיין נאַראַיעוו אַראָפּגעלאָזט אַ גערעקטע, קלינגענדיקע בויד מיט ציגיינער.

די בויד איז געקומען מיט פּאָנען און מיט פּייפל־רוף. די ציגיינער־מענער האָבן געהאַט אוירינגלעך און גאָלד־געהאַפּטענע קופּקעס אַף די קעפּ, ברייטע גאַרטלען מיט צויטן.

די פרויען זענען געווען אָנגעטון ווי אַ רעגנבויגן, און — זיי האָבן געבליצט. די קינדערלעך זענען געווען דער טומלדיקער דונער אַרום די געפאַרבטע רעדער, וואָס זענען געבליבן שטיין נישט ווייט פון אונדזער שטוב, באַ דער „רישנער וויליצע“, (גויעשע פּלויטן עפענען זיך דאָרט אויף, צום דאָרף צו, און פון הינטער געפלאָכטענע שאָפּעס לאַכן לאָשיקעס אַרויס און עס הירזשען פערד)...

:: :: ::

אַז ס׳איז אָנגעקומען די ציגיינערשע בויד האָב איך מיך נישט געהאַט געריכט, אַז דאָס זאָל האָבן אָנגעקומען אַ וואָגן מיט... פייער, און איך האָב נישט געקלערט, אַז מיין לעבן איז נישט סעקורירט אינערגעץ. איך האָב נאָר געטראַכט (אָן ווערטער, אָן ליטעראַטור): נאַראַיעוו איז מיר אַ שיינער שטיין אַפּן האַלדז, אַ שווערע צירונג, וואָס ווילדע מענטשן טראָגן אין דער נאָז, אין די אויערן. די ציגיינער וועלן מיר העלפן אַראָפּנעמען פון זיך אָט־דעם האַרטן ציר־שטיין און אָנטון אַף זיך די — ליכטיקע, ווייטע, גרינגע וועלט.

איך האָב זיך אינגאַנצן איבערגעענטפערט צום געפיל פון אַזוינע באַלוימעס, וואָס האָבן גרינגאָדלענע פיסקלעך און פליגלען פון פּאַר־שטיינערטן שניי...

פאָרן, גיין, באַוועגן זיך! אַ געפיל פון גלאַטן אויסשיילנזיך פון דעם רומונאַרום, אַזוי ליב און געשמאַק און גרינג, ווי דאָס אָפּשיילן פון אַ האַרט איי.

פון וויען זענען געקומען צו מיר דייטשע בריוו פונעם פּעטער איציק, געשריבן אין אַ פּערלדיקן גענדזנפעדער־קסאַוו.

דער פּעטער האָט מיך פון וויען אויסגעלערנט פּיינט־האָבן דאָס קליינע העק, דאָס וויסטע נאַראַיעוו, מיט זיין קליין לעבן, וואָס איז ווי דאָס לעבן פון בלינדע מויל־ווערים.

ער האָט געשריבן:

...„האָסט אַמאָל געזען ווי אַ מוילוואָרעם גראָבט זיך אויס אַ

גריבל אין פעלד, וואַרפט אַרוים פון אויבן די אויסגעגראָבענע שיטערע ערד. דערנאָך, אַז ער דערזעט די לויזע ערד, ווערט דער מוילוואָרעם דערשראָקן: פיינטלעכע כאַיעס, אַז זיי וועלן דורכגיין, וועלן זיי דערקענען, אַז דאָ איז אַ מוילוואָרעם־גריבל. רופט דער זיידע מוילוואָרעם צענויף אַלע קליינע ווערים־לייט פונם גריבל; מ׳האַלט אָפּ אַן אַסיפע און עס בלייבט מע זאָל אויסגראָבן אַ ניי גריבל אַף צו באַהאַלטן די לויזע ערד פונם אַלטן גריבל... נאָר אַזוי ווי קעדיי אויסצוגראָבן דאָס נייע גריבל דאַרף מען דאָך אַרויס־וואַרפן ערד — בלייבט די זאַך נישט פאַרענטפערט. רופט מען ווידער אַן אַסיפע פון מוילווערים און סע ווערט אָפּגעמאַכט, אַז מע זאָל גראָבן נאָך אַ ניי גריבל...

„נאַראיעוו, מיין טייער איציקל, איז אַ גריבל... ראַהאַטין איז אַ גריבל. ברעזשאַן איז אַ גריבל, סאַסעוו איז אַ גריבל... דאָס האָבן מענטשן־מוילווערים אויסגעגראָבן אַף צו באַהאַלטן דעם אומעט, דעם טרויער פונעם ערשטן גריבל — פונעם ערשטן שטעטל...”

און דער פעטער האָט אויסגעפירט אין זיין בריוו אַזוי:

...„אַזוי גיך ווי דו וועסט קענען שטיין אַף דיינע אייגענע פיס, איציקל, זאָלסטו נעמען סאַקונפּאַס און אַנטלויפן אין דער וועלט אַריין... האָב קיין מוירע נישט, איציקל, אומעטום זענען מענטשן — מענטשן. די נאָז וועט דיר קיינער נישט אָפּבייסן אין ערגעץ. ברויט און וואַסער און אַ שטיקל הימל וועסטו אומעטום געפינען...

... „פאָר אַוועק, איציקל! ראַטעווע דיך פון נאַראיעווער לוידיקע טעג, וואָס שלינגען מענטשן און — פאַרדייען זיי נישט.

... „גאָט, אָדער די נאַטור, האָט די וועלט אַוועקגעשטעלט סאָליד און מיט אַ סייכל: אַ שטיקל ברויט (ערד), אַ ביסל וואַסער (טייכן), אַ בלאָען דאַך איבערן קאָפּ, באַצירט מיט גינגאָלדענע קנעפּלעך באַ־נאַכט און מיט אַ לאַמטערן ווי אַ רעדל באַטאָג, קעדיי מע זאָל קענען טרעפן אַהיים, מע זאָל נישט בלאָנדזשן... דער גרויסער ערד־טיש איז געגרייט מיט בלימלעך און זענגלעך אַלערליי, אַלדינג אין דער נאַטור זאָגט: „זעץ דיך אַוועק און לעב געזונטערהייט, און מאַך דיך היימיש!”

דעם פעטערס בריוו זענען געווען ווי פעטערס איידעלע, וואָס בלאָזן אָפּן פייער. ניין, זיי זענען אַליין געווען געשניטן פון פאַר־גליווערט פייער!

:: :: ::

איך בענק נאָך דעם זוניקן מיסט פון מיין יוגנט,
נאָך דולע פרימאָרגנס, וואָס לאַכן מיט טרערן;
איך בייגק נאָך די גאָלדענע פרישטשעס אין הימל,
וואָס נאַראַיעווער אידן רופן אָן „שטערן"!

מיין רעבע ר' „עוועדיע" זעט אויס ווי א הענדל, וואָס מ'האָט עס געקוילעט און אָפּגעפּליקט (ארום האַלדז, הינטערן צעוואָרפענעם טשיביק-בערדל איז בא אים נאַקעט) און אים נישט דערקוילעט. ווי אַלט קען ער זיין, דער רעבע מיינער? דאָס קען מען נישט וויסן — א „גרויער מענטש" ווערט נישט גרוי. לויט זיין, וויסט, פאַרהונגערט פּאָנים איז שוין זיין קאָפּ טונקל.

דעם רעבנ'ס שטוב איז אָנגערויכערט געדיכט, ווי א קרעטשמע. דער רעבע פאַרציט נישט דעם רויך פון דער ליולקע, נאָר ער בלאָזט אים פון זיך אוועק, ווי ער וואָלט אים נישט געקענט ליידן. „פּאָפּ-אָפּ", בלאָזט ער דעם רויך פונעם צעביסענעם ליולקע-מונדשטיק. ער ליגט אין בעט, עס זעט זיך ארויס בלויז איין באַק, וואָס בלאָזט פון א ווינקל מויל. באָרד און פּייע אונטערגעבונדן מיט א בלאָע פאַטשיילע מיט ווייסע טופּעלעך. ס'רייסט אים א צאָן. אָן אויג איז אים פאַריאַטערט און סי קוקט אזוי בידנע אַף דער בידנער וועלט. אָפן ברודיקן ליימיקן „דיל" שטייען צוויי געשערבעטע טשייניקלעך. דער רעבע פאַרעט זיך שטענדיק, אָדער די ציין, אָדער אָן אויער. ס'הארץ איז אים פאַרכריפּעט, ווי מ'וואָלט דאָרט געזעגט האָלץ. ס'איז נעבעך נישט גוט, דעם רעבע'ן, פּאַטשט ער מיט האַרטער, ברעטלדיקער האַנט. קנייפּט מיט א דין קניפּעלע, וואָס גייט אַריין אין פליש ווי א בים פון א בין.

באַם טיש, ווענעם ברעגעס זענען צעשניטן און צעאַקערט פון אונדזערע פען-מעסערלעך, זיץ איך און נאָך 4 כאַשעווע אינגלעך, פון מיין עלטער (ארום 12 יאָר). מיר זיצן אַף דער פאַרנאַוויון-באַנק און מיר שאָקלען זיך צום ריטם פון שאַטנס, וואָס שאָקלען זיך אַף די ווענט, ווען דער לאָמפּ ברענט, מיט א קרום-פאַרשווירענעם שפּיץ.

ס'דאַכט זיך, אַז דער לאָמפּ הערט זיך איין אין דעם „בלאַט גמאָרע". ער שאָקלט צו מיטן ברענענדיקן קעפּל ווי א סימען, אַז ער פאַרשטייט אַלצדינג וואָס מען רעדט...

ר' זימל, דער איד פון דער „קרול-הוטא", זיצט צישן אונדז אינגלעך און לערנט גלייך מיט אונדז. נאָר אָנשטאָט וואָס מיר זאָגן דעם „שיעור" ארויס אַף א קול, וואַרטשעט ער די ווערטער אריין

אין זיך, אין דער קלאָטשיקער געלער באָרד אריין. ר׳ זימל טראָגט א גרויע קאַמגאַרענע זשיפּיצע, א גרינעם טוכענעם קאַפּעליש, וואָס זעט אויס ווי א האַלבער צילענדער איבער א יאַרמיקע, וואָס רוקט זיך אראָפּ טיף איבער א רויטן, גולקעוואַטן קאַרק. זיין קאָפּ איז שאַרף געגאָלט ביז צו די פּייעס, וואָס זעען אויס ווי זיי וואָלטן געווען צוגעקלעפּט צו ווייסער סיראַטקע...

„דער איד פון דער קרול־הוטא” האָט ברעמען קימאַט ביז איבער די אויגן. אין דער נאָז וואַקסט בא אים א גאַנץ וואַלד. אין די אויערן אויך. זיינע הענט־פלאַכן זענען באַוואַקסן מיט לאַנגע האָר.

די פינגער זענען בא אים ברייט און האַרט, צעריסן און צע־קאַליעטשעט פון שווערער אַרבעט.

זינט ס׳וויב זיינס איז אים אָפּגעשטאָרבן און ער האָט אויס־געשפּילט אין דער לאָטעריע, האָט „דער איד פון דער קרול־הוטא” זיך גענומען צוגרייטן ער זאָל „נישט קומען אַף יענער וועלט מיט ליידיקן”. ער האָט אָנגעהויבן גיין אין כיידער אריין צו ר׳ עווערי׳ן און לערנען טוירע, גלייך מיט אונדז, יונגע אינגלעך.

:: :: ::

ס׳איז ווינטער.

נאַראיעוו איז ווי א ווערעמדיקע פלוים, אָפּגעגלייזט מיט צוקער. ברענענדיקער פראָסט גליט אינעם פייערטאָפּ פון הימל. טעג זענען קורץ און פול מיט ווייסן וואונדער. פאַרנאַכט שטייען אָפן הימל זון און לעוואָנע — איינס קעגן ס׳אַנדערע, קוקן זיך אָן, האַלטן זיך אָנגעצויגן און קיל. „מע ווייסט נאָך נישט, ווער איז מער מעיוכעס, וואַרטס נאָך אויס!”ביידע זענען קימאַט פון דערזעלבער פאַרב, פון דער זעלבער גרויס. די קעלט האָט אָפּגעבליאַקירט די זון: די לעוואָנע — ביי טעווע א בלאַסע, א דערשראָקענע, שעמט זיך היינט נישט אריבערצוקוקן צו דער רייכערער „שוועסטער, אַף יענער זייט וועלט”, זי מאַכט זיך האַרץ און שמייכלט אַפילע.

— לעוואָנע, לעוואָנע, — זאָגט די זון, — וואָס הערט זיך עפּעס בא דיר?

— זון, זון, — ענטפערט די לעוואָנע פון יענער זייט הימל, — וואָס זאָל זיך הערן? מ׳דרייט זיך...

— גיב אַכטונג, ווי דו לאָזט דיך אראָפּ דאָרט הינטערן באַרג, שוועסטערשע, — זאָגט די לעוואָנע.

די „אראָפּ־געקומענע” נגידישע זון ענטפערט נישט. זי באַלאַנ־סירט זיך אַף א וואָלקנפערד, לאָזט זיך אראָפּ אין טאָל אריין, טונקט

זיך אונטער אינעם פּאַטיק פון קאַלטן פייער, און — קומט נישט אַרויס מער.

די לעוואָנע זוכט זי קלוימערשט אַרום, אָבער „אין האַרץ" האָט זי האַנאָע דאַפון וואָס זי איז דערוווייל געבליבן איינע אַליין אַפן הימל. זי רופט צו זיך די שטערן, ווי אַ פּאַסטעך רופט די שאָף, נעמט שפּילן אַף איר פּערלמוטערנעם האָרן.

:: :: ::

דער רעבע האָט אַ בען־יאָכידל, הייסט ער טשימווישע (איטשע משה), אַ אינגל פון אַ יאָר 17. האָט ער אַ וואַסערקאָפּ. עס דאַכט זיך, ער טראָגט אַ מין שפּיציק דעכל געדעקט מיט שוואַרצן, פאַררייכערטן שטרוי. ער גייט שטענדיק אַרום מיט אַן אָפן מויל, ווי ער וואָלט געהערט נישט מיט די אויערן, נאָר מיטן מויל. ער האַלט די הענט הינטערן קויטיקן צעפּעצטן בעקעשל און רעדט ווי צו זיך אַליין:

מינדער בינדער, קימץ אַראָו
אין דער שאַינער שטיב אַראָו,
מינדער בינדער, קימץ אַראָו!

דאָס איז באַ אים אַ מין ליד, אַ טפילע אָדער אַ געוויין. די מוטער שמירט אים דעם קאָפּ מיט געלער זאַלב, און גייט פאַרזעכטיק מיטן קעמל, ווי איר בען־יאָכידס „מויעך" וואָלט געווען פון אייער־שאָלעכץ. יעדעס מאָל וואָס ר' עוועדיע שטרעקט־אויס די האַנט אים צו דערלאַנגען אַ זעץ — טראָגט זי זיך אונטער און וואָרנט:

— נאָר נישט אין קאָפּ אַריין, דו היצל! נאָר נישט אין קאָפּ! (גליך ווי מ'וואָלט נאָך געקענט ערגער מאַכן!).

דאָס בען־יאָכידל טשימווישע בלינעט און קוקט מיט אויסגע־לײדיקטע אויגן אין פענצטער אַריין. זיינע אויגן זענען ווי בלינדע שויבן, וואָס מ'האָט זיי פאַרטונקלט מיט זייף און נישט אינגאַנצן פאַרטונקלט. ער רייבט זיך אַרום אויוון, וואו די קאַץ ליגט. די פּלייצע פון זיין בעקעשל איז באַ אים שטענדיק ווייס פון קאַלעך.

טשימווישע שפּילט זיך מיט אַ ביינערן רינגעלע, שטופּט אַריין דעם פינגער, לאַכט מיט אַ שפּייעכצדיק געלעכטערל און זאָגט:

— מאַידול!

אַז דער רעבע דערהערט דאָס וואָרט „מיידל", גיט עס אים אַ הויב פונעם באַמבעטל, ער ווערט מאָלע־רעציכע. ער צעשרייט זיך:

— דו! דו... אַנו!... אַהער גיי צו מיר!

טשימווישע לאַכט און סלינעט:

— כ'ווינ'ש גאָין, טאַטע. עסט מיך שמאַהסן...

ר׳ עוועדיע קריכט אראָפּ פונעם באַמבעטל. טשימווישע שטייט רואיק לעבן אויוון און לאַכט און סלינעט. דער רעבע — אָנגעשפּאַרט אַף זיין שטעקן — קריכט אין איין פּאַנטאָפל און קרעכצט. קריכט ווי אַ שפּין צו׳ן אַ פליג, קריכט זיכער און שטיל. טשימווישע רירט זיך נישט. ער האַלט אין דער האַנט די קופּערנע וואַסערקוואַרט, וואָס ער האָט אַראָפּגענומען פונעם האַלבן דעק פונעם פּעסל, שפּיגלט זיך אינעם קופּערגלאַנץ און לאַכט:

— מאַידול!

פונעם אַלקער הערט זיך דער רעביצנס רוף:

— נאָר נישט אין קאָפּ אַריין, דו היצל!... נאָר נישט אין קאָפּ!

:: :: ::

די רעביצן איז אַ שטיקל שוואַטשקע (נייטאָרין), האָט זי אַ „זינגער־קעפל״, וואָס זי דרייט מיט דער האַנט. זי נייט העמדער פאַר נאַראַיעווער מיידלעך און פאַרדינט דאַביי עטלעכע גראַצער.

שטייט דאָרטן באַ איר אין אַלקער אַ כוץ די זינגער־מאַשין, אויך אַן אָנגעשטאָפּטע פיגור, אָן אַ קאָפּ, וואָס די רעביצן האָט געקראָגן בעירושע פון איר טאַטן דעם שניידער; שטייט מיט אַ צעפליקטן בויך אַף איין אייזערנעם, קאַלטן, פאַרזשאַווערטן פוס. אָפּן „קאָפּ״ איז דעם רעבנ׳ס שאַבעסדיק שטריימל, מיט די אויסגעריבענע פוקסן־עקן. אַף דער ברוסט ליגט אַ ווייסע „שעיקע״ פון אַ מיידלש העמד, וואָס די רעביצן פריפּט צענויפשפּיליען צו די איבעריקע קלאָר־ווייסע העמד־גלידער.

טשימווישע שטייט און קוקט און גאַווערט.

יעדעס מאָל וואָס זיין מאַמע נעמט אַרויס פון מויל אַ שפּילקע צו פאַרשפּיליען אַ נאָט, צעלאַכט ער זיך. זיינע הענט קריכן אַריין און אַרוים אין זיין קויטיקער פאַזוכע. זיינע פייעס שטייען אָפּ פונעם פּאָנים ווי קראָכמאַלעטע, און די אויגן צעברענען זיך.

אַז די רעביצן דערזעט טשימווישען, פרעגט זי אים:

— וואָס שטייסטו דאָ?

— עך שטאַי...

— וואָס קיקסטע?

— עך קיק.

— ווילסט עפּעס?

— מאַידול...

פון יענער זייט הערט זיך דעם רעבנ׳ס פאַרצווייפלט קאָל:

— ער האָט שוין ווידער געזאָגט?...

:: :: ::

לערנען קיין סאַך וויל איך נישט. נאָר דער האַרבער רייעך פון ר' עוועדיע'ס כיידער וועקט אין מיר אַפּעטיט צום כאָלעמען, ווי ציבעלעס וועקן אַפּעטיט צום עסן.

אַמאָל ווער איך פון דעם טונקעלן רייעך אַנטשלאָפן איבער דער גרויסער גמאָרע, וואָס גיט פון זיך אַרויס אַן איבלדיקן טאַם פון אַלטע טרערן, פון לעכט־ביילעוו, פון ראָץ, פון שוויס, פון טאַביקע. דעמאָלט וועקט מיך ר' עוועדיע אויף מיט אַ קניפּעלע אין אַ ליטקע. איך כאַפּ מיך אויף ווי פאַרסאַמט פון אַ פליגן־בים, קוק מיך אַרום, דערזע דעם רעבן, כאַפּ מיך וואו איך בין, שפּרינג אַפּיר פון דער באַנק און שריי אויס:

— כ'האָב אייך אין דר'ערד, רעבע! דער שלאַק זאָל דיך טרעפן!...

איך צעוויין מיך פון קייעם און ערגערניש און לויף אַהיים.

אַז איך דערצייל עס דעם טאַטן, גלעט ער זיך די רויטלעכע באָרד מיט די שיינע קרויזן און ער זאָגט:

— איך וואָלט נאָר געוואָלט וויסן, פאַרוואָס קניפּט ער עפּעס דאַווקע דיך, דער רעבע, פאַרוואָס קניפּט ער נישט וועלוועלען, אָדער בעניען, אָדער...

— ער קנייפּט זיי אויך, טאַטעשי!

— העז, אַז ער קנייפּט זיי אויך, וואָס־זשע האָסטו ווידער פאַראיבל?...

באָם טאַטן לייגט זיך אַפּן סייכל, אַז אויב ער קנייפּט אַלעמען, איז דאָס קיין אַוולע נישט...

אַז איך קום אַמאָל אַהיים מיט אַ צעבלוטיקטער נאָז און איך דערצייל אים, אַז אַ אינגל האָט מיך געשלאָגן, מאַכט ער:

— אומזיסט, מיין קינד, שלאָגט מען נישט. מיסטאָמע האָסטו אים פריער געשלאָגן!

אַז דער פעטער איציק דערהערט דאָס, צינדט זיך אין אים אָן אַ פייער:

— הער נאָר אַ כאָכמע! „אומזיסט שלאָגט מען נישט". אויב אומזיסט שלאָגט מען נישט, הייגט ווי אַזוי לייגט זיך אַפּן סייכל, אַז ער (ער ווייזט אַף מיר), אַז ער זאָל שלאָגן אומזיסט?... אַזא כאָכמע קען נאָר איינפאַלן אַ דייטשן לערער, וואָס שטאָפּט ס'אינגל זיינס מיט יאָרדאַק!... (אַזוי רופט מיין פעטער איציק דעם „יורה־דעה").

און צו מיר מאַכט ער:

— קום אַהער, איציקל, וויין נישט.

ער זעצט מיך אַנידער אַף זיין שפּיציקער, דאַרער, הויכער קני, גלעט מיר די שטיקלעך פּייעס און זאָגט:

— דו הער נאָר וואָס דיין טאַטע זאָגט, ועסטו וואַקסן אַ לייט אַזוי ווי ער!... אַף די עלטערע יאָרן ועסטו ווערן אַ דייטשער מלמד באַ פּראַש'ן.

אַז דער טאַטע דערהערט אַזוינע רייד, לאָזט ער אַראָפּ די הענט אַףביידע זייטן, ווי פּאַסאַזשירן, וואָס זענען שוין זייערס אָפּגעפאָרן, דרייט זיך אַוועק צום פענצטער און פאָרעט זיך דאָרט אַרום די אויגן מיט זיין נאָזפּאַטשיילעכן.

:: :: ::

איינמאָל אַן אינדערפרי, אַז איך בין געקומען אין כיידער אַריין, איז דער רעבע נישט געווען אין שטוב. ער איז געווען באַם דאַווענען. די רעביצן איז געגאַנגען ערגעץ אָפּטראָגן אַ העמד. פון די אַנדערע טאַלמידים איז אויך קיינער נישט געווען. טשימוישע איז געווען אַליין אין שטוב, ער איז געגאַנגען אין דער הוילער בעקעשע, אַן הויזן, געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ, מיט די הענט אָפּן געזעס, און גערעדט צו זיך אַליין:

„מינדער בינדער, קימץ אַראַן".

איך פרעג אים:

— דער רעבע נישטאָ?

— נישו...

— דיין מאַמע?

— נישו...

— און וואָס טוסטו דו?

— עך? עך שפּיל מאַך.

— מיט וואָס?

— מיט מאַידלוך!

— וואו האָסטו מיידלעך, טשימוישע?

— אָ־דאָ־אָ, האָב איך!

טשימוישע טוט אַ ווייז מיט אַ פינגער אַף דער „פיגור" אין זיין מוטערס אַלקער, און זאָגט:

— ער — מאַידול... עך — אינגל... דו ווילסט זען?

נאָך איידער איך האָב געהאַט צייט עפּעס צו ענטפערן, איז טשימוישע געווען באַ דער פיגור, האָט זי שטאַרק אַרומגענומען, גע־

סאָפּעט, געקרעכצט, געלאַכט, געסלינעט. דערנאָך איז ער אוועק־געפאַלן אַף דר'ערד אינאיינעם מיט דער פיגור און זיך גענומען וואַרפן. די אויגן האָבן זיך אים איבערגעקערט, די צונג איז אים אַרויסגעהאַנגען... ער האָט געסלינעט שטאַרקער ווי טאָמיד, בעאיים ער האָט געהאַלטן די „פיגור" פעסט צונויפגעקרעמפּעוועט אין זיינע אָרעמס, די בעקעשע צעשפּיליעט. —

איך האָב מיך דערשראָקן אַף טויט, אַרויסגעלאָפן אין דרויסן אַרויס און גענומען שרייען:

— געוואַלד!!

:: :: ::

מיט דער רעביצן געדענק איך: אַ פּייסעך־באַטאָג. איך קום אין כיידער אַריין אַביסל איבערזאָגן דעם „שיעור". דער רעבע ליגט אין באַמבעטל, אָנגעטון אין אַ ניי העמד, אַף וועלכן עס זענען דאָ געבלאָעטע פלעקן פון נישט־צעפּירטן קראַכמאַל. זיין לימענע־פּאָנים איז היינט מער פּאָמעראַנץ ווי לימענע. דאָס קויטיקע בערדל זיינס ליגט זיך שטיל איבער דער קאָלדרע און שלאָפט ווי אַ מיד קעצל אינעם אָפּליכט פון אַ פרישער, ווייסער ציך.

באַ דער טיר דאָס פעסל וואַסער, גוט צוגעדעקט מיט אַ זאַק. אין ווינקל אַ פעסל באָרשט. אַפן טיש בלאָע קויסעס, אַ ביטעליע וויין.

דעם רעבנ'ס בערדל שלאָפט געשמאַק ווי אַ קעצל. וויוואויל דער רעבע אַליין האָט האַלב־צוגעמאַכט אויגן. האָט נישט קיין קויעך זיי אינגאַנצן צוצומאַכן אַפילע ווען ער שלאָפט, און זיין האַרץ „זעגט האָלץ".

— גוט יאָנטעוו, רעביצן!

— גוט יאָנטעוו, איציקל. ששאַ, וועק נישט אויף דעם רעבן. נעם וואַש דיר די הענט, איציקל.

— איך האָב מיר ערשט געוואַשן די הענט, רעביצן!

— וואַש דיר נאָכאַמאָל. ס'איז פּייסעך.

איך וואַש מיר נאָכאַמאָל די הענט, גיס־אָפּ מיט דער נייער גלאַנציקער, טויט־בלעכענער קוואַרט, וויש מיך אָפּ מיט אַ ניי, קויטיק האַנטוך.

איך זעץ מיך אַנידער באַם טיש. הוסטל אַביסל, כדי אויפ־צוּוועקן דעם רעבן. אָבער דאָס מאָגערע, אַלטע בערדל ליגט שטיל און קאַסאָקע אַף דער ציך. עס גלאַנצט ווי אַ שטיקל פּאָן פון אַ מענטש וואָס איז פאַרלוירן אין דער ווּיסטעניש און וויל מ'זאָל אים קומען ראַטעווען.

איך לען מיך דערוויל אָן איבער אַ גרויסער פאַרשמאָלצענער גמרא מיט צעריסענע לייוונט־טאָוולען, קוק אַריין אין דעם יאַריד פון אויסיעס, און מיין קינדעריש האַרץ הייבט אָן דאַפּן צו שוואַכן.

איך קוק זיך אַרום אין דער באַנייטער, פּייסעכדיקער שטוב: טשימווישע ליגט אַפן פּעקאַליק מיט אַן אויפגעהויקערטן רוקן צו מיר און שנאָרעכט. אַ פוס זיינער הענגט אַראָפּ איבערן ראַנד — אין אַ געגלאַנצטן פּייסעכדיקן שוך אָן אַ זאָק.

די קאַץ גייט אַרום מיט שטילע טריט און מיאַוקעט. עס איז איר אַפּאָנים אַ בידעש: פאַרוואָס הערט זי אירע אייגענע טריט נישט? זי זעט אַף אירע פיסלעך ווייסע זאַכן, מיינט זי אַז זיי זענען מייז, וויל זי זיי כאַפּן און קען נישט. גיט זי אַ לויף אַהין און בלייבט שטיין, ווי אָפּגעשניטן מיט אַ מעסער. זי פּרופט זיך אַליין כאַפּן — פון אַן אַנדער זייט, און בלייבט ווידער שטיין פאַר־גאַפט און צעמיאַוקעט זיך, ווי אַ קימפּעט־קינד. זי ווייסט נישט, אַז דאָס האָט איר די רעביצן אַרומגעבונדן די כאָמעצדיקע פיסלעך מיט ווייסע, ריינע, קאָשערע שמאַטקעלעך, לקאָוועד פּייסעך.

דעם רעבנ׳ס שיווע בערדל שלאָפט זיך שטיל. אַ ברוינע, שיינע פלוי שפּרינגט דערויף אַרום, אַזוי פריילעך. זי היפּערט אַרויף־און־אַראָפּ, ווי דער שפּיץ פון אַ נאָדל־דינעם וואַסער־שטראַל וואָס קומט פון אַ שפּרינג־ברונעם. טשימווישע׳ס דינער, נאַקעטער פוס־קנעכל הוידעט זיך אין דער גרויסער, געפּוצטער שוך־שקראַבע.

די רעביצן פרעגט:

— אַ מאַצע מיט ווין וואָלסטו געוואָלט, איציקל?

— פאַרוואָס נישט?

— אָט גיי איך אַרויף אַפן בוידעם אַראָפּברענגען מאַצעס.

— איכ׳ל אַליין גיין ברענגען, רעביצן.

נאָר די רעביצן וויל זיך נישט פאַרלאָזן אַף מיר. זי געטרויעט נישט מיין פרומקייט. אַפּאָנים זי האָט מוירע, אַז איכ׳ל עפּעס כאָ־מעצדיק מאַכן.

— ניין, ניין, איציקל, מ׳דאַרף נישט. איכ׳ל אַליין. היינט איז פּייסעך. קום, וועסטו צוהאַלטן די לייטער.

מיר זיינען אַרויס אין הויז אַריין (אַ „הויף", אָדער אַ קאָרידאָר, הייסט אין נאַראיעוו אַ „הויז"). די ברודיקע לייטער איז געווען צו־געשטעלט צום בוידעם־לאָך, פון וועלכן עס האָבן אַראָפּגעהאָנגען אַלטע פעדים היי, איך האָב זי אַ רוק־געטון אַביסל צו זיך פון

אונטן, קעדיי זי זאָל שטיין מעשופע און פעסט. די רעביצן האָט גענומען קריכן, קריכן, שפּאַרן זיך מיט די קניעס צו די שטאָפּלען און קריכן.

איך האָב געזען ווי די הענט זענען באַ איר אַרויסגעשטעקט אַף די זייטן, ווי נישט־באַהילפיקע, דינע, לעבעדיקע דרענגלעך מיט קאָרטשעס. האָב איך מיך אָנגערופן:

— רעביצן, האַלט זיך צו מיט די הענט, אַנישט וועט איר אַראָפּפאַלן.

זי איז געבליבן שטיין אַף אַ מיטלסטן שטאַפּל, אַראָפּגעקוקט צו מיר פון הינטער אַ ווייס־אַטלעסנער פאַטשיילע, וואָס איז געווען פאַרנומען הינטער די אויערן און האָט אויסגעזען ווי אַ פּאַפּירן פייגעלע, וואָס קינדער מאַכן, און זי האָט געזאָגט:

— אַז די לאַיטער איז כאַמעציק — דאָס וואַיסטע?

די רעביצן האָט ווייטער געקלעטערט אַף דער לייטער, צום בוידעם אַרויף. זיך געשפּאַרט מיט די קניעס, און זיך געקלעפּט מיטן לייב צו דער דראַבינע, ווי אַ פליג צו דער סטעליע. און אַז זי איז געווען שוין היבש־הויך, האָט זי דערלאַנגט אַ געשריי, איז אַראָפּ־געפאַלן און האָט זיך צעבלוטיקט דאָס קליינע נעזל אירס, איינגע־שמירט די שפּיצן פון איר ווייס־אַטלעסנער פאַטשיילע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פּאַפּירן פייגעלע, וואָס קינדער מאַכן, איז געבליבן ליגן — אַ הויפן מיט ריינע שמאַטעס, באַשמאַלצן מיט זייד.

:: :: ::

מיט טשימוישעס כאַלעשן, ווידער, איז געווען אַזוי:

אַ שאַבעס פאַרנאַכט. די זון האָט זיך קוים געזעצט. גיי איך פאַרביי מיין רעבנ'ס ר' עוועדיעס שטוב, הער איך געשרייען.

איך לויף אַריין, זע איך טשימוישע ליגט אַף דר'ערד מיט אַ צעשפּיליעט בעקעשל, און איז קאַלט און שטייף ווי אַ טויטער. אין דער רעכטער האַנט איז באַ אים פאַרקלעמט אַ קאַלטער, קופּערנער „פּירער" (פּיר־גרייצער שטיקל). דער רעבע און די רעביצן גיסן אַף אים גאַנצע עמערס מיט וואַסער. טשימוישע ליגט אין נעץ, ווי אַ מעס אַפן טאַירע־ברעט, אָבער ער רירט זיך נישט. אַזוי ווי איך קען מיך אויס אין דער קונץ פון מינטערן געכאַלעשטע מענטשן (באַ מיין מאַמען איז כאַלעשן אַ געוויינלעכע זאַך. ווען זי האָט נישט וואָס צו טון, זעצט זי זיך אוועק אַפן בעט און כאַלעשט), נעם איך און האַלט אים צו דאָס מויל און די נאָז, פאַרהאַלט אים אַף אַ ווייל דעם אָטעם, כאַפּט ער זיך אויף אַ פאַרכלינעטער, אַ

ברוינעבלאָער, מיט אויגן וואָס שווימען אַרום אין די לעבער, ווי דערטרונקענע מייזלעך, און ער זאָגט:

— מע, פּיר־רער...

— וואָספּאַראַ פּירער, טשימווישע?

— פּפיר גראַצא...

ער קומט צו זיך. מיר הייבן אים אויף, לייגן אים אַפּן פּעקאַליק. דער רעבע נעמט אויספּירן וואו טשימווישע האָט מיטאמאָל דער־טאַפּט אַזא פּאַרמעגן מיט געלט? און וואו איז ער געווען אַ גאַנצן גייענדיקן טאָג? און פאַרוואָס ער האָט געכאַלעשט? און ס'ווייזט זיך אַרויס:

טשימווישע איז אוועק אינדערפרי אין קלויז אַריין דאַווענען, האָט ער אַפּן בערגל, לעבן דער פּאַרלוג, דערזען ליגן אַ קופּערנע מאַטבייע. האָט ער געטראַכט: אויפהויבן די מאַטבייע טאָר ער נישט, ווייל ס'איז שאַבעס. איבערלאָזן זי קען ער אויך נישט, ווייל עמיצער אַנדערש קען זי נאָך געפינען. האָט ער זיך אוועקגעשטעלט מיט אַ פוס אַפּן קופּערנעם „פּירער", און איז אַזוי אָפּגעשטאַנען אַ גאַנצן שאַבעדיקן טאָג, ביז די זון איז אויסגעגאַנגען.

אַז די זון האָט זיך געזעצט און מ'האָט שוין געמעגט דאַווענען מאַיריוו, דעמאָלט האָט טשימווישע אַ כאַפּ־געטון דעם קופּערנעם פּירער און האָט גענומען לויפן אַהיים, ווי אַ פּאַרסאַמטער.

צי פון מידקייט, צי פון אַ גאַנצן טאָג נישט־עסן און שטיין אַף די פיס אין אַזא כמימע, צי פון שנעלן לויפן, צי פון די אַלע זאַכן מיטאמאָל, איז ער געפאַלן אַף דער ביידער־שוועל און אוועק־געכאַלעשט — מיט דער גרויסער, קופּערנער מאַטבייע פאַרקלעמט אין דער האַנט...

:: :: ::

דער רעבע ליגט אין באַמבעטל, איבערגעדרייט אַף אַ זייט, מיט אַ האַלבן פּאָנים צו אונדז.

עס קאַפּטשעט זיך אַ שוואַרצאַפּל, ווי באַ אַ טויט הענדל, וואָס האָט נישט קיין קויעך צוצומאַכן ס'אַנדערע אויג.

דער רעבע עסט גרישיק מיט מילך — צום הוסט.

די רעביצן טראָגט עס אים צו צום בעט, דערלאַנגט עס אים אַריין מיט אַ הילצערנעם לעפל אין דעם האַלבן מויל, וואָס איז אין דער דרויסנדיקער זייט צו אונדז־צו און שמירט־איין דאַביי די נאַקעטע ברוינרויטע אהנשיט פונעם קישן.

דער רעבע קרעכצט, עסט גרישיק מיט מילך און — די דאַרע פינגער זוכן ערגעץ אַ אינגליש שטיקל פלייש אַ קניפּ צו טון. אַז

ער פארגייט זיך אין זיין ביטערן הוסט אריין, געדויערט עס לאנג־לאנג. די לונגען זידן בא אים, די קליינע אויגן טארטשען ארויס.

„דיין רעבע עסט נאך אלץ גרישיק און קנייפט?" פרעגט מיך דער פעטער איציק, אז איך קום אהיים באנאכט פונעם כיידער, מיטן געשליפענעם שיב־לאמטערנדל אין דער האנט, וואס איך פארגין מיר נישט אויסצולעשן, ווייל עס האט א גרינלעך שייבל. „נו, און דער איד פון דער „קרול־הוטא" שמעקט נאך אלץ אזוי געשמאק טאבעקע? הא, איציקל, א שיין כיידער האסטו דיר אויסגעזוכט."

— איך האב מיר אויסגעזוכט?

— און נו... איז דיין טאטע. מ'שטאפט דיך מיט יארדאק, הא? („יורה דעה" הייסט בא אים „יארדאק"). מ'נעמט א שוואך קינד און מ'שטאפט עס מיט יארדאק! יארדאק פעלט אים!

אין כיידער זענען די טעג שווער און טונקלע. די נעכט קאלט און פול מיט ווייסע כאלומעס.

שניי זינגט אף די בערג, וואס הארבעווען זיך ארום אונדזער שטעטל. אין קוימען דער ווינט פייפט אזוי עלנט, אזוי ווייט. דעם רעבנ'ס באק אף דער פאטשיילע, דער לאמפ, מיטן געפלאצטן גלעזל, די רעביצן מיט איר טויט־ווייס פאנים, וואס איז ווינטער־צייט שטענדיק רויט פון בלאזן אפן פייער... אדער שווארץ פון רויך, און מיט א „שייטל", וואס איז שטענדיק אף אן אויער. דער ניגון פונעם לערנען. דער איד פון דער „קרול־הוטא" קלאפט אין הארן־פושקעלע — מיר איז דאס גאנצע רומל שטארק צום הארץ. עס איז ווי פורים־שפיל. לויטער מוזיק, דאס געפיל איז: „וואס קער זיך דאס אן מיט מיר?" און „אז איכ'ל גרויס ווערן"...

אך־כא־הא! אף וויפיל מוטערפערלנע פליגלען איז מיין כאלעם נישט געפלויגן אין יענע נאראיעווער נעכט!

:: :: ::

איך געדענק:

נישט ווייט פון אונדזער שטעטל בויעט זיך שוין אן אייזנבאן. „א וואס?" „אן אייזנבאן. א באן אף שינעס. מ'שיט קוילן אינעם קוימען אריין, גייט עס אליין אן פערד."

דער רעבע ר' עוועדיע זיצט היינט אין באמבעטל. די זון שיינט אריין דורך א סענקעוואטער שויב. עס איז פרילינג אין נאראיעוו — דער שענצטער פרילינג, דאכט זיך מיר, אין דער וועלט. די מאי־ביימער לעבן קלויסטער האבן שוין גלעקלעך. די

קאשטאַנעס בליען אין ברייטע בלעטער, ווי הענטשקעס.

יאָ. די אייזנבאַן בויעט זיך אין פּיטיטער. פונעם שטעטל פירט מען „שוועלן" צו דער באַן... די באַן גייט, זאָגט מען, אַף שוועלן... שוועל־איין, שוועל־אויס. אַז די באַן דערזעט אַ שוועל, כאַפּט זי זיך אַרויף... דער רויך שטופּט זי...

— און דיך, — זאָגט דער רעבע, — שטופּט דער נאַר — רעדסטו!... „דער רויך שטופּט זי" — רויך שטופּט שוין גאָר! ווען רויך זאָל שטופּן, וואָלט איך הונדערט מאָל אַ טאָג בידאַרפט אַרויספאַלן פונעם באַמבעטל. וויייניק רויך מאַך איך אָן מיט מיין ליולקע־ציביק? זאָגט ער: „רויך שטופּט. אַ נייע מאַנסע!"

— איך זאָג נישט, רעבע, דער פעטער איציק זאָגט.

— אַז דו וועסט הערן דיין פעטער דריציק, וועסטו זיין אַ ליט. זיין פעטער דריציק זאָגט —

— „שפּיץ־איז" — מישט זיך אַריין דער איד פון דער „קרול־הוטאַ" מיט אַ וואַטענעם קאָל — „שפּיץ־איז, אַז ס'איז טאַקיש וואָהר... ס'איז טאַקיש דאָ אַן אייזנבאַן און זי גייט טאַקיש אַליין, אָן פערד. בעייניי ראַאיסיי... מיט די־אָ אויגן, ווי מיר האָבן היינט דינסטיק אַף דער גאַנצער וועלט."

דער רעבע ר' עוועדיע זעצט־זיך־אויף אין באַמבעטל. די אויס־געטרעפּקעטע ברודיקע אַרבל פון זיין ווייסן העמד טאַלעפּען זיך נאָך איבער די בלאָע הינערשע פינגער.

— טאַקיש? איז דאָך פּילע־פּילואים. אַ וואָגן גייט אַליין פון זיך. אָן פערד, אָן אַלעמען. איר האָט דאָס אַליין געזען טאַקיש, ר' זימל?

— וואָס הייסט געזען? מיט־די־אויגן! אַזוי ווי איך זע אייך!

— אַ נו אַ שטייגער. עך בין אַ באַלן איר זאָלט מיר עס אָפּמאָלן.

— פאַרוואָס נישט?

דער איד פון דער „קרול־הוטאַ" נעמט צוויי שווערע גמאָרעס, שטעלט זיי אויף איינס קעגן ס'אַנדערע און ווייזט:

— איר זעט, ר' עוועדיע... אָט דאָ־אָ איז אַזאַ זאַך... אַ שינע, הייסט דאָס. און דאָ־אָ איז אויך אַזאַמינזאַך. אינדערמיטן גייט עס אַ פּלי־דורך און סי גייט אַ מאַך קאָן־קאָן־קאָן־קאָן.

— אָט דאָס איז גאָר? — מאַכט ר' עוועדיע. — אַבי עך האָ' געמיינט מי יודייע וואו דאָס איז!

ער פאַרטראַכט זיך. גיט זיך אַ לייכטן קיצל־קראַץ הינטער

דער אויסגעפליקטער באָרד, הינטער דער געפינטלטער פּאַטשיילע און זאָגט:

— אָבער דאָס, וואָס סי גייט אַליין, פון זיך, איז פּאָרט אַ גרויס בידעש. ווי אַזוי דערקלערט איר דאָס, ר׳ זימל?

— ווי אַזוי איך דערקלער דאָס? וואָס הייסט ווי אַזוי? ס׳איז ען... לעקטערי...

— לעק־טע־רי? — מאַכט ר׳ עוועדיע מיט ביטל. — טו וואָס־זשע אי׳ דיכאָכמע?

— „אַלמאַי״ — מאַכט דער איד פון דער „קרול־הוטאַ״, — „אַלמאַי״ אין וויען איז דאָ אַזאַ מאַשינדל, וואָס רעדט פון זיך אַליין? מ׳רעדט איינמאָל אַריין אין דעם, דערנאָכדעם רעדט עס ארויס קריק ווי אַ דיבוק, להבדיל.

— איז דאָך דאָס פּילע־פּילואים, — מאַכט ר׳ עוועדיע פון באַמבעטל אַרויס. — ווי אַזוי באַנעמט איר דאָס, ר׳ זימל?

— לעקטערי.

— לעק־טע־רי! — מאַכט דער רעבע. — טו וואָס־זשע אי׳ די כאָכמע?

:: :: ::

ס׳איז אָנגעקומען דער זומער. מיין טאַטע איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. וואָס קען מיר דער רעבע איצט טון? וואָס האָב איך פאַר אים מוירע?

ליג איך איבער אין טייך, באָד מיך ביז איך ווער ברוין־און־בלוי, לאָך אַריין מיין טיפע פרייד אינעם וואַסער אַריין. בעאיים איך שווים, שריי איך אַריבער צו די לאָשיקלעך אויף יענער זייט וואַסער — קעדייי צו הערן ס׳אייגענע קאָל, איבער די גרינע ברעגעס פונעם טייך, וואו שילפן פוילן אין זומפּיקער ערד.

נאָר די מאַמע רעדט צו מיר מיט גוטן:

— איציקל, איציקל, דער טאַטע האָט דאָך דיר אָנגעזאָגט זאָלסט דיך לערנען?

— איך קען נישט ליידן דעם רעבען. ער קנייפּט מיך. כ׳האָב׳ן פיינט!

— דער טאַטע וועט געוואויר־ווערן, וועט ער האָבן אַגמעס־נעפעש. מער פעלט אים נישט אין אַמעריקע, נאָר אַגמעס־נעפעש? ער איז אַזוי אויך געגוג פאַרוואָגלט איבערן וואַסער...

די מאַמע וויינט.

און אז די מאמע וויינט, וויינט אין מיר שטילערהייט ס'הארץ, נאר זאגן זאג איך גארנישט. וואס זאל איך זאגן?

קריקגיין אין כיידער אריין? וועט דער רעבע פאטשן און קנייפן! און נישט אזוי דאס פאטשן באזונדער און דאס קנייפן באזונדער, ווי דאס וואס ער פאטשט-און-קנייפט מיט איין האנט-באוועג: צו דער באק — א פאטש, פון דער באק — א קניפ!

ס'איז נישט אזוי די ווייטיק פונעם פאטש-קניפ, ווי דער פאר-דראס איבער דעם רעבנ'ס פארטל זיך איינצושפארן קויכעס...

— איך וועל נישט קריקגיין. כ'האב'ן אין דר'ערד!

— דו מוזט, קינד מיינס. מ'טאר נישט מעצייער זיין א טאטן, וואס איז אין אמעריקע... ס'איז גענוג א ווייטיק, גלויב מיר.

די מאמע וויל שוין ווידער וויינען, נאר אינמיטן דערינען דער-זעט זי די קאץ באם ווייקשעפל. נעמט זי אפטרייבן די קאץ.

איך גיב א קנייטש דעם שטערן און ס'פאלט מיר עפעס איין:

— ווייסטו וואס, מאמעשי?

— וואס, מיין קינד?

— איך וועל קריקגיין אין כיידער אריין, נאר... נישט אינע-ווייניק אריין.

— וואס הייסט?

— איך מיין: איכ'ל שטיין אינדרויסן באם פענצטער און דער רעבע וועט מיט מיר ארויסלערנען אין דרויסן ארויס, אז ער וועט מיר וועלן געבן א פאטש-מיט-א-קניפ, וועל איך אנטלויפן.

— הער נאר אזוינס גאר! וואס אים פאלט איין!

— אזוי וויל איך, מאמעשי! — גיב איך א טופע מיטן פוס, שוין מאיסע בען־יאכיד — אז נישט גיי איך נישט. —

— נו, לאז זיין אזוי... אז דו שפארסט דיך איין. שא, אט גייט דיין פעטער איציק. דערצייל עם דעם פעטער, וועט ער לאכן.

איך דערצייל עם דעם פעטער איציק, געפעלט עם אים דאווקע זייער שטארק: „די מאילע דאפון — זאגט ער צו דער מאמען — איז וואס דאס קינד וועט האבן מער פרישע לופט און ווייניקער פאר-שימלטע טוירע.”

און צו מיר: אנו, גיב נאר א זאג „די גלאקע”:

„... האללען דומפף צוזאמען\
דער צייגער האט פאלענדט דען לאויף”.

⁘ ⁘ ⁘

אין יענעם זומער פלעגן די נאראיעווער אידן קוקן און שטוינען ווי א קליין אינגל שטייט אף א שטיין, לעבן ר' עוועדיע'ס מיזרעד־וואנט. די גרויסע גמארע ליגט אפן גזימס פונעם פענצטער, און דער רעבע לערנט מיט אים דורכן אפענעם פענצטער ארויס.

:: :: ::

מיין מאמע איז געווען אן אומרואיקע, א צעוואָרפענע. און האָט דעם טאטנס באלעבאטישע רו אויפגעגעסן ווי פייער עסט־אויף שיין־געשפאָלטן טרוקן יאדלע־האָלץ.

מיין טאטע האָט געגלויבט אין דער וועלט, ווי אין עפעס א פעסטע, אייביקע זאך. האָט געטון אלצדינג שטיל, מעיושעוודיק. האָט איבערגעציילט געלט צוויי מאָל, צו פארהיטן זיך פון א טאָעס. ער איז געווען פון יענע מענטשן, וואָס קענען פלאנצן בוימער וואָס הויבן־אָן ארויסצוגעבן פּירעס ערשט אין הונדערט יאָר ארום. בא דער מאמען איז מער ווי היינטיקער טאָג נישט געווען. און דער היינט איז אויך געווען הינטער א מאטן נעפּל.

דער טאטע האָט צענויפגענייט זיינע יאָרן פון קליינע זיידענע שמאטקעלעך און פארשמירטע קלעצלעך מיט פאָדים, פון אן אלטן בייטל ארויס, וואָס די קנאקשלעסער אף אים זענען שוין פאר־גרינט, די לעדער פארדארט.

די מאמע האָט א וואָרף־געטון מיט א ביליקן צענויפגעליינטן פעבער אזוי, אז ער האָט זיך געעפנט ווי א האלב־לעוואנעדיקער קישעף... האָט א שטיק לאנגע לייוונט א וואָרף־געטון אין דער זון אזוי, אז דאָס אויג האָט נישט געכאפּט דעם עמעס פון דער קוואליטעט, נאָר דעם פלינקן רויש און דעם פינקל.

זי האָט קיין שום צייט־זין נישט געהאַט. נעכטן, היינט, מאָרגן — אלצדינג איז געווען ווי א מאָטיק באנוול פון א סאך קאָלירן, וואָס א פונק איז אָט־אָט אף אים ארויפגעפאלן, און ער וועט באלד ברענען.

א וואָך איבער א וואָך איז מיין מאמע געווען זייער א פרומע. פלעגט איר די פרומקייט דערעסן, די אָרימקייט, דאָס דארע ברויט. דאָס דריבנע לעבן, פלעגט זי שעלטן גאָט, ווי א נאָנטן שאָכן, זיך מיט אים אויסטאינען, אים פרעגן (אף פראָסט אידיש) צי איז א יווישער אז איינער זאָל האָבן גאָר דאָס גוטס פון דער וועלט און דער אנדערער גאָרנישט.

אין אזוינע מינוטן פלעגט די מאמע נישט שעמען זיך אָנ־צורופן די נעמען פון נאראיעווער נגידים: די האיבערס, די פראָשעס,

די ניימאַנס, די גלאַנצם, פאַרגלייכן זיי מיט אַזוינע ליטישע מענטשן ווי שימע־יויעל וואַסער־טרעגער, חיים־איציק דער זעקעלניק, מעכל־פון־די־הייזון, און פרעגן בא גאָט, וואו זיין סייכל איז, וואָס זיי, די גראָבע פליגל, גיט ער פון קאַל־טואוו, און די אַנדערע, „וואָס אַזא יאָר אַף אונדז, וואָספאַרא גאָלדענע מענטשן דאָס זענען, האָבן נישט אַ שטיקל ברויט אין שטוב?!

בא דער מאַמע איז נישט געווען קיין שום אָרדענונג אין טראַכטן אָדער אין טון. זי פלעגט אָפט האָבן אָנפאַלן פון כעדווע, פון טרויער. אַז זי איז געווען אויפגעלייגט איז זי געווען ליכטיק ווי די זון — אַזוי יונג, אַזוי שיין. אַפילע דאָס ווערצעלע אַף דער לינקער זייט פון איר קינבאַק, האָט אויפגעכאַפּט די רעגנדיקע פרייד. יעדער הויט־צעל פון איר פּאָנים צעכאַפּט אַף שנעל דאָס ליכט פון דער מאַמעס אויגן, צעטראָגט זי ווייטער איבער דער לאַנגקייט פון דער מאַמעס אָנגעזיכט, — ווי קינדער פון אַ טראָפּישן קלימאַט דער־פרייען זיך אַף גיך מיט די פּאָר בלעטלעך שניי, וואָס פאַלן אַמאָל אַרויס, ווייל זיי ווייסן, אַז דאָס וועט לאַנג נישט דויערן, אַזוי פלעגן די קאָלירטע שטיקעלעך, פון וועלכע מיין מאַמעס לעבן איז געווען צעזויפגעשטעלט, זיך פלינק אויפרודערן פון אַן איינציקן פונק גליק, וואָס איז אַמאָל געפאַלן פון איר ברעם.

אַז די מאַמע איז געווען טרויעריק, איז זי געווען זייער־זייער טרויעריק. פלעגט שטיין באַם פענצטער הינטערן באַטיסטענעם פאָר־הענגל, און אָנשטאָט קוואַדראַטנע שויבן, פלעגט זי אַריינשטעלן אין די פענצטער־פורעמס אַזוינע בליטשענדיקע, טונקעלע טאָפּליעם פון געשליפענעם שווערן טרויער.

איך פלעג קוקן דער מאַמען אין די אויגן אַריין: אַז די אויגן האָבן געשמייכלט, איז מיר די וועלט געווען גרינג און ליכטיק. אַז די אויגן האָבן געשווייגן אָדער זענען געווען פאַרצויגן מיט אַ טומאַן פון טרערן, איז מיר דאָס לעבן געווען אַזוי שווער, אַזוי קליין.

אין אַזוינע מינוטן פלעגט מיין שרעק פאַר די קינפטיקע טעג זיין מעסוקן גרויס... עס האָט מיר דער קאָפּ געשווינדלט. איך האָב געזען בלויז ראַנדן און אָפּגרונטן.

דער טאַטע פלעגט מיר נאָך שיטן זאַלץ אַף די וואונדן. מיר באַווייזן (מיט קלוגע און גוטע רייד), אַז איך טויג צו גאָרנישט. איך גרייט מיך נישט צו צו גאָרנישט. איך וואַקס אַן אוורייאַן. „דו מיינסט", פלעגט ער זאָגן, „אַז אַזוי־אַ גרינג קומט אָן ס'שטיקל ברויט?". „די וועלט", פלעגט ער זאָגן, „איז אַ קייט. דאָס לעבן

איז אַ שטיין, וואָס האַלט זיך אַף דער קייט. דער בעסטער רינג מוז זיך גלידערן, צענויפקומען מיט אַנדערע. דו מיידסט־אויס מענטשן, שלעפסטיך אַרום מיט כאַצעדאַרגעם און באַטשאַרעס. אַ אינגל אין דיינע יאָרן — דאַרפסט דאָך שוין באַלד אָנהויבן צו לייגן טפילין?״

אַז דער טאַטע האָט מיך דערמאָנט „טפילין״, האָב איך מיר פאָרגעשטעלט, אַז איך גיי אַרום מיט אַן „איבערציער״ אַף איין אָרבל. דער אַנדערער אָרבל הענגט אַראָפּ... איך בין אַרומגעבונדן מיט אַ זיידן גאַרטעלע, קעדיי אָפּצוטיילן די אונטערשטע העלפט מיינע פון דער אויבערשטער, מאַכן אַ גרעניץ: די אָרעמס, דער קאָפּ און דאָס האַרץ — צו „גאָט״, דער בויך, דאָס גליד, די פּיס — בלויז אַ מיטל אויפצוהאַלטן די אויבערשטע העלפט... זיי זאָלן קאָנען טראָגן טפילין, בעטן צו גאָט, גיין אין אַ לייבצודעקל.

איך האָב געפילט ווי מ׳שניידט מיך איבער — מ׳רייצט אָן איין העלפט יצחק אַף דעם אַנדערן... און דער מאָרגנדיקער שעל־ראָש האָט מיר שוין היינט אַראָפּגעוואַזשעט דעם קאָפּ... דער מאָרגנ־דיקער שעל־יאַד איז מיר געוועז אַפן אָרעם ווי אַ לעדערן געשוויר; די רעצוע־שלייפן אַף די פינגער, די וויקל־שנורן אַף דעם לינקן אָרעם — דאָס אַלצדינג האָט מיך געפּענטעט און געשראָקן... דער אידישער גאָט האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט אַ בייזער, אַ שלעכטער, אַן אַלטער, אַ קראַנקער נעבעך — אַזוי ווי דער רעבע ר׳ עוועדיע... (אין די שפּעטערע יאָרן, אַז איך פלעג טראַכטן פון „גאָט׳ס זון״, פלעג איך מיך דערמאָנען אין טשימוישען!):

אַז דער פעטער איציק האָט מיך געכאַפּט אין אַזאַ מוט־געפאַלנקייט, פלעג ער מיך אויסמוסערן ווי דעם ערגסטן:

— דו קערסט מיר צו דיין געמיט, מיט דיין טאַטן, מיט דיין מאַמען! יענער שטאָפּט אים מיט „יאַרדאַק״ און זי שטאָפּט אים מיט וויינטרויבן... סי זאָל אים יערן אין בויך. קום נאָר צו מיר אַהיים, באַר־יאַרדאַק מיינער!

באַם פעטער אין שטוב איז אַלצדינג אַנדערש ווי באַ אונדז. דאָרט שפּילט אַ פייגעלע, אין אַ שטייגל. אין אונטערשטן קובישיקל שלאָפט אַ ווייסער קראָליק. די בריק איז אויסגעשאָטן מיט דינעם זאַמד, ווי עפּעס אַ הירעגליף־שריפט... די ציכנס פון די קראָליק־פיסלעך זענען אַ געצוקטע אונטערשריפט. עס האָבן געשמעקט פריש־געברענטע קאַווע־בעבלעך, און האַסקאָלע.

אין פעטערס שטוב האָט אויך געשמעקט פיאָלקע־וואַסער, און ברונעלענע פרויען־שיכלעך, און צוויי פישביינען פון אַ „מידער״

(קאָרסעט) זענען געלעגן אַף אַ באַנבאַנערקע.

דער פעטער האָט אַרומגעשפּאַנט מיט לאַנגע בוזשיק־פיס איבער דער שטוב, אַריינגעקוקט אין אַלטע דייטשע ביכלעך, געזיפצט און אַוועקגעלייגט. מיר איז איינגעפאַלן, אַז דער פעטער שפּילט אַ ליבע, נישט נאָר מיט מאַריאַשן (ווי מענטשן זאָגן), וואָס האָדעוועט קעץ און רעדט דייטש, נאָר אויך מיט די דייטשע ביכלעך.

דערזען ווי איך גיי אים נאָך פון הינטן, מיט די הענט אונטערן רעקל, אַרויף און אַראָפּ, ווי אַ שאָטן, בלייבט ער שטיין, גלעט־צו די רויטע באָרד צום פּאָנים, גיט אַ צי מיט די דינע נאָזלעכער, צי די קאַווע זידט שוין אין סאַמיוואַרל, און שטעלנדיק אַפן טיש צוויי באַיכיקע שעלעכלעך, גיט ער אַ זאָג:

— ...אַ טאַכלעס! זיין טאַטע זוכט פאַר אים אַ טאַכלעס... יאָרדאַק מיט שלעכטער לופט. בילדונג מיט קאַליע ציין. — האָסט דיר שוין היינט געפּוצט די ציין, צי דו האָסט נישט געהאַט קיין צייט?

איך רויטל מיך בא יעדן וואָרט, וואָס דער פעטער זאָגט. ס׳האַרץ שלאָגט אין מיר ווי אַ זייגער. איך זע דעם פעטער, איז ווי איך וואָלט געזען די זון. ער איז הויך און העל. די אויגן בלענדן. איך קען מיר קיין אָרט נישט געפינען.

דער פעטער גיסט אָן צוויי שעלעכלעך קאַווע, לייגט מיר אַוועק אַפן טיש אַ שטיקל בוטער־בראָט, גיט מיר צוויי ווערפעלעך צוקער — ווייל צופיל צוקער איז נישט געזונט פאַר די ציין, און ווייל אַ אינגל ווי איך, טאָר זיך נישט צוגעוואוינען צו זיסקייטן.

— דאָס לעבן — מאַכט דער פעטער — איז אַ ביטערע פּירע, וואָס איז גוט פאַרן געזונט... און דער טויט — דער גוטער יאָר זאָל אים נעמען! — איז אַ ביזע־ביזאָיען... יעדער אָנשטענדיקער מענטש דאַרף זיך שעמען אין זיין ווייטן האַלדז אַריין צו שטאַרבן...

אַז דער פעטער רעדט פון טויט, ווערט ער בלאַס און אויפ־גערעגט, נעמט אַרויס אַ טאַשנשפּיגעלע פון דער וועסטל־קעשענע, קוקט זיך אַף דער צונג, נעמט פון אַפּעס אַ פּידעלע אַ פּראָשעק, שיט עם אַריין אין מויל אַזוי איידל, אַז ס׳איז אַ גוואַלט. ער פאַרטרינקט מיט אַ „שליק וואַסער" און באַרואיקט זיך: שוין! נישטאָ קיין טויט!

דער פעטער טראָגט אין זיך סוידעס, וואָס זענען ווייט ווי די ווייטע שטערן, אַזוי פרעמד, אַזוי ליכטיק...

איך עפן דערווייל אויף אַ דייטש ביכל, וואָס ליגט אַפן טיש.

— אַז דו לייענסט דייטש, — זאָגט דער פעטער, — טו אויס דעם קאַפּאַליטש. האָב דערעך־ערעץ פאַר אַ בוך. אַ בוך איז אַ פרעמדע שטוב — מ'קומט נישט אַריין צו יענעם אין שטוב אַריין מיטן היטל אַפן קאָפּ.... דאָס איז אַ אידישע טעווע...

דער פעטער ברעכט זיך די הענט, קנאַקט זיך אויס די פינגער, דערנאָך באַשמירט ער זיך אַ שטיקל ברויט מיט „בוטער" זייער דין.. ניין, ער באַשמירט נישט, נאָר ער וויל מיטן בוטער־מעסער אַריינשטופּן די „בוטער" אינעווייניק, זי זאָל זיך נישט אָנזען. דער־נאָך באַשפּריצט ער דאָס שטיקל ברויט זייער איידל מיט דינעם זאַלץ עסט און זאָגט פון מיטן אַ פּאָסעק:

— דאָס זאָלסטו נישט! דאָס זאָלסטו יאָ... דאָס מעגסטו! דאָס טאָרסטו נישט... ער נידעט, ווי אַ מעלאַמעד, דער גאָט אונדזערער! שטייט קעסיידער באַם ברעג הימל און קוקט אַרויס דורך אַ שפּאַרע... מ'קען זיך פאַר אים נישט באַהאַלטן, מ'קען זיך באַ אים נישט אויסקויפן... עפּשער ווייסטו וואָס?

איך ווער אָפּגעגאָסן מיט אַ פלאַם פייער. אַ געפיל פון זינד איז איבער מיר, און אויך פון נעקאָמע־פרייד, געמישט מיט זיסער שרעק פאַר די „אייזערנע קאַקריזעס", מיט וועלכע גאָט שמייסט אין הימל.

— אויסקויפן קען מען זיך באַ אים נישט. סטייטש, ער האָט דיר געגעבן ס'לעבן! זאָל ער נישט געבן — ער גיט עס דען? ער אַנטלייט עס בלויז ביז מאָרגן, און נעמט דערפאַר עטלעכע הונדערט פּראָצענט... וויפיל קינדער האָט דיין טאַטע?

— איר ווייסט דען נישט, פעטער? מיר זענמיר זעקס קינדער...

— זעקס קינדער, זעקס הונדערט פּראָצענט אַף אַ טאָג!... און מ'קען זיך באַ אים נישט אויסקויפן... גיט ער אַ טוירע — נעמט ער אַרויס די קויכעס, נאַרט אַרונטער אַ גאַנץ פאָלק מיט פּאַסטיכער אונטער אַ יאַרמיקע וואָס וועגט אַזוי פיל וויפיל צען בערג... „איר'ט נעמען?" — אַ ברייירע האָט מען? — מען נעמט!...

דער פעטער רעדט טיפע און קלוגע רייד, ווי פון אַ דייטש ביכל אַרויס. מיר דרייט זיך דער קאָפּ, סיי פון דער שטאַרקער, פריש־געברענטער קאַווע, סיי פון דעם פעטערס רייד. דאָס האַרץ ווערט גרינגער, דער טאַבלעם פאַלט אַראָפּ... די שרעק פאַר דער צייט, וואָס איך וועל ווערן „באַר־מיצווע" און נעמען אַף זיך דעם „יאָך פון אידישקייט", אַנטלויפט — ווי אַ מויז, וואָס האָט שטיל גע־גראַבלט באַנאַכט, אַנטלויפט אַז מע צינדט־אָן אַ לעכט!... פונעם

פעטערס מויל טריפט האָניק און גאַל... אַף מיר פאַלן פייער־טראָפּנס און געגליט גאָלד... אַף מיין קאָפּ וואַקסן אויס גרינגע הערשנ־הערנער.

— זאָג דיין טאַטן, — מאַכט צו מיר דער פעטער און וויקלט מיר איין אין אַ זייד־פּאַפּירל אַביסל צעמאַלענעם קרייד אַף צו פּוצן די ציין, — זאָג דיין טאַטן, אַז איך לאָז אים גריסן. ער'ט שוין וויסן, וואָס איך מיין. גיי געזונטערהייט!

איך נעם דאָס צעמאַלענע קרייד, און וויל מיך ארויסלאָזן אין דרויסן ארויס אָנ'ם קאַפּאַליטש. דער פעטער טראָגט מיר צו ס'היטל מיט אַ שמייכל:

— שווימסט? ! שוויצסט? ! פּלאָקערסט? אַזוי ווי די מאַמע דיינע! נישטאָ באַ אייך אין שטוב קיין פּלאַן. קיין גאָרנישט. הו־האַ... ס'דרייעט זיך אַף אייך אַלע דער שלייער... שיכור ולא מיין — ווייסט דו דאָך וואָס דער טייטש איז פון „שיכור ולא מיין?" זאָג דיין מאַמען, איציקל, אַז אויב זי איז שוין יאָ שיקער, זאָל זי כאָטש אַמאָל טרינקען אַביסל גוטן וויין, און זאָג איר, זי זאָל דיך אויפהערן שטאָפּן מיט וויינטרויבן...

— ווען עס איך דען וויינטרויבן, פעטער?

— איך זאָג עס בעלאָשן מעליצע... אַז מען עסט וויינטרויבן יערט אין בויך... עס בוטערבראָד, איציקל, און טראַכט נישט פון קיין טאַכלעס... דיין באָבע האָט אויך געטראַכט פון טאַכלעס, זיך אָנגעמאָסטן אַלע פּרייטיק די טאַכריכים, וואָס זי האָט זיך אָנגעגרייט מיט 9 יאָר צו פרי... דער סאָף איז געווען, אַז די מייז האָבן זיי אויפגעגעסן... גיי געזונטערהייט, און וויקל דיר ארום דעם האַלדז מיטן שאַליקל!...

:: :: ::

אונדזער שטוב איז איינגעטיילט אין צוויי העלפטן — ביידע אונטער איין דאָך און אַלטן, מיט גאָנטעס, וואָס קרייזלען זיך שיין ארוים פון די פיגעס. אַף דער לינקער זייט האָט יודל דער בעקער זיין דירע און זיין בעקעריי. אַף דער רעכטער זייט וואוינען מיר אין אַ שטוב מיט אַן אַלקער, אַ „קאַמער" און „שפּעכליער", אַ האַלצ־שטעלכל און אַן אָפּטריט. דער אָפּטריט הינטער דער שטוב איז קרום און ער שטייט אַף הינערשע פיסלעך. (אַז מ'זיצט אינעווייניק, הוידעט מען זיך אַביסל און מ'זעט אַלצדינג קאָסאָקע!).

ווינטער איז שווער ארויסצוגיין אין אָפּטריט. גייט מען ארוים אין דער ליק. כאַזיירים גייען אין נאַראיעוו ארום פראַנק־און־פריי

איבער די גאסן, זענען זיי אונדזער געזונטהייט־קאמיסיע. רייניקן אויס די ערד, ווערן פעט און זאט דאפון.

אין דער גרויסער סאליע (די מאמע רופט זי „די באשטע"), שטייען צוויי שווערע, דעמבענע, געפיליטורטע בעטן, מיט גאלקעס. א שאפע מיט ארייגעזעצטע צוויי לאק־טאפליעס, וואס בלישטשען שווארץ אין דעם שאקאלאדנעם האלץ. אף די ווענט זענען צע־האנגען קופערנע ראהנדלעך און פאנען. צוויי פאר מעשענע העסעס שפיגלען איבער דער מיזרעך־וואנט, לעבן א בילד פון באראן דע הירש. אין מיטן סופיט איז א שווערער הענגלייכטער, וואס ווערט אלע פרייטיק באנאכט פול מיט צעצונדענע בראכעס, וואס לייכטן און טשאדען.

די מאמע איז א פארלוירענער, אנגעוואוירענער מענטש. א גרויסער אומרו איז אין איר. איר אויג און איר האנט זענען אין נעפל. דאס הארץ שווימט אן עלענדס, ווי א ברענענדיק לעכט, וואס איז צוגעטאפיעט צו א ברעטל און שווימט אף א לאנגן טייך. און ווייל זי איז אליין א צעווארפענע, קען זי נישט פארטראגן קיין אומ־ארדענונג רום זיך, האט זי ליב ס'זאל זיין ריין און אויפגעראמט. אז פון שופלאד שטעקט ארויס א ברעג פון פריש־געמאנגלטע גאטיעס, קען די מאמע נישט איינזיצן רואיק. אז דאס בלאע בענדל, וואס נעמט ארום דאס מוליענע פארהענגל, איז אביסל נידריקער פון דער אנגעצייכנטער פארהענגל־טאליע, איז מיין מאמע אומגליקלעך... דער עס־טיש שטייט בא אונדז (א שאקלדיקער) אף פיר קלעצלעך, קעדיי די פיס פונעם טיש זאלן זיך נישט איינשמירן. די קלעצלעך אליין וואשט מען אלע וואך אין וואסער־מיט־זייף. די דעמבענע בעטן ווערן געגלאנצט מיט נים־שמאלץ. די לאקירטע טאפליעס פון דער שאפע זענען ווי שווארצע שפיגלען. אין זיי וואיעוועט קעסיידער ארום א אינגל א פעטס, א געפאקטס, מיט בלאנדע קליינע פייעלעך און מיט א סאמעטן יעגער־היטל... ער שטייט אפט קעגן די טאפליעס און — קוקט זיך אף די ציין, אף דעם צונג, און טראכט פונעם פעטער איציק!...

בא אונדז איז ריין, אז מ'קען „עסן פון דער פידלאגע". סי פעבלט אין אלע ווינקעלעך. די באנבאנערקע איז איבערגעדעקט מיט א ציכל, וואס זעט אויס ווי א פארייכעס, געהאפטן מיט גאלד און זילבער. די מאמע האלט שטענדיק אין דער האנט א פלעדערוויש און — פלעדערט ארויס מ'שטויב פון דער שטוב, נאך איידער ער פאלט...

מאנגלען די העמדער מוז זי אליין, זשימקען די וועש, קאלעכן דעם פעקאליק, גלאנצן ס׳מעש, רייבן ס׳קופער, — זי געטרויעט קיינעם נישט די ארבעט פון ריינהאלטן די שטוב! אין א וואנט־ווינקל האט זיך נאך אנומעלטן באוויזן א נאסטל — האט די מאמע געכאלעשט, מ׳האט זי קויב אפגעמינטערט.

מיין עלטערע שוועסטער בעט זיך:

— מאמעניו טייערע, דער דאקטאר האט דאך דיר אנגעזאגט, אז דו טארסט דיך נישט בייגן. וואס־זשע בייגסטו דיך היגטער די בעטן?... עך קען עס דען ניש טיען?

די מאמע, א שטיל־קרעכצנדיקע, האלט די האנט אין א טעפל קאלט וואסער און זאגט:

— אז עכ׳ל צומאכן די אויגן, טאכטער מיינע, וועסט דו זיין די באלעבאסטע...

די שוועסטער צעוויינט זיך. איך וויין אויך. די מאמע האלט איין האנט איז קאלט וואסער, זי זאל נישט נאכאמאל כאלעשן, אין דער אנדערער האנט האלט זי דעם אויסגעהארעוועטן פלעדערוויש, וואס ס׳איז שוין פון אים גארנישט געבליבן, כוץ די גענדזענעביינער...

אז איך זע דאס אלצדינג, ווער איך א דאס־סוינע פון ריינקייט. איך גיי ארוים אין גאס, שמיר מיר אומיסטן איין די הענט אין בלאטע, און — סי ווערט מיר דאפון פרייליך און נישט־גוט, צום כאלעשן... סי געדויערט מיר א מינוט ביז איך קום צו־זיך. איך נעם ארוים פון קעשענע מיין שנופטיכל, וויש מיר אפ די הענט. פארפאטשקע ס׳טיכל. ס׳הארץ ווייגט מיר דארויף, אבער איך מאך מיר קוראזש... איך כאפ נאך פון א באדיק אראפ א הארטן זינגענ־דיקן „קנאהפער“ אין א שווארץ־גרין־פעכלדיק מונדירל, צעטרעט אים מיטן פוס. סי גיט א קנאק, גיט עס מיר א סקריפ איבערן רוקנגעשטעל... אנגסטן באשלאגן מיך...

נאר קעדיי מיך צו באפרייען פון דער פיינלעכער, ביטערער ריינקייט, וואס פאראומערט ס׳לעבן בא אונדז אין שטוב, כאוועד איך מיך מיט אינגלעך פון אפגעלאזטע שטיבער, וואלגער מיך אף פארפוילטע סנאפעס שטרוי, טאפטשע ארום אין סלאטעס. שנייד מיר ניט די נעגל... (ווער האט דעמאלט געזאלט טראכטן, אז היינט, מיט אזויפיל יאר שפעטער, וועל איך אליין זיין ווי די מאמע — נישט קענען ארבעטן, אז א שופלאד איז נישט אימגאנצן פאר־מאכט. אדער אז א בילד אף דער וואנט הענגט קרום. אדער אז

אפן דיל איז א פלעק!)

די פענצטער זענען פארמאכט, סי זאָל נישט אריין קיין פאָריך. כיבוי עס איז א „גלייכער ווינט" אין דרויסן, און ער בלאָזט דעם רויך קריק אין שטוב אריין, דעמאָלט עפנט מען אביסל א „קוקערל"...

בא אונדז אין שטוב איז טאָמיד א בלאָ־ווייסער יאָנטעוו פון — אומעט. עס איז ריין און — אומעטיק. די מאַמע ארבעט. ארבעט, ארבעט, ביז זי פאלט פון די פיס. די שוועסטער בעטן זיך, זיי ווילן העלפן. די מאַמע האָט זיי מוירע צו געטרויען דעם פלעדערוויש.

דער פעטער איציק מערקט מיין פראָטעסט קעגן ריינקייט, מוסערט ער: פע, ווערסט א כלאָווניק? !... א יונגל אין דיינע יאָרן דאַרף גיין געפוצט ווי א ליאַלקע... דאָס לעבן אליין וועט דיך שוין איינשמירן — האָב קיין מוירע נישט!... פארשטייסט, וואָס מע רעדט צו דיר? צי ס'איז מו־וועמו־וועמאַק? גיי אהיים און בעט די מאַמען זי זאָל דיר געבן א ריין שנופטיכל. גיי נישט ארום אזוי. ביזט שוין באַלד א כאָסן־באָכער... וואָס וועט לאַיטשע פראַש זאָגן דאַצו?

אז איך דערהער דעם נאָמען לייטשע פראַש, ווער איך רויט־און־טויט. וואָרין לייטשע פראַש איז פראַש'ס יונג טעכטערל מיט די סאַמעט־גרינע אויגן. די צעפ הענגען בא איר פון פאָרנט אף דער מאַרינאַרקע, און דאָרטן איז עפּעס רונדיק, און שפּיציק, און פייער־דיק־היים, ווי לאַמפּן קיילעכדיקע, מיט אָנגעצונדענע קנייטלעך.

איך לויף אהיים, בעט בא דער מאַמען א נייַ טאַשנטיכל. די מאַמע רעווידירט מיר די הענט, די אויערן, דעם קאָפּ. זי ווישט־אויס מיט א ריין שמאַטקעלע דאָס שוויצלעדערל פון מיין קאַפּאַליטש, גייט ארום מיר מיט נאָדל־פאָדעם און מיט וואַרעם זייפוואַסער און קרעכצט און אויקעט... און זי נעמט מיר ארויס די נעשאָמע מיטן געזונט...

איך טראַכט:

נאַי וואָלט זי מיך געלאָזט אין א בלאָטע, אָן אייַן קנעפּל אין ראָק, אבי זי זאָל א שמייכל טון מיט די אומגליקלעכע אויגן אירע.

— וואוהין שטוצסטו עס אוועק, זונדל מיינס?

— איך שטויס נישט, איך גיי.

— וואוהין גייט מען עס אין מיטן פלוצים?

— אין הויף אריין, מאַמע.

נו, גיי, גיי געזונטערהייט, מיין קינד... נאָר זיי נישט קיין מעשאָרעם בא קיינעם! לאָז דיך נישט אָנגיין וואָס דער טאַטע זאָגט דיר: דו האָב די פראָשעס אין דר'ערד. סי זאָל אף זיי אויסגייען

מיינע צאַרעס, ריבוינע־שעל־אוילאַם!

— וואָס וויינסטו, מאמע? וויין נישט... כ'בעט דיך. וועסט זען, עכ'ל אויפוואַקסן, וועט אַלצדינג זיין אַנדערש, גאָר אַנדערש...

זי דערזעט פּלוצים אַ שפּרענקעלע אַף מיין רעקל, פאַרגעסט זי אַלצדינג און זאָגט מיט יעסורים:

— נו, קינד מיינס?!

איך פיל מיך שולדיק, ווי איך וואָלט געקוילעט אַ מענטשן. איך פיל ווי אַ ריינע גאָלדענע רייף לאָזט זיך אַראָפּ אַף מיין האַלדז, שליסט זיך צענויף ווי אַ בראַנזלעטשלאָס, נעמט באַ מיר אָפּ דעם אָטעם... איך וויל אַרויסלויפן און מיך איינקוויטיקן ווי אַ רואַך, דער־מאָן איך מיך אָבער אין צוויי פּאָר אויגן: איין פּאָר דער מאַמעס, די אַנדערע לייטשע'ס... און איך בלייב ריין און געפּוצט!

:: :: ::

דער טאַטע האָט מיך געלערנט דייטשע גראַמאַטיק, דייטשע לידער, דייטשע דראַמען — באַהויפּט: לעסינג'ס „נאַטאַן דער וויזע". ער האָט מיט מיר געלערנט הויכן דייטש אַף אַ נאַראַיעווער אַקצענט, האָט אין מיין קאָפּ מיט גוואַלט אריינגעשטופּט אַלערליי קענטעניש, וואָס דער קאָפּ האָט באַלד קריק אויסגעשפּיגן.

איך האָב שוין דעמאָלט נישט געוואָלט מאַכן פון מיין געהירן קיין מיסטקעסטל פאַר אַלע רעשטלעך וואָס פאַלן־אָפּ פון פרעמדע טישן, נאָר פאַר אַ צירונג־קעסטל, באַדאַי פאַר אייגענע פּרוטעס!

אין צאַרטע פריזומער־אָוונטן, ווען די גריל האָט געשפּילט אין קוימען, פלעגט מיך דער פעטער איציק האַלטן אַף זיין שפּיציקער קניע און מיר דערציילן מאַיסעלעך פון „רוימישע גאַליאָנען מיט פּורפּורנע מאַסטביימער", און משאָלים שיינע פלעגט ער מיר דער־ציילן, און קלוגע רייד פלעגט ער מיר זאָגן פונעם אייגענעם קאָפּ אַרוים: „איינער", פלעגט ער זאָגן, „גייט זוכן אַ פּאַרלוירענע קאַטשקע און געפינט אַן אויצער. אַן אַנדערער, גייט זוכן אַן אויצער, וואַלגערעט זיך אוים אין אַלע סאַנבאַטיענס, און אַף די שפּילבערג, און... געפינט אַפילו קיין קאַטשקע אויך נישט. טראַכט דאָס איבער, מיין קינד!"

אין דרויסן זינגט אַ שפּערלינג. אין שטוב זינגט אַ גריל. דאָ רעדט דער פעטער. דאָס אויער ווייסט נישט מיט וואָס זיך פריער מעכייע צו זיין.

איך טראַכט, וואָס איך זאָל פרעגן דעם פעטער עפּעס אַזוינס,

וואָס זאָל אַריינפּאַסן צישן דעם טשירטשיר פון דעם שפּערלינג און דעם טשווי־טשווי פון דער גריל. און איך זאָג:

— פּעטער, לאָמיך אייך עפּעס פרעגן!

— פרעג, מיין קינד.

— פאַרוואָס וואַרפן מיר די אינגלעך אויף: „ברענער מע־שומעד!" — מיר האָבן דען אַ מעשומעד אין דער מישפּאָכע?

דער פּעטער גלעט מיר די שטיקלעך פּייעס. אין דרויסן ווערט דער שפּערלינג שטיל, די גריל אַליין זינגט און באַגלייט דעם פּעטערס רייד אין דער טונקלקייט פון אַ ווייס־אויסגעקאַלעכט שטיבל.

— איכ'ל דיר דערציילן אַ מאַיסע, מיין קינד: אַמאָל איז געווען אַ מענטש, האָט ער געהאַט אַ פאַלש רענדל, איז ער געווען גליקלעך, ווייל ער האָט געמיינט, אַז ער האָט אַ גוט רענדל. האָט ער דאָס רענדל געגעבן בעירושע צו קינדער און קינדס־קינדער, און אַלע זענען געווען זייער גליקלעך... ווייל קיינער פון זיי איז נישט געווען קיין מיווין אַף קיין גאָלד. נאָר איינמאָל איז געקומען צעגייען אַ גאָלדשלייפער און מ'האָט אים געוויזן דאָס רענדל אַף צו שאַצן פאַר אַלעמען אין די אויגן. האָט ער געמאַכט: „עס איז פאַלש! וואַרפט עס אַוועק!"... האָבן די רענדל־יאַרשים אָנגעהויבן וויינען, האָט ער צו זיי געזאָגט בעסאָד: „ווייסט איר וואָס, קינדער? מיילע — געזאָגט דעם עמעס, איז פאַרפאַלן. נישט מער: איך האָב אויך אַ פאַלש רענדל, וועל איך עס אויסבייטן אַף אייערס, קעדיי די שטאָט זאָל נישט ווייסן... וועט איר דערווייל זיין רייך, און ביזוואַנעט אַן אַנדערער גאָלדשלייפער וועט קומען ——!" דאָס איז דער מאָשל, מיין קינד. דעם נימשל זאָלסטו ערשט זוכן, אַז דו וועסט גרויס ווערן און סי וועט דיר וואַקסן אַ באָרד... דעמאָלסט זאָלסטו דיך דערמאָנען אין דעם און טראַכטן!...

:: :: ::

פראָש'ס הויף איז אַ גאַנץ פּילוואַריק. אַכוץ לאַנדגערטנער און סאַדעס און טשערעדעס מיט בעהיימעס, פאַרמאָגן די פראָשעס אַ גראַלניע, וואו מ'טרייבט בראָמפן, און פון אַ הויכן, דאַרן שטעקן־קוימען גייט אַ רויך. דער־אָ רויך איז אַ פּאָן איבערן שטעטל און אַ — זייגער... לויט דעם קאָליר פון דעם רויך ווייסן אַלע נאַראַיעווער אידן וויפיל דער זייגער האַלט. ביז אַרום עלף אינדערפרי איז דער רויך שוואַרץ. פון עלף ביז איינס איז ער גרינלעך. און אַזוי עסיידער, לויט דעם וועטער, לויטן ווינט, לויט דעם טאָג פון דער וואָך אַפילו... ס'איז אַ גאַנצע כאָכמע דאַביי. אַז דער רעבע ר'

עווערדיע גיט אַ קוק דורכן פענצטער אַפּן רויך פון דער גראַלניע, מאַכט ער:

— אָמיר היינט דאַנערשיק זייגער עלף... הייסט דאַס... אַ שמעקטאַביקע, ר' זימל, זאַטשע־מויכל...

ר' זימל קלאַפּט־אָן מיט אַ פינגער־קנעכל אין האָרנפּישקעלע, מעלדט דעם פּישקעלע, אַז צוויי פינגער ווילן אַריינקומען און עפּעס טון, און בעאיים דער רעבע שמעקט טאַביקע, ניסט דערווייל ר' זימל זייער געשמאַק מיט אַ שטיל פּטשי'עלע...

די גראַלניע איז די ערשטע פאַבריק, וואָס איך האָב געזען אין מיין לעבן. דאָ איז געווען גאָר אַנדערש ווי אין שטוב, אָדער אין שקאָלע, אָדער אַפילע אין פּראָש'עס סאַליעס... דאָ איז אַ סאַך, אַ סאַך פריילעכער. ערשטנס, אַרבעטן די קעסלען אַף אַ זייגער. און יעדע זאַך וואָס איז מיט אַ זייגער, האָט מיר דער פעטער איציק אַמאָל געזאָגט, איז מיט אַ סייכל. צווייטנס, בלישטשען דאָ גוואַלדאָוונע קופּערנע טעלער אָנגעצילעט אַף אַ שטאַנג: איין טעלער איבערן אַנדערן. אַלע גלאַנצן און פּעבלען. דער בראַי זידט און שמעקט און מאַכט שיקער... אַז מ'האָט אַרונטערגעקוקט דורך די אַרומגעניטעוועטע לעבער אינעם פוסבאָדן, האָט מען געזען, ווי דריי פערד דרייען זיך מיט פאַרבונדענע אויגן אין אַ „קער־ראָד"... דרייען זיך, דרייען זיך, דרייען זיך, אָן אַן אויפהער, אַזוי, אַז עס הויבט אייך אָן צו שוואַכן באַם האַרץ... דעמאָלט גייט איר אַוועק מיט פּראָשעס עלטערן פּאַניטש בעניע, און טוט זיך אויס נאַקעט און איר קריכט אַריין אין דער מאַיזשע, און איר קומט אַרויס מיט אַ אָנגעשיקערטער, פריילעכער הויט... די בלוט־געוועבן די אינגלישע זענען שיקער — יעדער פּאַר זיך מיט אַן אַנדער מין און אַן אַנדער גראַד שיקערקייט.

היים און פריש און פול מיט בראָמפּן אין דער הויט, גיי איך אַוועק קריק אין הויף אַריין, וואו דער טאַטע מיינער לערנט מיט פּראָשעס קינדער, און ווישט זיך דעם שוויס פון הינטער דעם האַלב־שטייפן קאָלנער. איך קום אַריין אָנגעצונדן מיט מוט און פרייד, נאָר אַז איך דערזע דעם טאַטן, ווער איך שטיל, און נידריק. איך דערמאָן מיך, אַז איך בין שוין קימאַט צוועלף יאָר אַלט און איך וועל שוין באַלד דאַרפן אַליין גיין פאַרדינען אַף ברויט.

נאָר דאָ גיט אַ בלישטש לייטשעם קאָפּ־האָר. אירע צוויי גרינע אויגן לאַכן פאַרשייט צו מיר.

דער טאַטע האָט מיך אויסגעלערנט זאָגן אַף דייטש: „גוטען

טאהג" — יעדעס מאָל וואָס איך קום אריין אין פראָשעס לערנשטוב.
— „גוט־יאהר!" — ענטפערט מיר לייטשע. — „וואָס מאכן זי גוטס?"...

זי לאַכט פון מיין דייטש, לייטשע.
אָי, לייטשע, לייטשעלע... ווען דו זאָלסט ווישן!
אָבער לייטשע ווייסט נישט. זי טרייבט מיט מיר קאטאָוועס:

הערר איציק־שפּיציק,
זייען זי ניכט
זאָ קאפּריציק!

אָדער:

הערר לערער, הערר לערער,
וואָס איזט מיט אינען
דערמערער?...

אויב איר האָט אמאָל געלייענט אין קאוו־האיאָשער וועגן א שפּילקעבעטל, אַף וועלכן מען ליגט די רשאָאים אין געהענעם, וועט איר פאַרשטיין דעם טאַם, וואָס איך האָב געפילט יעדן טאָג, ווען איך בין אריינגעקומען מיט מיין שיינעם, ערנסטן דייטשן „גוטען־טאהג" און לייטשע האָט מיך אַף דעם געענטפערט א „גוט יאהר"...

אַז איך האָב מיך דערנאָך מעיאָשעוו געווען און איבערגעגאַנגען פון דעם דייטשן „גוטען טאהג" אַף א פּראָסט־אידישן „גוט־מאָרגן!" האָט דאָס שוין אויך נישט געהאָלפן. וואָרין לייטשע האָט אַף דעם אויך געהאַט א וויץ: „גוט־מאָרגן!" „גוט־איבערמאָרגן!"

אָי, לייטשעלע, לייטשעלע, סי וועט דיר נאָך אמאָל באַנג טון, ווען זען מיינע רייד!

אַזוי האָב איך אין געדאַנק אָפּגעענטפערט דער שיינער לייטשען, בעאיים איך האָב מיך מיטן גאַנצן לייב־און־לעבן אריינגעקושט אין דעם נאָפּל־גריבל פון איר בויך, וואָס האָט זיך קלאָר געצייכנט דורך איר זומערדיק קליידל.

:: :: ::

באַנאַכט בין איך מיטן טאַטן געגאַנגען אהיים פון די פראָשעס.
אין הימל האָט געוויסלט א לעוואָנע ווי א בעכער, איבערביימער, וואָס הייבן־אָן אָפּס־ניי איבערוואַקסן דאָס פּאַראיאָרעריקע יאָר.

דער טאַטע איז היינט געווען זייער פאַרטראַכט, ווייל סי איז אים שוין געהאַט אָנגעקומען די „קאַרטע" פון אמעריקע. מיין האַנט איז היינט באַנאַכט נישט געווען אין זיינער. די רויטלעכע קרויזן

פון זיין באָרד זענען היינט געווען מעיושעוו מיט לעוואָנע־אַלטקייט.

איך בין נאָכגעגאַנגען דעם טאַטן פון הינטן און געטראַכט — פון מיינע אייגענע, שטילע, פאַרשלאָסענע גערטנער... איך האָב גע־טראַכט פון ליטשען. איך האָב געטראַכט פונעם גאָלדענעם רענדל. איך האָב געטראַכט, ווי נידריק איך בין, ווי עלנד איך בין. איך האָב געטראַכט: דער טאַטע לאָזט זיך אוועק איבערן יאַם... און מיר האָבן אַ מעשומעד אין דער מישפּאָכע.... וואָס האָט דער פעטער איציק געקענט מיינען מיטן רענדל?... אַז איכ׳ל אויסוואַקסן, וועל איך ווּיסן. דערווייל ווייס איך, אַז איך האָב מיר שוין פאַרשמירט די הענט מיט בלאָטע, און אַז בלאָטע איז ווייך און וואַרים. בעסער ווי דער קאַלטער, אָפּגעקאַלכטער שטיין, וואָס ליגט לעבן דער טיר פון אונדזער שטוב.

מיר זענען איצט געווען לעבן קלויסטער.

אַ לייכטער נאַכטווינט האָט אַביסל גערירט די הערצלעך פון די קלויסטער־גלעקער, דאָרט אויבן, וואָס זענען־אויס ווי אַקסלען מיטן קאָפּ אַראָפּ...

דער טאַטע איז היינט באַנאַכט געגאַנגען שנעלער פון מיר. —

— וואו ביסטו, איציקל?

— איך בין דאָ, טאַטע.

— פאַרליר דיך נישט, איציקל.

— איכ׳ל מיך נישט פאַרלירן, טאַטע.

אַז איך האָב ארויסגעזאָגט די־אָ ווערטער, בין איך געווען אַקוראַט לעבן דער שטיינפיגור פון „גאָטס מאַמען”. זי האָט געטראָגן אַ פרישן ווערבע־קרענצל אַפן קאָפּ. אירע פיס זענען געווען אַף אַ געשטעל, אַקוראַט די הויך פון מיינע ליפּן... אַ לעבעדיקע שיינקייט איז געווען איבער איר אין לעוואָנע־ליכט. אַ פאַרהילטע אין שיינ־קייט און אין זינד. אויך איר נאָפּל האָט געהאַט אַ גריבל, אַזוי ווי ליטשעס. אויך זי — איז אַזאַ שלעכטע. איך האָב געזען, ווי מ׳האָט איר בילד געטראָגן איבערן מאַרק, גויים האָבן געהאָלאָסיוועט, ס׳איז געווען אַ בעזאָלאָוויע... אידן האָבן טויט־דערשראָקענע די טירן פאַר־מאַכט. די פון לעבן דער דרויסנטיר, אַף גיך באַ די הענט אַריינ־געשלעפּט.

איך האָב צוגעטראָגן מיינע ליפּן צו די קילע פיס־פינגער פון דער שווענטע־מאַריע. — געוואַלט, וואָס האָב איך געטון? איך האָב איר אַ קוש געטון... אַ קוש־געטון דער שווענטע־מאַריע... איך האָב אויסגעביטן דאָס רענדל...

— „טאַ־טע!” — האָב איך אַ געשריי געטון, גענומען לויפן צום טאַטן. דער טאַטע צו מיר.

— וואָס איז דיר?

— גאָרנישט, טאַטע!

— ביזט אַ קינד!... פאַר אַלצדינג שרעקט ער זיך... נעם־אָן מיין האַנט!

איך האָב אָנגענומען דעם טאַטנס געטרייע ברייטע האַנט, און איך האָב מיך געפילט באַשיצט, גלייך איך וואָלט איינגאַנצן געלעגן אין מיין טאַטנס דלאָניע.

:: :: ::

לויטן טאַטנס רייד איז אויסגעקומען, אַז איך בין אַ בעיהוז. אַז איך דערזע בעריש פּאָסעסיר לויף איך אַוועק... איך גרים אים נישט. איך זאָג אים נישט, ווי דער טאַטע האָט מיך אויסגעלערנט, „גרים גאָט, הערר פּראָש;” פון פּראָשעס דריי יונגען, איז איינער שוין אַ דערוואַקסענער פון אַ יאָר אַכצן און ער הייסט בעניע, און האָט ציין, וואָס זענען אַזוי ווייס, אַז סי דאַכט זיך, אַז זיי זענען אַריינגעשטעלטע. ער האָט אַ מיידליש קאַלעכדיק פּאָנים מיט אַ מיידליש וואָנטשעלע. מענדזשע איז דער אַנדערער נאָך בעניען. ער איז קאַלעכדיק און ווייך, ווי אַ ראָשטשינע. אים רינט אָפט בלוט פון דער נאָז — מ׳טאָר אים נישט אָנרירן. אַז זיין טאַטע גיט אים אַ פּעטשל אין טוכעס, הויבט אים אָן גיסן ס׳בלוט פון דער נאָז, ווי פון אַ קוואַל.

סרולטשע איז דער יונגסטער. ער עסט מיט אַ צוגעמאַכט מויל, ווי ער וואָלט דעם שטיקל צוקערלעקעך געטון די גרעסטע טויווע מיט דעם וואָס ער עסט עס אויף... ער רעדט שטיל, קוים וואָס מ׳הערט, גייט פאַרקנעפּלט אַף אַלע קנעפּלעך, גייט אַרום מיט אַ הונט אַף אַ קייט. די אויגן זענען באַ אים שטענדיק נאַס און שטיל, ווי באַ זיין מאַמען... און די הענט און פיס זענען באַ אים קאַלט, אַפילע אום זומער.

לויט זייערע פיייקייטן טיילן זיי זיך אַזוי: בעניע קען נישט די „אויפגאַבע” זונטיק, און ער קען זי נישט פרייטיק, מענדזשע קען נישט די „אויפגאַבע” זונטיק, אָבער פרייטיק קען ער שוין קוים מיט צאָרעס. סרולטשע קען זונטיק בעסער ווי פרייטיק, — ביז פרייטיק נעמט אים אַפּ דער כיישעק, און ער פאַרגעסט, ער גענעצט באַם לערנען — ער צערייסט זיך שיער ס׳מויל. די אויגן גייען אים איבער. —

דער טאַטע זאָגט, אַז איך בין אַביסל געראָטן אין סרולטשען. איך קען אויך זונטיק בעסער ווי פרייטיק. מיר גייען אויך איבער די אויגן, אַז איך זיץ צו לאַנג איבער אַ „לעקציאָן". נאָר אין די פּיס איז מיר נישט קאַלט. פאַרקערט: מיר איז שטענדיק וואַרעם. אַפּילע ווינטער פּיל איך די קעלט, ווי בלויז אַ שאַרפערע און געשמאַקערע וואַרעמקייט — אַ וואַרעמקייט, וואָס האָט נאָדלשפּיצן, ווי פראָשעם אייגענער טוש־באָד (אין גראַלניע), וואו בעניע האָט מיך אַמאָל אַריינגעלאָזט, איך זאָל מיך שפּריצן, בעאיים זיין טאַטע איז נישט געווען אינדערהיים...

— „באַ וואָס וועל איך פאַרדינען מיין ברויט, אַז איכ'ל אויס־וואַקסן?" — דאָס איז אַ פּראָבלעם, וואָס פּיקט מיר דעם מויעך, ווי אַ וואָרעם.

מיין טאַטנס האַסאָגע איז, איך זאָל זיין אַ קרייזפיזיקוס, אָדער אַ קרייזראַבינער. מיין מאַמע זאָגט: „ווייסיך וואָס — אַ „קרייז־שפּיציקוס" וועט ער גאָר זיין און מאַכן קאַנעס, צי אַ קרייז־ראַבינער וועט ער זיין און ריידן צו גאָט אַף דייטש, גאָט זאָל לאַכן... ס'וועט נישט קימען דאַצו. פרי מעני איז רעכט ער זאָל זיין אַ זייגערמאַכער, אָדער אַ טאָקער... אָדער אַ גאָלדשמיד, אַבי ער זאָל זיין געזונט.

און איך אַליין? מיר אַליין איז דער פּלאַן געפעלן בלויז אַף אַ העלפט: איך האָב געוואָלט זיין אַ דאָקטאָר און וואוינען אין אַ „הייפל", אָבער פאַטשקען זיך מיט מענטשלעכע כווילאַעסן, האָב איך נישט געוואָלט. איך האָב געוואָלט זיין אַ קרייזראַבינער און טראָגן אַ פיינעם שטעקן מיט אַ טענדע־ווערענדע, נאָר ריידן צו גאָט אַף דייטש האָב איך מיך געשעמט... אַ זייגערמאַכער, וואָלט איך יאָ געוואָלט זיין — קעדיי צו קענען צענעמען די שיינע שפּינדן און רעדלעך און שפּרינגפעדערס, אָבער קריק צענויפשטעלן דאָס, האָב איך מוירע געהאַט, ווייל איך נישט האָבן קיין געדולד: אַז אַ רעדעלע, גרוים ווי אַ פלוי, וועט אַראָפּפאַלן אַף דר'ערד, אָדער אַ ניטל — ווער וועט עס גיין זוכן?... פון אַלע זאַכן איז מיר צום בעסטן געפעלן צו זיין אָדער אַ „הוצול", וואוינען אַף די קאַרפּאַטן־בערג, און שניצן האָלצזאַכן... טראָגן אַ היטל מיט אַ פעדער און רויכערן אַ לאַנגע ליולקע. אָדער אַז נישט האָב איך געוואָלט זיין אַ ציגיינער און דראָטאַרזשניק. טראָגן אַן אוירנגל אַ גאָלדנס, און אַף די אַקסלען — בייגל פון קופּערדראָט און בלייַ־דראָט, וואָס בלישטשען אין דער זון. איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, אַז איך גיי איבער די גאַסן פון אַ פרעמד שטעטל, אין דער טיראָל,

וואו הייזער האָבן טורעמלעך און גרינע געדרעקסלטע שפּיצן, און איך זינג מיר: „ראָנדליע! ראָנדליע!"... אָדער: „קופּער־דראַ־ט־רע־פּע־ראַ־טור!"... מען ברענגט מיר איזדרישעטע באַנקעס פון נאַפט, אָדער רויזגרינע באַכיגע בוטעליעס פון וויין, אָדער פּאַר־צעליי־טעלער, איך דראַטעווע זיי אַרום און גיב זיי קריק צו די טיראָלער דיקע באַלעבאָסטעס. זיי גיבן מיר געלט און זיסע שמייכלען...

איך האָב שוין אַפילע געהאַט אויסגעטראַכט אַ פּאַרטל, ווי אַזוי מיר צו שאַפן וואָס מער קונדשאַפט: דער פּלאַן איז געווען, איך זאָל מיר קויפן אַ פינגערל מיט אַ שפּיציק שטיינדל אינעווייניק... דאָס שטיינדל וועל איך צושליפן, סי זאָל זיין שאַרף... אַז אַ באַלעבאָסטע וועט מיך אַריינרופן און מיר הייסן איבערקוקן די צינענע טעלער, צי די קופּערנע ראַהנדלעך, וועל איך אַזוי שטילערהייט מאַכן אַ לאָך מיט מיין רינגל, וועל איך האָבן וואָס צו פאַרריכטן... דאָס וועל איך טון דעם טאַטן אַף צעלאָכעס, ווייל ער וויל איך זאָל זיין אַ קרייזפיזיקוס, אָדער אַ קרייז־עפּעס־אַנדערש... און כ'זאָל זאָגן צו בעריש פּראָש'ן, „גרים גאָט, הערר פּראָש"... אַז איכ'ל זיין אַ דראָ־טאַרזש, וועל איך נישט דאַרפן זאָגן צו קיינעם „גרים גאָט". שאַ, נאָך בעסער: איך וועל גאָר זיין אַ קוימענקערער, מיט גרויסע שוואַרצע באַרשטן, אין די הענט, אונטער די אָרעמס, אין די כאָליעוועס. איכ'ל זיין אַ שוואַרצער רואַך, און קריכן אין די שטעטלישע קוימענס. מיין פּאָנים וועט זיין אויסגעסאַזשעט... אַלע קינדער וועלן זיך פאַר מיר דערשרעקן... אַכוץ לייטשע... לייטשע האָט קיין מוירע נישט פאַר קיין קוימענקערער. פּאַרקערט: איר וועט דאָס געפעלן... זי האָט מיר אַליין אַמאָל געפרעגט:

„הערר לערער, הערר לערער,
מעכטען זי ניכט זיין
איין קוימענקערער?"

יאָ דאָס איז דאָס! איך וועל זיין אַ קוימענקערער, אַרומגיין איבער די נאַראַיעווער גאַסן און זינגען ווי אַ שיקער און לאַכן מיט ווייסע ציין... אַף צעלאָכעס דער מאַמען, וואָס זי דערגייט מיר די יאָרן מיט איר שטענדיק אַרומקריכן קראַנקערהייט מיטן פלעדערוויש...

דער פעטער טרעפט מיך אין גאַס, ווי איך גיי אַזוי מיטן קאַפּעליטש אַף יענער זייט קאָפּ, די אויגן צום הימל, אַ פינגער אין דער נאָז, און כאָלעם...

— „אַם־קאָדויש!"

דער פעטער איציק קרימט נאָך דעם שאַמעס'ס רופן צו כצאָס...

— נעם אַרוים דעם פינגער פון דער נאָז... און קוק נישט אין הימל אַריין. און רוק אַראָפּ מ'קאַפּעליטש אַהער; וואוהין שפּאַנט מען דאָס אַזוי פּארטראַכט, באַל־כּאָלעם מיינער?

— אין ערגעץ נישט...

— אויב אין ערגעץ נישט, וועל איך דיך מיטנעמען מיט מיר: איך גיי אין קלויז אַריין צו אַן אַסיפע. —

— איר, אין קלויז אַריין? צו'ן אַסיפע?

— יאָ. ס'איז וועגן בישוף, וואָס דאַרף קומען קיין נאַראַיעוו. סי וועט זיין וואָס צו זען... גאָט האָט די נאַראַיעווער אידעלעך צוגעשיקט אַ בישוף — טוט זיך אָביסל... קום־מיט, וועסטו עפּעס הערן... וועסט שטיין לעבן מיר!

:: :: ::

בישוף... בישוף... בישוף...

אָט־די ווערטער האָבן געקלונגען דורך דעם בלאָטיקן טאָל, וואָס הייסט נאַראַיעוו. אידן און גוים האָבן זיך געגרייט צו באַגעגענען דעם „גרעיסע" — יעדער אַף זיין שטייגער.

די גוים האָבן געבויט אַ טורעם באַם ברעזשאַנער וועג, האָבן געשלעפּט קלעצער פאַר די טורעם־זיילן, האָבן געפּוצט דעם טורעם־שפּיץ מיט צלאָמים געגילדעטע, מיט קרענץ רויטע וויינפּערלעך, מיט גאַנצע צווייגן פון גרינע, לעבעדיקע ביימער... די וועלדער אַרום נאַראַיעוו האָבן געוויינט מיט גרינע טרערן, גרוים ווי בלעטער... וויים, יונג האָלצפּלייש איז געלעגן צעהאַקט און צעבראָקט אַף אַלע וועגן. שטיקער גרינע הויט האָבן זיך נאָכגעשלעפּט און געיאָמערט.

קריסטן האָבן זיך געפרייט מיטן אָנקומען פונעם בישוף... דאָס קלויסטער, וואו ס'לעגט אַלעמאָל אַרויסגעבן פון זיך אַ טערפּקע געשטאַנק ווען די טירן זענען געווען אָפן, האָט אין די־אָ־טעג אָפּ־געגעבן פון זיך נישט אַזאַ שאַרפן רייעך. די באָזשעמאַטקע (איצט שוין קימאַט מיין געליבטע, ווייל איך האָב איר אַרויפגעגלעט אַ קוש אַף די פּיספּינגער) ווערט געוואַשן און גערייניקט. איר וויאָלע קרענצל ווערט איבערגעביטן אַף אַ פרישס. איך קוק־צו פון דער וויטן ווי דער גראָבער שייגעץ, אַמבראָז, שטייט און פּאָרעט זיך אַרום מיין באָזשעמאַטקע, און ס'בלוט שלאָגט אין מיר מיט רויטע העמערלעך אין קאָפּ אַריין, די שלעיפן ווערן פול מיט פייער, איך וועל דאָס נישט אויסהאַלטן. —

איך טראַכט בא מיר:

אַזאַ לעכטיק פּאָנים! גאָרנישט ווי קיין שיקסע... און די אויגן אירע! איך וואָלט געשוואוירן, אַז זי וויינט... פאַרוואָס זאָל זי וויינען? כ׳וויים עפּשער וויינט זי דאַפאַר, וואָס מ׳האָט זי אַוועק־געשטעלט אין קלויסטער, צווישן גוים?...

איך גיי־צו נאָענט צו אַמבראָז׳ן און וויל אים עפּעס פרעגן, ליגט ער אַוועק די שמאַטע, מיט וועלכער ער רייבט דער „מאַמעס" פּאַרשטויבטן בויך, קוקט מיך אָן און ווייזט צו זיך אָפן קאָפּ:

— ס׳היטל... טו־אויס, ס׳היטל... דו זשיד!

איך כאַפּ אַראָפּ מ׳קאַפּאַליטש, בלייב שטיין אַ פאַרשעמטער און פרעג:

— ווען קומט ער, אייער פּאַן בישאָפּ?

— ער׳ט קומען, ווען ער׳ט וועלן. נישט דיין דאַיגע... צו דיינע זשידקעס וועט ער נישט קומען.

— זאָג דאָס נישט, אַמבראָזשע. אונדזערע וועלן אַנטקעגנגיין דעם פּאַן בישאָפּ גלייך מיט אייערע... מיר וועלן אים אַקעגנטראָגן ברויט מיט זאַלץ...

אַמבראָז צעלאַכט זיך מיט ווערימדיקע אַרבעסלעך:

— ברויט מיט זאַלץ... כאַכאַהל! דער פּאַן־בישאָפּ וועט זיך אַוועקשטעלן מיט די אידעלעך לעקן זאַלץ, אַזוי ווי אַ שאָף... מעהה!

אַמבראָז שטעקט אַרויס די צונג און ווייזט מיר ווי אַזוי דער בישאָפּ וועט לעקן זאַלץ... און צעלאַכט זיך מיט אַזאַ געלעכטער, וואָס ברענט אָף מיין באַק, ווי אַ פּאַטש אין פּאָנים.

:: :: ::

נישט נאָר די גוים גרייטן זיך צו אַ גרויסער כאָגע, נאָר די אידן אויך. עס ווייזט זיך איצט אַרויס, אַז פּונקט ווי ס׳איז דאָ גוים סאָנע־יסראָעל, וואָס גלויבן אין „ראַבין", אַזוי איז אויך דאָ אידן, וואָס האָבן פיינט אַ גוי ב׳טאַכלעס־האַסינע, נאָר אין בישאָפּ גלויבט מען פונדעסן צוביסלעך.

אין די אידישע געסלעך שייערט מען און מע וואַשט, ווי ערעוו־פּייסעך, כאָטשע מ׳ווייסט זייער גוט, אַז דער בישאָפּ וועט אין די אידישע הינטערגעסלעך נישט קומען. עס איז אַ מין צעלאָכעס די גויעשע שכיינים, זאָלן זיי נישט מיינען, אַז — שטאָ־טאָם־טוט־זיך! נישקאָשע, דער בישאָפּ איז אַ געלערנטער מענטש און אַ „גרעיסע", און יעדער „גרעיסע", אַפילע ווען ער איז אַ גוי, איז ער נעענטער צו די אידן, ווי צו די גוים... (ביכלאַל הייסט בײַ אונדז אין נאַראַיעוו אַ „גוי" בלויז אַן אָרימער גוי, אָדער אַ פּויער... אַן איידעלער און

א רייכערער גוי, הייסט בא אונדז „קריסט". א קריסט איז קימאַט א איד!).

בא ר' עוועדיע'ן אין כיידער גייען שמועסן מיקויעך דעם בישיף. ר' זימל מיינט, אז ס'קען נישט זיין, אז אן עמעסער בישיף טאַקיש, זאָל פּלוצים כאַפּן און אראָפּלאָזן זיך קיין נאַראַיעוו... ער האָט שוין מער ניש וואו צו פאָרן, נאָר קיין נאַראַיעוו... האָט ער ניש מער... (ער קלאַפּט־אָן אין זיין האָרנפּושקעלע און רוט זיך אָפּ א מינוט.)

— איז דאַפון געדרונגען? — פרעגט ר' עוועדיע, און מאַכט פּוה־פּוה, מיט זיין ליולקעציבעך.

— איז דאַפון געדרונגען — מאַכט ר' זימל — אַז, ענטוועידער ער וועט נישט קומען... און אויב ער וועט יאָ קומען, וועט עס זיין א פּיד־בישיף, נישט קיין בישיף...

— א פּיד־בישיף? — מאַכט ר' עוועדיע אָן אָפּגענאַרטער — טו וואָס־זשע איז די כאָכמע?!

טשימוישע גייט אַרום מיט די הענט אָפּן הינטן, מיט אַן אָפּן צעסלינעט מויל און זאָגט שוין גראַמען וועגן דעם:

בישיף, בישיף
טי מיר קישיף...
קישיף טי מיר,
גראַצערס גי' מיר!...

אַז דער רעבע דערהערט דאָס, צעשרייט ער זיך:

— דו... דו! הער־אויף, מ'טאָר נישט כויזעק מאַכן פון קיין בישיף... כויזעק מאַכן טאָר מי ניש...

:: :: ::

מיין כאַווער העשעלע האָט א קעשענע־זייגערל, וואָס זיין על־טערער ברודער האָט געבראַכט פון ירושלים. האָט ער עס מיר פאַר־קויפט פאַר א האַלבן ראַניש. אַז העשעלע האָט מיר אָפּגעמאָלן די מאַילעס פון דעם ירושלים'ער זייגערל, איז מיר געקומען סלונע אין מויל אריין. ערשטנס, האָט ער געזאָגט, איז דאָס זייגערל א אידיש זייגערל, מיט אידישע אויסיעס אָנשטאָט ציפערן... און והאָ ראַיע, אַז ס'איז א אידיש זייגערל, אַז ס'גייט נישט אום שאַבעס!... פרייטיק, אַזוי גיך ווי די זון גייט אונטער, בלייבט עס שטיין, און ס'שטייט אַזוי אָפּ ביז שבייסינאַכט, ווען די שטערן קומען־אַרויס... צווייטנס, איז דאָס־אָ פּיצעלע זייגערל, ווי דו קוקסט עס אָן, אויס־געוואוּן גאַנץ ערעץ־יסראָעל... אָף דער מעאָרעס־האַמאַכפּיילע, אָף דער

מוטער ראָכלס קייווער, אין אַראָם נאַראַים, באַם טייך כידעקל... אַז מ׳זאָגט אויסגעוועזן גאַנץ ערעץ־יסראָעל, וואָס־זשע פרעגסטו? דריטנס, איז עס אַ סגולע קימאַט צו אַלדינג... אַז ס׳טוט דיר ווי דער קאָפּ, מאַך־אויף ס׳קופּערטל און זאָג־אַריין:

„איינס, צוויי, דריי,
דער קאָפּ טוט מיר ווי״,

איז — ווי מיט דער האַנט!

אַז העשעלע האָט געערדט און געריבן די בלעכענע קופּערטע אַף זיין רעקל, זי זאָל בלישטשען, האָב איך נישט געקאָנט ביישטיין דעם ניסאָיען, בין אַהיימגעגאַנגען און געוויינט פאַר דער מאַמען זי זאָל מיר געבן 50 גראַצער, און מיט דעם געלט האָב איך געקויפט העשעלעס זייגער. נאַר אָך, אַ ווייטיק איז מיר אַ גרויסע! איך דריי דאָס היפּשע, געקאַרבטע ציבעלע־קעפּל אַהער און אַהין. טרעסע עס — קיין מיזרעך, מאַירעוו, צאָפן און דאָרעם — סי גייט נישט... דאָס הייסט: אַף אַ רעגע גיט עס יאָ אַ שטעל־פּיס, נאַר אַזוי שטיל ווי אַ פליג, און סי גייט אים באַלד אוים די נשאָמע.

איך לויף קריק צו העשעלען, דערצייל אים וועגן דעם אומגליק. מאַכט ער:

— סי קען זיין, אַז דער זייגער מיינט אַז סי היינט שאַבעס, ווייל בא אייך איז אַזוי ריין אין שטוב. ער איז נישט געוואוינט דאַצו.

— וואָס־זשע ראָטסטו מיך צו טין, העשעלע?

— איך ראָט דיך, דו זאָלסט דיר נישט מאַכן דאַפון קיין וועזן. אויב סי גייט נישט, וועט עס גיין... סי וועט זיך צוגעוואוינען צו אייער שטוב, וועט עס ווייסן ווען ס׳איז שאַבעס און ווען ניש... זאָרג דיך ניש. טאַסטי אַ שטיקל טשיקילאַדע!

העשעלעס זיסע רייד און דאָס נאָך זיסערע שטיקל „טשיקילאַדע״ האָבן מיך אַביסל באַרואיקט. אָבער ס׳האַרץ איז מיר אַלץ געווען פאַרביטערט. וואַרטן האָב איך נישט געקענט, האָב איך גענומען דאָס זייגערל אין די הענט אַריין, אָפּגעדעקט די קונציקע אינגעווייד, און מיט אַ צוועקנגל אין האַנט — געמעלאָכעוועט. איך האָב געפּריפט קיצלען די „האָר״ מיט אַ נאָגל, אונטערשטופּן די קליינע רעדעלעך מיט אַ שוועבעלע. אַמאָל פלעגט זיך דאָס זייגערל אויפמונטערן, אָפּגיין אַ צוויי רעגעס, און ווידער אַנטשלאָפן ווערן. האָב איך גע־פּרופט רעדן צום זייגערל מיט גוטן... (אַף לאָשן־קוידעש, ווייל כ׳האָב

געוואוסט, אז סי קומט פון ירושלים), אָבער — סי האָט נישט געהאָלפן.

אז איך בין ווידער געקומען מיט א „צעבראָכענער קניע" צו העשעלען, האָט ער מיר געזאָגט, אז איך זאָל גיין צום זייגערמאַכער, ר' שימאָלע גאָטיז. עפּשער וועט ער עפּעס קענען טון. בין איך אוועק צום זייגערמאַכער שימאָלע גאָטיז. האָט מען מיר געזאָגט, אז ער איז היינט נישטאָ אין דער היים. מ'האָט אים אוועקגערופן אף א קאָנסיליע צום פּאַריץ, אין פּיטיטער. „וואָס פאַר קאָנסיליע?" „א גאָלדענע קאָנסיליע!... בא א קאָנסיליע דאַרף זיין דריי מענטשן — יאָ? נו, איז געקומען דער פּראָפעסיר מיטן היגן דאָקטער. קיין דריטער איז נישט געווען, האָט מען געשיקט נאָכן זייגערמאַכער, וואָס פאַרשטייסטו דאָ נישט?"

בין איך ווידער אוועק צו העשעלען, האָט ער זיך שוין גערודצקעט, און געזאָגט איך זאָל אים געמאַך לאָזן... ער הערט נישט מער, נאָר „זייגערל, זייגערל". זינט ער האָט מיר פאַרקויפט דאָס זייגערל האָט ער נישט קיין בארואיקטע מינוט שאַ, מאַכט ער — „ווייסטו וואָס? טראָג עס אוועק צום רעבן, קיין סטרעטין, וועט דער רעבע עס בענטשן... און שאַ, ווייסטו וואָס נאָך איכ'ל דיר זאָגן? דאַרפסט גאָרנישט גיין צום רעבן. מאָרגן קומט דאָך אהער דער בישיף, וועט ער בענטשן אַלע אידן, וועט ער שוין בענטשן דיין זייגערל אויך...

— א בישיף קען דען בענטשן? זיין בראָכע האָט דען א האָפט?

— צי א בישיפ'ס בראָכע האָט א האָפט? כמאַ, וואָס מיינסטו עפּעס, א בישיף איז א גוי? ווען ער זאָל זיין א גוי, וואָלטן דען אידן אנטקעגנגעגאַנגען מיט א סייפער־טוירע? סי וואָלט ניש גע־קומען דאַצו...

העשעלע האָט מיר א דוצקע געטון אין בויך אריין, און איז אוועק א פאַרענטפערטער...

:: :: ::

אין קלויז האָט געברענט דער הענגלייכטער. בא די זייטיקע טישן האָבן געברענט לעכט... עס איז געווען א רויך און א טשאַד. א קעסלשטראָם האָט געקאָכט. ארום דעם קעסלשטראָם איז ווי א רואיקע טאַשמע געווען: די בלאַסע קלויז־באָכירים, וואָס זענען געזעסן בא די צוגעטאָפּיעטע שטיקלעך לעכט און געלערנט — נישט אזוי דאָס לערנען אליין האָבן זיי איצט געלערנט, ווי דעם ביטערן, שיינעם ניגון פון אַן אומנוציק געוויין וואָס איז אזוי אַלט... דווירעס האָבן געוויינט אין שטילע קוילעס, איבער שטילע לעכטלעך... און

דאָס זענען געווען די טויטע ברעגן וואָס האָבן ארומגערינגלט דאָס לעבעדיקע לעבן, דאָס גרויסע געררויש ארום דעם בישיף.

העגט האָבן זיך געהויבן אין דער לופטן: אטלעסענע ארבל. שטאָפּענע ארבל. יאַטקענע ארבל... צעטרעפּקעטע ארבל, ארבל מיט קויטיקע העמד־פּראַנדזן... אַלע ארבל האָבן גערעדט, געשריגן. און אַלע האָבן געענדיקט מיט דעם שרעקלעכן, טיפן און סוידעסדיקן וואָרט: „בישיף“.

די הענט האָבן זיך געהויבן אַלע מאָל פלינקער... האָבן געלויכטן אונטערן ענגלייכטער ווי א פּלוצים־אויסגעוואַקסענער וואַלד... הענט זענען אראָפּ פון זינען, שיקער געוואָרן, זיך קוים אָנגעהאַלטן בא צעציטערטע בערד, זיי זאָלן נישט אומפאַלן.

און ארום זיי אַלע, ווי די רואיקע ברעגעס פון א ברענענדיקן אינדזל, האָט געגליט דאָס טרייסטנדיקע געוויין פון די באַבירים: „אוי, אָמר רבא, אוי, אָמר אביי...“

אז די הענט־מעשוגאַס האָט דערגרייכט ביז צום העכסטן שטאַפּל, איז מיטאַמאָל אראָפּגעפאַלן, ווי א ברעט, א שווערער האַנט־קלאַפּ אַפן שולכאָן פונעם באַלעמער און א קאָל האָט געזאָגט:

— לאָזט ר' הערר איציק סטריער רעדן!

עס האָט א פּלאַקער געטון מיין פעטערס באָרד. זיינע גרויסע בוזשיק־פּים האָבן געשפּרייזט צום באַלעמער, ער איז ארויף, געבליבן שטיל, זיך אויסגעהוסט, א שאָקל־געטון מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— נאַראַיעוו! נאַראַיעוו!

די־א צוויי ווערטער, האָבן געמאַכט א טיפן רוישעם. די גאַנצע איידע מיט אידן זענען געוואָרן נידעריקער, דאָס געזאַנג פון די קלויז־באַבירים איז געוואָרן שטילער.

— נאַראַיעווער אידן, אַז איר שרעקט זיך אַזוי פאַרן בישאָפּ, ווי אַזוי וועט איר זיך שוין שרעקן פאַר משיחן? טאַ, אַז דער בישאָפּ וועט קומען — וועט ער זיין. קיין מענטשן עסט ער נישט אויף. מיר וועלן אים אָקעגנגיין מיט א סייפער־טוירע... ווי דער מינהעג איז בא אידן —

עס איז ווידער געוואָרן א טומל. א טייל האָבן געטאַינעט, אַז מי קאָן נישט פאַרשעמען קיין „רייניקייט“, וואָרין די סייפער־טוירע קען זיך נאָך אָנשלאָגן אָן א... ציילעם... מער פעלט אונדז נישט, כאָלילע!...

הענט האָבן ווידער געשריגן. זיך געוואָרפן ווי אין א קאַדאָכעס, און ס'איז אָפּגעמאַכט געוואָרן, אַז מי זאָל אָקעגנגיין דעם בישיף מיט א... פּאָסעלן סייפער...

אז דער פעטער איציק האָט דאָס דערהערט, האָט ער צוויי בייזע קלעפּ געטון אינעם שולכאָן און געזאָגט:

— אידן, הערט־אויף מיט אייערע אידישע שטיק!... מיין דייע איז, אז ס׳איז בעסער איינצושטעלן א פּלעק אף א סייפער־טוירע, איידער א פּלעק אפן נאָמען פון א פאָלק. וואָס זאָגט אונדזער נאָ־ראיעווער ראָוו דאצו? וואָס זאָגט דאצו ר׳ שמערל שמאיעס? לאָמיר הערן —

דעם ראָווס שטרויען קאָל האָט געענטפערט:

— אז ר׳ הערר איציק סטריער דענקט אזוי, מיסטאָם ווייסט ער בעסער. —

איצט איז אויפגעקומען די קאַשיע פון „ברויט מיט זאַלץ“. עס איז געוועזן קלאָר, אז מי דאַרף אנטקעגנטראָגן דעם בישיף א לאָבן ברויט מיט א טאָלפּן זאַלץ. נאָר דער נאראיעווער ראָוו האָט זיך געשטעלט אנטקעגן. ער אי געוועזן מיט דער דייע, אז אויב כאָלילע דער קוימער וועט אָפּברעכן א שטיקל ברויט און איינטונקען אין זאַלץ, קען ער נאָך כאָלילע אויסשפּייען... און דאָ וועט לעבן אים זיין די סייפער־טוירע... זיין אייצע וואָלט געוועזן אז — —“

— אז וואָס, נאראיעווער ראָוו־לעבן? שעמט אייך נישט. זאָגטס! (דער פעטער האָט זיך אריבערגעבויגן איבערן שולכאָן און געקוקט דעם ראָוו גלייך אין די אויגן אריין).

— מיין אייצע וואָלט געוועזן, מ׳זאָל נעמען א היטל־צוקער און עס פארשטעלן פאר א טאָלפּן זאַלץ... איז ממאָ נאפשעך, וועט ער נישט קיין לעק טון, זעט דאָך דאָס אוים ווי זאַלץ. עלע ווידער וועט ער יאָ א לעק טון, איז דאָס זים און ער וועט נישט דארפן אויס־שפּייען...

דעם פעטערס רויטע באָרד האָט געציטערט פון געלעכטער... דאָס לעכט אפן באַלעמער האָט זיך אויסגעלאָשן. הענט זענען געפאַלן, אָפּהענטיק געוואָרן, פארקראָכן איינס אף ס׳אנדערע, אין די ארבל: די אסיפע האָט געהאָט אָפּגעטון אירם...

:: :: ::

אין דרויסן האָט געקראָפּיט א דין, זומערדיק רעגנדל, ווי דורך א שפּריץ־קענדל. אפן שפּיץ „טוליע־בארג“ האָבן זיך אלעווילע געביטן די וואָלקנפענדלעך, ווי סיגנאָלן: אָט זענען זיי געוועזן ווייס, און אָט זענען זיי געוועזן באָרדאָ, און אָט וויאָלעט. א גרויסע הארמאָדע מיט גוים האָט זיך געצויגן צום ברעזשאָנער שטראָז, צום „טורעם“. עס האָט געשמעקט דאיעט, און וואָגנשמירעכץ, פרישע לייוונט, היי,

וואָל און בוימל. סטענגעס פון קאָלערליי פאַרבן האָבן זיך געמינעט אַף שיקסעשע קעפּ. אידן זענען געשטאַנען אין די הינטערגעסלעך — אַרויסגעקוקט פון צישן די ליקן... געשמייכלט מיט טרויעריקע ליפּן און מיט צאַפּלדיקע הערצער: ווער ווייסט? עפּשער וועט היינט קומען א ישועה אַף אידן... און עפּשער כאַלילע...

דעם אַנדערן „עפּשער" האָט קיינער נישט געטרויט אַרויסצוזאָגן אפילו פאַר זיך אַליין.

עס האָבן אָנגעהויבן קלינגען די קלויסטער־גלאָקן. וואַם. וואַם. ווי בראַנד־טראָפּנס וואָלטן געפאַלן אַף דר'ערד. עס האָט זיך געדאַכט, אַז פון יעדן קלינג איז דעם גלאָק אָפּגעקומען א שטיק געזונט...

די גרויסע האַרמאַדע האָט זיך מיט אימפּעט געלאָזט צום טורעם. דער גאַלעך אין „ווייסן העמדל" מיט די זינגערלעך, מיט די ווייערויך־טעפּ, מיט די אַלע „לאָקשנברעטער" — האָבן געהאַלאַסאָוועט ווי קאַניעס, ווי וואָראָנעס בייזע. —

צישן דער גרויסער געמיינדע פון גוים, האָבן זיך אויך געשטופּט אונדזערע נאַראָיעווער שיינע אידן:

דער ראָוו מיטן סייפער־טוירע איז געגאַנגען פאַראויס, אונטער־געשפּאַרט פון צוויי שאַמאָסים, נאָך זיי איז געגאַנגען מיין פעטער איציק מיט א זילבערנעם קרערענץ, אַף וועלכן עס איז געווען א פּריש ברויט און א טאָלפּן זאַלץ. נאָך אים האָבן, ווי צעשראָקענע שאָף, זיך געטוליעט די אַנדערע כאַשעווע באַלעבאַטים פונעם שטעטל, מיט פּריש־צעצוואָגענע בערד, אויסגערייניקטע בעקעשעס, שטריימלעך אַף די קעפּ...

איך בין געווען צישן דער אוידע. — יעדער אָדער האָט אין מיר געברענט פון שרעק, פון דערוואַרטונג, פון האָפענונג...

אָט זענען מיר שוין לעבן טויער, לעבן טורעם...

עס גיט א בלישטש א זיבן־שפּיציק גאָלאָביש היטל. ס'פינקלט דער „אויפּעד" מיט איידלשטיינער — א בריטשקע מיט זעקס פערד נאַשפּיז... די רעדער איינגעטונקען אין גרינס, אין בלומען.

„אונדזער" גאַלעך האָט אים אַנטקעגנגעטראָגן א קרוציפיקס. דער בישאָפּ האָט זיך אביסל אַרויסגעבויגן פון דער בריטשקע, א קוש געטון דאָס קראַנקע יויזל, פונקט דאָרטן, וואו ס'איז געווען פאַר־בלוטיקט... נאָך דעם גאַלעך איז געקומען דער ראָוו — נאָענט פון אים איז געשטאַנען מיין פעטער איציק, מיטן ברויט־מיט־זאַלץ, גערעדט עפּעס געציקט — אַף דייטש.

אַז דער פעטער האָט אַזוי אָפּגערעדט עפּשער א האַלבע מינוט, האָט דער בישאָפּ א מאַך־געטון מיט דער האַנט אַזוי, ס'האָט געקענט

הייסן אי „בראווא“ אי „געווג“. דער פעטער איז שטיל געבליבן. דער ראָוו האָט זיך דערנענטערט מיטן סייפער־טוירע. דער בישאָפּ האָט אָנגערירט די „ריינקייט“ מיט צוויי שפּיץ־פינגער אזוי, אז ס'האָט געקענט הייסן, אז ער שטופּט עם אוועק... דערנאָך איז ער אַרוים פון דער בריטשקע... די האַרמאַדע גוים זענען אַלע ווי איין מענטש געפאַלן אַף די קניעס. אידן האָבן זיך אָנגעבויגן קימאַט אזוי נידעריק ווי די גוים. דער בישאָפּ האָט אויפגעהויבן צוויי ווייסע הענט און ברייטע זילבערנע אַרבל צו בענטשן דעם אוילעם. אין דער מינוט האָב איך מיך דערמאָנט אין מיין זייגערל, און אין העשעלעס אייצע, און וויל איך בין געשטאַנען שטאַרק אָנגעבויגן, האָב איך אויפגעהויבן ס'זייגערל איבערן קאָפּ, און בעאיים דער בישאָפּ האָט געפּרעפּלט זיין לאַנגע בראָכע, אַף לאַטיין, האָב איך דאָס זייגערל איבערגעקערט אַף דער אַנדערער זייט, אויפגעמאַכט די קופּערטע — קעדיי עס זאָל זיין געבענטשט פון אַלע זייטן...

:: :: ::

דער רעגן האָט געקראָפּיט, געקראָפּיט. די האַרמאַדע האָט גע־טומלט, געטומלט. שיקסעשע לענטעס האָבן זיך געמינעט אין דער גרויער לופט. צעפּ, אָנגעשמירט מיט בוימל, האָבן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן געווען פריש פון טוי. — אַלדינג איז געווען נעפּלדיק־ווייך און פרעמד און וואונדערלעך.

און גלייך מיט אַלע נאראיעווער אידן איז אַ קליין, פעט אינגל, מיט אַ זייגערל אין האַנט, געגאַנגען אהיים, אַן אָפּגענאַרטער, און געקוקט מיט טרויער אַפן פעטער איציק, וואָס האָט זיך געקליבן אַ וועג צישן די אידן און צישן די גוים, ווי צישן צוויי שטראָמען — אַ פרעמדער צישן ביידע...

:: :: ::

דער „בישיף“ איז אוועקגעפאָרן, — זיין קאַלעס געשפּאַנט אין 6 פערד, איז אוועק הינטער דעם גרינגעצווייגלטן טורעם, וואָס מ'האָט פאַר אים אויפגעבויעט, — פאַר די גלויביקע קריסטן איז אונטערגעגאַנגען אַ זון, און אַ זיבן־שפּיציק היטל, אין דער פאָרם פון אַ קרוין, פאַר די נישט־גלויביקע און נאראיעווער אידן האָט זיך אויסגעלאָשן אַ סרייפע, וואָס כאָטש זי איז געווען זייער שיין צום אָנקוקן, און אירע פלאַמען האָבן געקלונגען מיט גלעקער, האָט אָבער דאָס האַרץ געשראָקן־זיך: טאָמער־טאָמער כאַפּט זיך דער דאַך אָן, און מיר זענען נישט סעקורירט...

עטלעכע טעג נאָך דעם „בישיפ'ס“ אוועקפאָרן, ווען ס'האָט זיך

נאָך געטומלט אין נאַראַיעוו מיט דער גרויסער געשעעניש, איז מיין פעטער איציק אַרומגעגאַנגען אַ פאַרשעמטער, אַ שטילער. זיין רויט־לעכע באָרד, וואָס האָט — אין גוטע צייטן — געהאַט דעם קאָליר פון קופּערפאַרב, איז איצט געווען ווי פאַרזשאַווערט. דאָס קלוגיטשקע מינעלע זיינס, זיך אַ קראַץ צו טון איידל מיטן מינדסטן פינגער אויף דער שפּיץ נאָז, איז איצט פאַרגעסן געוואָרן. אָנשטאָט דעם האָט מיין פעטער איציק קעסיידער געקנאַקט די פינגער־ביינדלעך פון זיינע לאַנגע פינגער. זיי געצויגן, געצויגן, ווי ער וואָלט זיי געוואָלט אויסציען אַזוי לאַנג, אַז זיי זאָלן קענען אָנטאַפּן דעם מאָרגעדיקן טאָג.

דער פעטער איציק איז געווען צעטראָגן נישט אַזוי פון דעם „פּאַטש אין פּאָנים", וואָס אַלע נאַראַיעווער אידן האָבן געכאַפּט פונעם „בישיף", ווי פונדעם, וואָס דורך זיין גויעשן גאַט, האָט ער אַ כאָלעם אָנגעוואוירן. — די שיינע מידעס פון פרעמד־רעליגיעזן רי־טואַל, זענען נאָר געווען שיין אין — די ביכלעך. אין לעבן איז דער שאַמעס־פון־קריסטוס געווען פּונקט אַזוי קליין און שלעכט ווי דער קטוירעס־שפּרייטער פון יעהאָוואַ.

דער פעטער איציק האָט געפילט, אַז ער דאַרף זיך פאַר מיר מיט עפּעס פאַרענטפערן פאַר דער מאַיסע מיטן בישיף. האָט ער מיך איינמאָל אין אַ פּריוויטיק אָוועקגענומען אויף אַ שפּאַציר הינטער דער שטאָט, צו די אָפענע לאָנעס, וואָס פירן קיין פּיטיטער. ער האָט געהאַלטן די הענט אַראָפּגעלאָזט אויף הינטער דער פּלייצע. זיין שטעקן איז געווען דורכגעצויגן דורך זיי אַזוי, אַז זיינע אינעווייניקסטע עלנבויגנס האָבן זיך געהאַלטן אויף ביידע זייטן שטעקן. עס האָט אויסגעזען ווי דער פעטער איציק וואָלט זיך אַליין געבונדן, און ער פירט זיך אַליין צו דער אַקיידע...

באַ אַ וועג־צעשייד, וואו פון אַ הילצערנער האַנט האָט די צייט אַראָפּגענאָגט דריי פינגער און געלאָזט בלויז צוויי פוילע שטיקלעך שפּענדלעך, דאָרטן האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט. דער פעטער האָט זיך „אויפגעבונדן" די הענט, דער שטעקן האָט זיך אַראָפּגעגליטשט אין זיין רעכטער האַנט אַריין. ער האָט איצט אויסגעזען געבויגן, געעלטערט. כאָטש אַ פרישע, שטילע נאַראַיעווער זון איז אים געווען אויף זיינס אַ האַלבער באָרד, דאָרטן וואו דער סאַמעטענער „יעגער־הוט" האָט פאַרבויגן די קריסעס אויף אַ זייט.

— זעץ דיך, איציקל!

דער פעטער האָט אָפּגעבלאָזן צוויי שטיינער — איינעם פאַר זיך, איינעם פאַר מיר. דערנאָך האָט ער אויף זיין שטיין אויסגעשפּרייט אַ ווייס טיכל, מיר האָט ער געהייסן פאַרהייבן דאָס סאַקל — עס

זאָל זיך נישט אויסשמירן. ער האָט אַרויסגענומען פון זיין הויכ־פאַרשפּיליעטן זשיליעט אַ זילבערנע פּישקע מיט טיטין, וועלכער איז געווען גען ווי זאַפּראַן, האָט זיך פאַרוויקלט אַ דין ציגאַרל. עס אָפּגעמאָסטן אַף זיין קלענצטן פינגער, דאָס איבריקע האָט ער אָפּ־געצופּט, און נאָכדעם ווי ער האָט געגעבן עטלעכע „שלאָג“ און געלאָזט דעם רויך אַרויסקרייזלען־זיך ווי הערנער פון זיין דינער נאָז, האָט ער זיך אָנגערופן:

— פון רוים האָסטו געהערט, איציקל, — פון דער שטאָט רוים, וואָס איז אַמאָל געווען אַ גאַנץ לאַנד?

— איר מיינט רוים, וואָס האָט כאָרעוו געמאַכט ירושלים?... וואו דער נירון־קייסער —

— איך זע שוין, — האָט מיך דער פעטער געגלעט איבערן קאָפּ און בישאַס־מאַיסע באַ מיר אַראָפּגענומען דעם קאַפּאַליטש, קעדיי דער ווינט זאָל מיר דערפרישן די האָר, — איך זע שוין, אַז דו האָסט געלערנט היסטאָריע באַ ר׳ עווועדיען; פון דער גמאָרע מיט טויסיפיקס... און רעב „פּופּיקן“...

— וואָס מיינט איר, פעטער?

— איך מיין.. וואָס זאָל איך מיינען? כ׳האָ דען נישט געהערט ווי דיין רעבע ר׳ עווועדיע האָט דיר דאָ־אַנומעלטן צוגעשטעלט אַ בענקעלע צום טאַטן דיינעם, דאַפאַר וואָס דו האָסט דיר פאַרגינען צו פאָרן רייטן אַף אַ פערד? אַ קלייניקייט: אַ אידיש אינגל אַף אַ פערד! וואו איז דאָס טאַקע געהערט געוואָרן? אַ אידיש אינגל אין דיינע יאָרן דאַרף שוין האָבן אַ... פאַריך און אַכווייסוואָס... וואָדען, אַזוי ווי דו? (דאָ האָט זיך דער פעטער איציק אַ קראַץ געטון אין דער שפּיץ נאָז מיט זיין קלוג פינגערל). דו האָסט גאָו׳ כיישעק צו רייטן אַף אַ פערד! ווי אַזוי האָט ער געזאָגט, דיין רעבע ר׳ עווועדיע (דער פעטער קרימט נאָך ווי דער רעבע רעדט אָן ציין און אָן יאַסלעס): נאָך ווינציק ע דאָס וואָס ער דער ע באַטשערש אייערער, ר׳ מאיר, פאָרט אַף אַ פערד, גייט ער נאָך ען־ע באָרוויסיק, און העט־העט־העט־אויבן אָפּן פערד, הייסטעס, זיצט ער ערשט און רייכערט אַ ציגאַיהער!

דער פעטער איז שטיל געוואָרן, און ווי טאָמיד אַז ער האָט נישט גערעדט איז ער געווען אומעטיק.

— יאָ, — האָט ער ווידער אָנגעהויבן, — „העט־העט־העט־אויבן אָפּן פערד!“... אַוואָדע דאַרף אַ אידיש אינגל גיין איינגעקאָרטשעט ווי אַן אַלטע באַבעצע... אָ, יודענשטאַם, אָ יודענשטאַם! — האָט זיך מיין פעטער איציק צעדעקלאַמירט אַף דייטש — דו לעבסט און

מוטשעסט דיך! ליטישע מענטשן און ליטישע פעלקער שטארבן־אפּ מיט דער צייט, אָבער דו, שטאַם פון יעהודע, דו לעבסט אייביק, דו שטייסט אין אויער פון דער וועלט ווי טיטוס'עס פליג. — דו וועסט די וועלט צו־גרונטריכטן, און דו אליין וועסט בלייבן הענגען אינדערלופטן און לעבן אייביק... אָ, שטאַם פון יעהודע!...

דער פעטער איציק האָט אַף מיר געטון אַזאַ בייזן קוק, גלייך איך אליין וואָלט געווען דער גאַנצער „שטאַם פון יעהודע”, און ער האָט ווייטער גערעדט:

— רוים! איך בין דאָרטן אליין געווען, איציקל. איך בין געווען אין רוים, נאָר דעם פויבסט'ס רינג האָב איך נישט געקושט — דאָס זאָלסטו ווייסן. איך גלויב נישט, אַז אַ פרום אידל, וואָס מ'האָט עס אויסגעצווינגן אַפן ציילעם, וועט זיך לאָזן שטעלפּאַרטרעטן דורך — אַ פעטן גוי, דורך אַ גאַלעך... אַזאַ בייז, טרוקן אידל ווי דער יעזוס, וועט אַפילע נאָכן טויט נישט פאַרגינען, אַז אַן אייגענער ברודער זאָל באַ אים פאַרדינען אַ גראַצער... — אָבער אָה, רוים איז שיין! רוים איז נישט נאַראַיעוו! דאָרטן איז נאָך געצנדינעריי געבליבן, וואָס מ'רופט דאָס עסטעטיק. קענסט אויסלייגן אַף דייטש עס־טעטיק? יאָ? ווייען איז אויך אביסל לאַטייניש — אָבער רוים! אין רוים געפינען זיך די געמעלדעס פון מיקל אַנדזשעלאָ, אין אַ הייליקער קאַפּליצע! אין רוים דערלאַנגען גאַסן־פּאַרקויפער אַרויף די פרוכט דורכן פענצטער — מיט שטריק ציט מען זיי אַרויף אַף די הויכע שטאָקן... אין רוים פלייצט דער טייך טיבער, פון דעם נאָמען טיבעריוס. דער פויבסט הייסט פּאָנטיפיקוס — געדענק, איציקל, פּאָנ־טי־פי־קוס! אין רוים פאַרקויפט מען אין די גאַסן ווילדע ציקאָריע, זי וואַקסט באַ די טויערן פון שטאָט. געדענק, איציקל: מיקל אַנדזשעלאָ איז געווען זייער אַ גרויסער קינסטלער... און אַז דעם פויבסט רופט מען פּאָנטיפיקוס... דאָס גאַנצע פויבסטנ־טום הייסט פּאָנטיפיקאַט... וועסט געדענקען, איציקל, צי דיר ליגט אין זין דער „יאָרדאַק” דיינער — מיט דיין רעבען ר' עוועדיע?... דו קערסט דאָך מיינען, אַז מיט נאַראַיעוו עקט זיך די וועלט, איציקל... זאָג איך דיר טאַקע, אַז די וועלט איז גרויס... און באַ אונדז אין נאַראַיעווער קלויסטער איז נישט דאָ קיין רער פונעם אָרגל וואָס האָט געשפּילט אין בייס־האַמיקדעש... און אַז דאָס גאַנצע בייס־האַמיקדעש האָט געהאַט די ווערט אָנדערהאַלבן גראַצער, שוין מיטן קויהענגאַדלס פאַרטוך...

דער פעטער האָט געקוקט ווייט, — אין עק וועלט אַריין, און געזאָגט שוין טרויעריק, אַזוי ווי די לעצטע ווערטער זיינע וואָלטן

געוועז אפּגעבראָכן פון זיין מאַנקאָלידיקן שווייגן :

— קום, וועמיר גיין אהיים. דיין טאַטע וועט דיך שוין זוכן... ער'ט מיינען, אַז דו זיצסט שוין ווידער העט־העט־אויבן אַפן פערד אַ באַרוויסיקער און דו רויכערסט אַ ציגאַיעהר.

מיר גייען און שווייגן. עס זינגט אַ גריל — זינגט אַזוי לוסטיק, ווי איר לעבן וואָלט געדויערט נישט אַ טאָג, נאָר כּמעט 100 יאָר. — דערנאָך :

— דו ווילסט עפּשער רייכערן, איציקל ? — מעגסט רייכערן, אויב דו ווילסט ! קיין אוויירע איז דאָס נישט, נאָר קיין געזונט קומט דאַפון נישט צו. עס האָט אַ טאַאַם ווי גאָרנישט. ס'ראַוו מענטשן רייכערן בלויז דאַפאַר, וואָס מ'האָט זיי קליינערהייט פאַר־ווערט צו רייכערן... ווילסט פּארזוכן ? זאָל איך דיר פאַרדרייען ?

— ניין, אַ דאַנק, פעטער !

— אָט־אַזוי האָב איך דיך ליב ! אָט־אַזוי זע איך, אַז דו ביזט אַ קלוג אינגל. אַז איכ'ל שטאַרבן, איציקל, וועסטו לעבן, וועט זיין אַלציינס ווי איך וואָלט געלעבט. פאַרקערט : סי וועט זיין נאָך גרינגער. אי איך וועל לעבן, אי איך וועל נישט דאַרפן אַליין צו רייכערן ביטערן טיטין... אַז דו וועסט אויפוואַקסן, איציקל, און איך וועל שוין נישט זיין, זאָלסטו צו־לייגן דאָס האַרץ צו דר'ערד, וועסט דו הערן ווי איך לעב...

:: :: ::

דער רעבע ר' עוועדיע ליגט אין באַמבעטל, און די זומערס גייען אים פאַרביי, ווי ברויגעזע מומעס — זיי זאָגן אים אפילע קיין גוט־מאָרגן נישט. די אויגן זענען בּאַ אים אַלט און פאַרקלעפּט. ער וואַשט זיי נישט אויס. אַלע טאָג פרעגט דער רעבע בּאַ מיר :

— זאָג נאָר, דו, ווי אַזוי איז איגדרויסן ? ביזט געוועזן אין דרויסן ?

אוואָדע בין איך געוועזן אין דרויסן, רעבע. ווי אַזוי דען בין איך געקומען אַהער ?

— אַזוי ? ! דו לויפסט אַרום אין דרויסן ווי אַ גאַי־עץ !... כ'וואָיס... מיינסט איך וואָיס נישט ?... נו, זעץ דיך שוין אַנידער און „אוי, תנו רבנן". וואָס ער דעראַרבעט, דער יונג, וואָס ער דעראַרבעט ! !

— איך מוז זאָגן „אוי, תנו רבנן" ? עפּשער קען איך זאָגן „תנו רבנן" אָן אַ „אוי" ?

— ליאמפארט! שאיגעץ!

דער רעבע בייגט זיך שוין אָן צום פאנטאָפל, וויל אים אראָפּ־נעמען פון פוס און מיר דערלאנגען. איך האַלט אָן אויג. איך ציל מיך מיטן קאָפּ בעסער ווי ער מיט דער האנט. צום סאָף גיט ער אַ זעץ מיטן פאנטאָפּעלע אין דער לופטן, ער פאַלט אוועק אָפּגע־שוואכט, צעקרעכצט זיך, די אויגן יאַטערן... אמאָל שטייט דאָרטן אַ פליג און האָדעוועט זיך...

— ליאמפארט! שאיגעץ! נו, זאָג שוין! שאַ, ס'איז גיט וואָס כ'האָב מיך דערמאָנט —

דער רעבע קריכט אַרויס פון באמבעטל. אַ לאַנגער דומפּיקער רייעך באַגלייט אים. עס פאַלט מיר איין: דער רעבע איז טויט, נאָר מ'האָט אים מוירע אויסצוזאָגן, ער זאָל נישט דערלאַנגען מיטן פאנטאָפל.

דער רעבע קריכט, קריכט. טשימווישע איז נישטאָ אין שטוב. די רעביצן אויך נישט. ער רופט: — „טשימווישע!" קיינער ענטפערט נישט. ער רופט: „צי הער־נאָר דו, וואו ביסטו?"... און קיינער ענטפערט נישט. איך האָב ראַכמאָנעס אָפּן רעבן, העלף אים שלעפּן זיך איבער דער שטוב, וואָס שמעקט ווי אַ פאַרלעגערט קייווער, מיט שייבלעך, וואָס זענען גרין פון אומצוכט. ער שפּאַרט זיך אָן אין מיר. איך פיל זיין אָטעם אַרום מיר, ווי אַ נידריקער ווינט, וואָס קומט פון דעם שטאָטישן אַבאָרט. — דעם רעבנ'ס פינגער האַלטן זיך שטאַרק אָן מיר. ער זוכט עפּעס. ער בייגט זיך פּאַוואָלי און מיט יעסורים:

—וואָס זוכט איר, רעבע? עפּשער קען איך עס געפינען?

— געפין מיר אַ טשוועקל.

— אָט איז אַ טשוועקל, רעבע.

— געפין מיר ס'העמערל.

— וואָס דאַרפט איר ס'העמערל, רעבע?

— איך דאַרף עפּעס, אוי, צושלאָגן. רוק מיר צו אַ בענקל, דו!

איך רוק אים צו אַ בענקל. ער איז מיט צאָרעס אַרויף, גע־קרעכצט, געקרעכצט, גענומען ס'העמערל און געקרעכצט. גענומען מ'טשוואָק און געקרעכצט. דערנאָך האָט ער זיך אביסל געשאָקלט אָפּן בענקל און זיך אָנגערופן:

— די פוטער!

— וואָספאַראַ פוטער, רעבע?

— פוטער! מילכיקע פוטער, זי שטייט אין דער אַש־דיבע.

— צו וואָס דאַרפט איר פוטער, רעבע?

— עך דאַרף פוטער פאַרן טשוואָק. דער טשוואָק זאָל אַריין, דאַרף איך אים אָנשמירן... אוי!

איך האָב געזוכט די פוטער אין דער אַש־דיבע, אָבער ס'איז נישט געווען גאָרנישט. אַכוץ אַ לײדיק טעלערל.

— נישטאָ קיין פוטער, רעבע!

— וואָס דען אי' דאָ?

— אַ טעלער איז דאָ, רעבע!

ר' עוועדיע איז געבליבן שטיין לעבן פּאָרטרעט פון מוישע מאָנטעפיאָרע, וואָס האָט געהאַלטן באַם אַראָפּפאַלן. ער האָט זיך צעהוסט מיט אַ שמאָלן הוסט, האָט זיך שיער איבערגעקערט מיטן בענקל, איז אַרויף אַף מיר מיטן העמערל, מיט אַלעמען...

— אוי, ווי איז מיר, — נישטאָ קיין פוטער!...

— גיט'ס מיר, רעבע, וועל איך אַריינשלאָגן דעם טשוואָק אַזוי. ס'איז נישט שווער —

דער רעבע האָט מיך אָנגעקוקט מיט די צעיאָטערטע אויגן־ברעמען, אַ לאַך געטון מיט אַ טויט מויל און געזאָגט:

— ליאַמפּאַרט! שאַיגאַץ! אָן פוטער וועט ער אַריינשלאָגן אַ טשוואָק... אוי, ווי איז מיר, פיר־מיך־שוין־צו צום באַמבעטל — וואו איז טשימוישע, וואו איז? וואו איז ער געגאַנגען, וואו? און זי מיינע, וואו איז? אַלע אַוועקגעגאַנגען? הא, די זון זעצסט זיך שוין, די זון? הא, געב נאָר אַ קוק,דו!...

:: :: ::

די ציגיינער־בודע איז געבליבן שטייען. עס איז אַרויסגעקראָכן פון אינעווייניק די גאַנצע ציגיינערשע מישפּאָכע, זיך צעלייגט אַפן אָפענעם ווייטן פעלד, וואָס האָט געפירט צו דער „קליניוויצע", וואו אַ שמאָלער פּאַס וואַסער האָט זיך זייער געאײלט: מ'האָט נישט געקענט וויסן, צי דאַפאַר, וואָס דאָ באַ אונדז אַף די בערג איז אים זייער שלעכט, צי דאַפאַר, וואָס דאָרט אונטן, אין די גרינע טאָלן, מיינט ער, אַז סי זאָל אים זיין אַ סאַך בעסער...

אַז די ציגיינער האָבן צעלייגט אַ פייער, האָט עס געהאַט גאָר אַן אַנדער פּאָנים, ווי אונדזערע נאַראיעווער שטובישע פייערס: עס האָט געקנאַקט און געזונגען און זיך געריסן צום הימל. צווייגן, אַביסל געפּרווירענע, האָבן געטרעשטשעט ווי ביינער, אַז מ'קנאַקט זיי אויס, בעאיים מי גניצט. אַ לאַנגע רויטע צונג האָט זיך באַלעקט מיט שיינעם, קאַלטן, ווינטיקן פאַרנאַכט.

דער עלצטער ציגיינער מיט ווייסע באקנבערד און אן אוקראַי־נישע לאנגע זשופּיצע און מיט אן אויערינגל, האָט געהאַלטן אַ מאַלפּע אַף דער הוילער האָריקער ברוסט, געשמייכלט און געזאָגט צו די מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען אַרום:

— ווינטשן פּאַנאָוויע, דאָס איהן דיזע מאַלפּע וואָס פּאָקאַזו — האָקעס־פּאָקעס קינצעלע, יאָה?

דער אַלטער ציגיינער האָט (מיט אַ האַלב־לײדיק מויל) גערעדט עטלעכע לשונעס אַף אַמאָל, האָט געלאַכט, ווי די גאַנצע זאַך וואָלט בּאַ אים געווען אַ גרויסאַרטיקער שפּאָס. אין דער עמעסן האָבן די ציגיינער זיך פּאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש (זייערע קעפּ מיט לאָקינעס האָבן שטענדיק געטון אַ ציטער, אַז זיי האָבן דערהערט דאָס הירשזען פון אַ פערד). די מאַלפּע איז נאָר געווען אַ פּאָרטל צו „פּאַר־טיצן" די זשאַנדאַרן; און עפּשער אויך אַ שפּילעכל פאַר די קינדערלעך מיט די הוילע בייכלעך, און פאַר די צוויי אַלטע לייט, וואָס האָבן שוין נישט געהאַט קיין קויעך צו גיין אַף אַוואַנטורעס.

דער פּאַרנאַכט איז געווען איבערטריבן שיין, ווי אין אַ טעאַטער. דאָס פייער האָט געקנאַקט. אַ קעסל איז געהאַנגען אַף אַ הויכן פעלד־טריניזשניק, אַראָפּגעלאָזט אַף אַ קייט. די פּאָקרישקע האָט געפּעלט. אן אַלטע ציגיינערטע האָט געמישט מיט אַ ריזיקן הילצערנעם לעפל, געמישט ווי מי מישט צוליב קישעף... איר מויל, וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי ברוינעבלאָע ווערים, האָט עפּעס גערעדט צו איר אייגענעם שפּיציקן קינבאַקן, וואו צוויי עלנדע, גרינע האָר האָבן געוואַקסן.

דאָס מאַלפּעלע האָט געהאַט אַ געל יאַרמולקעלע, האָט געגרינצט מיט אן אַלט, קינדעריש פּאָנים קעגן פייער, זיך אַף גיך געלויזט דעם בויך, זיך געשפּילט מיט דער אייגענער כאַרפּע, און אַלע מינוט געקוקט אַף די מיידלעך, וואָס זענען געווען דאַביי.

איך בין געשטאַנען אַ פּאַרגאַפּטער און געקוקט אַף דער מיש־פּאָכע מיט ציגיינער — נישט אַזוי אַף זיי, ווי אַף דעם דינעם, יונגן, לאַנגן מיידל פון אַ יאָר 15—14 וואָס איז איצט גע־שטאַנען לעבן איר זיידן, אָנגעטון אין צו־לאַנגע קליידלעך מיט פּליטער, און אַז זי האָט אַ גיי־געטון, איז עס געווען אַזוי סוויסטשענ־דיק פּלינק, אַז זי האָט אַזש אָנגעמאַכט אַ ווינט, און דאָס אָפּענע פייער האָט זיך אַ בייזער געטון... זי האָט אויסגעקוקט ווי אַ קינדערשע טאָק (ליאַלקע), וואָס איז אויסגעפּוצט ווי אַ יונג ווייבל.

אַז זי האָט דערזען, אַז איך קוק אַף איר, האָט זי זיך דער־

נענטערט צו מיר און א מאך געטון עפּעס אַף אונגאַריש.

איך האָב געענטפערט מיט די איינציקע דריי אונגאַרישע ווער־טער, וואָס איך האָב פאַרמאָגט:

— נעם טודאָ מאַדיאַרא!

— אַך, זאָ, זי שפּרעכן אַלזאָ דויטש?

— יאַה.

— זי היער אין דער שטאַט וואָהנען?

— איך? יאַה.

— מעכטען זי מיר ברענגען... (זי האָט א ווײַלע געטראַכט) נון... צוקערלעקער?

דאָס וואָרט „צוקערלעקער" האָט זי אַרויסגעזאָגט אַף אידיש.

איך האָב זיך דערמאָנט, אַז בא אונדז אין שטוב ליגן אַפּן פּעקעליק 6 ברויט יעדע וואָך — פאַר יעדן וואָכנטאָג א ברויט... (אַז מי גיט א קוק אַפּן פּעקעליק, ווייסט מען וואָס פאַר א טאָג, און אפילו וואָס פאַר א שאָ עס איז. לעמאָשל: אַז עס ליגן דאָרט צוויי ברויט און איינס א האַלבס, איז עס מיטוואָך אַרום זייגער צוועלף באַטאָג), און אַז זינט דער טאַטע איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע, שרייט די באָבע שטענדיק צו אונדז קינדער, מיר זאָלן נישט „אויפּנאַשן דאָס ברויט"; אַז איך האָב אַזוי געטראַכט האָב איך געוואָלט וויינען און זאָגן צו דעם ציגיינער־מיידל: „קיין ברויט האָבן מיר אויך נישט צו דער זעט". נאָר אַז איך האָב א קוק געטון אַף אירע אויגן, האָב איך זיך דערמאָנט אָן די ווייַנטרויבן, וואָס די מאַמע עסט פאַר א רפוּאה, און איך האָב געזאָגט:

— איך וועל פרעגן דער מאַמען...

— גוט. ווי הייסען זי?

— איך הייס... איסאַק רופט מען מיך.

— איסאַק. ניכט זאָ גוט...

— און ווי רופט מען איך, פרייליין?

— רודאַ...

אַרום מיר זענען געשטאַנען די נאַראַיעווער אינגלעך און מייד־לעך און געלאַכט פון דעם, וואָס איך רייד דייטש מיט דער לאַנגער, יונגער ציגיינערין, און פאַרוואָס איך אירץ זי...

איין אינגל האָט געזאָגט:

— ברענג איר צוקערלעקער... איציקל, פאַרוואָס ברענגסטו איר נישט קיין צוקערלעקער?

אַנדערע אינגלעך האָבן זיך מיט מיר גערייצט:

— שפּיל מיט איר אַ ליבע!
— האָב מיט איר כאַסענע!
— אַ גוטער שידעך, לאָמיך אַזוי לעבן!
— טוירע און סכוירע!
— טשוקעדיק און טשאַקעדיק!
— אַ טאַטע ווי אַ דעמב...
— אַ מאַמע ווי אַ ברילקעלע...
— קיין פערד וועלן דיך שוין נישט פעלן. האָסטאָך ליב צו רייטן אַף פערד!

איך האָב מיך מער נישט געקענט איינהאַלטן, דער קאַס האָט מיר ביטער געמאַכט די צונג, האָב איך אויסגערופן:

— איך האָב אייך אַלע טיף־טייער אין דר'ערד! טפו!

איך האָב צישן די ציין אַ שפּיי געטון (שוין ווי אַן עלטער אינגל, וואָס דאַרף באַלד אָנהויבן צו לייגן טפילין) און בין אַוועק.

פון דער ווייטנס האָב איך געהערט טשימוישעס גאַווער־קעלכן:

איציק שפּיציק, נאָדל טעשל
גאַי צים גאַליך
כאַפּ אַ פלעשל...

די זון איז אין יענעם טאָג אונטערגעגאַנגען צו מיר אין האַרץ אַריין — איז מיר די וועלט דאַפון געוואָרן פינצטער, נאָר אינעווייניק איז מיר געווען לעכטיק, לעכטיק, לעכטיק...

:: :: ::

די ציגיינער זענען געבליבן אין נאַראיעוו און האָבן אַ שפּיל־געטון מיט זייערע אויגן עפּעס אַזוינס!

די וואָכעדיקייט אָפּגעווישט פונעם פּאָנים — מיט אַ ברייטער, האַריקער, קנאָכיקער האַנט. אין די אַרונטערגעלאָזטע האַלב־לעוואָנעדיקע וואַנטשעס באַהאַלטן די ברייטע, צעשפּאָלטענע גאָמבע, איז דער ציגיינער־עלצטער (רודאַ'ס פאָטער) אַרומגעגאַנגען איבער אונדזערע געסלעך, געקוקט יעדן איינעם אין די אויגן אַריין, ביז יענער האָט אַראָפּגעלאָזט די ברעמענדעקלעך און זיך באַהאַלטן הינטער זיי. זיין סאַמעטן, געשנירט וועסטל, וואָס איז געווען די קאָליר פון אַ פּאַפּוגע, האָט געררויסט מיט די גרויסע, ווייס־ביינערנע קנעפּ... דער אַלטער זיידע איז געזעסן אַפּן לייטער־טרעפּל פונעם קאַראַוואַן־וואָגן, דאָרטן, וואו דאָס גרינג־רויטע פאָרהענג האָט גע־פלאַטערט בײַ דער טיר. ער האָט געררויכערט אַ ליולקע מיט זייער אַ לאַנגן ציביק און מיט אַ פּאָרצעלייען שעלעכל, אַף וועלכן עס

איז געווען אויפגעמאָלן ווי אַן אַלטער מאַן זיצט און רויכערט אַ לאַנגן ליולקע־ציביק. די אַלטע האָט זיך געפּאָרעט אַרום׳ן הויכן טריניזשניק אַף דער קייט, און געפייפט מיטן מאַכעשייפּעדיקן מויל, עפּעס אַ לידל. די ציגיינערלעך שלאָגן זיך און שרייען אַף עטלאַכע לשוינעס.

ווייוואויל די ערד איז שוין געווען פאַרפליווקעט מיט פראָסט, האָט זיך אָבער אַרום דער בויד שטענדיק געגאָסן אָקריפּ פון אַלערליי קאָך־קיילים, און וואַסער פון פּאָמעשאַפן. הייסע ציגיינער־טריט האָבן עס איינגעטאָפּטשעט און געמאַכט דאַפון אַ שיטערע בלאָטע.

די ציגיינער זענען געזעסן אין נאַראַיעוו און געוואָרט אַפן גרויסן יאַריד, וואָס האָט זיך באַדאַרפט שטעלן אין עטלעכע וואָכן אַרום... דערווייל זענען זיי אַרומגעגאַנגען איבער די נאָענטע דערפער, פאַרריכט קופערנע ראַנען, געדראָטעוועט דראָטוואָרג... פאַרלאַטעט רעשעטעס.

בעאייסן גיין פרעגן צי ס׳איז דאָ קיילים צו פאַרריכטן, האָבן זיי דערווילע מיטן אויג און מיט דער האַנט אַ גלעט געטון די שלעסער־סקאָבעס פון די פריצישע שטאַלן, אַ באַטראַכט־געטון וואו די טירן זענען, און וואו עס איז דער נענטסטער וועג צום קייזער־שטראָז...

אַלע באַטאָג האָבן זיך די צוויי ציגיינער־מאַנצביל גאָר־אין־דער־פרי אַרויסגעלאָזט איבער די וועגן, מיט טאָרבעלעך אַף די פּלייצעס. רודאַ׳ס פאָטער האָט געטראָגן אַ בייגל מיט דראָט אַפן אַקסל. די אויגן אָנגעשאַרפט, די טריט רוישיק און גרויס. זענען די צוויי ציגיינער אַוועק איבער דער שטייפער, קאַלטער ערד, וואו דער יונגער פראָסט איז גוטמוטיק געלעגן, און מיט באַרג־אָטעם אָנגעהויכט ווייטקייטן זילבערנע אַף די פאַרלוירענע שטרויען אין גאַס, אַרויסגעשלעפט די שריפט־פון־דר׳ערד אין בוילעטע אויסיעס, אַז בלינדע זאָלן זיי קענען מיט די פינגער אָנטאַפּן.

:: :: ::

די מאַמע האָט אָנגעהויבן געגעיזן־ווערן פון די וויינטרויבן, און פון דעם טאַטנס גוטע בריוו, וואָס האָבן געשמעקט מיט רעפועדיקן זאַלצוואַסער פונעם יאַם. איך פלעג די־אָ בריוו צולייגן צו מיין נאָז און צו מיין אויער... מיין נאָז האָט געפילט: „יאַם־אויקיאָנוס”. „ווייט, זייער ווייט”. מיין אויער האָט געהערט: גע־רויש פון נעוויאָרקער באַנען, וואָס גייען איבער די דעכער, העכער הייזער... דאָס קאָל פון מיין שיינעם טאַטן.

די מאמע האָט געלייענט די בריוו, זיכאַליין געטײטלט מיטן פינגער איבערן געווירעטן בייגעלע פּאַפּיר מיט די צאַרטע קימאַט־ווייבערשע בוכשטאַבלעך, און פלעגט גיסן מיט טרערן, איבער אַזוינע פּראָסטע ווערטער אַפילע ווי:

„איצט שרייב איך דיר, מיין ליבע פרוי חנה, אַז מענערישע היט טראָגט מען דאָ־הי שטייפע, אַזוי ווי אין וויען. אַפילע קליינע אינגלעך טראָגן אויך אַזוינע היט, ברוינע און שווארצע. אַף קינדער זעט דאָס אויס כּוויזעס. דאָס וועטער איז דאָ איצט זייער ווארים. באַנאַכט, נאָכן פּעדלען, גיי איך אָפן „דאָק". דאָס איז זאָ איין געביידע לעבן וואַסער, אין האוסטאָן סטריט, וואו איך וואוין. דאָרט שפּילט אַ קאַפּעליע מוזיק, סי ברענען עלעקטרישע לאָמפּן, און אַז מי וויל, קען מען טאַנצן."

די מאמע האָט געוויינט איבער אַלע בריוו, צו עטלעכע מאָל זיי געלייענט און געוויינט. אַמאָל, אַז סי פלעגט אָנקומען אַ פּאָסט־אָנווייזונג אַף געלט, פלעגט זי עטלעכע מאָל איבערלייענען די ווערטער אָפן געזיגלטן שטיקל פּאַפּיר, און זיך צעשלוקערצן מיט טרערן. אין אַזאַ פאַל פלעגט פּסאַכיע דער בריווטרעגער קומען צו־הילף. ער פלעגט שטיין מיט זיין צעקעמטער פּראַנציאָזעף־באָרד, וואָס האָט געהאַט אַ שרינט אינדערמיטן, און וואַרטן (נאָך יעדער זאַך, וואָס ער האָט געבראַכט פון דער פּאָסט): וואַרטן מי זאָל אים זאָגן אַ דאַנק, אָדער געבן אַ טשואווע, אָדער פרעגן אַן אייצע... אַמאָל, אַז ער פלעגט ברענגען אַ גרעסערע סומע געלט פון זייער וייט, אַ שטיינער פון בראַזיליע, אָדער פון אַרגענטינע, פלעגט ער זיך נישט שעמען און פאַרלאַנגען, מ'זאָל אים באַלוינען מיט אַ „מאַנגער" (אָנדערהאַלבן גרייצער) אָדער מער.

ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז נישט נאָר קומט דער בריוו, צי דער „רעציפּיסט", פון זייער ווייט, נאָר אַז ער אַליין טאַקע, פּסאַכיע, דער נאַראַיעווער בריווטרעגער, ברענגט דעם בריוו אַזש פון ריאָ־דע־זשענערא, אָדער בוענאָס־איירעס...

פּסאַכיע דער בריווטרעגער, מיט זיין קורץ־געטעסעטער שפּרינגי־שער קאָרקן־פיגור, און גרויסן, ברוין־גרויען לייבן־קאָפּ, איז געווען אַ זעלטענער מענטש. זיין אַמט, כאָטש אַ קליינס, איז אָבער זייער אַ כאָשעווס, ווייל ער „דינט דעם קייזער". פלעגט טאַקע פּסאַכיע רעדן אָפט פון וועלט־זאַכן, פון אַלטפרענקישע מילכאָמעס, פון וויטע לענדער, וואָס זענען אין טערקיי... פון דעם „קייזער זאָל לעבן", וואָס וואוינט אין שעהנברון און האָט ליב אידן.

פסאַכיע פלעגט גיין „קאַסאָקע", מיטן פּאָנים צו די ווענט, איינזייטיק, און רעדן — בריפיש, בריפשטעלעריש, באַ יעדן צענטן וואָרט פלעגט ער זאָגן: „ערשטנס זאָג איך אייך, און „צווייטנס זאָג איך אייך", און „מער קיין נייעס האָב איך היינט מיטצוטיילן"...

פסאַכיע פלעגט נישט נאָר ברענגען די בריוו פון „אַזוי ווייט", נאָר ער פלעגט זיי שוין ברענגען איבערגעלייענטע.

אפן וועג פון דער פּאָסט פלעגט פסאַכיע עפענען די בריוו, וואָס זענען אָנגעקומען צו די, וואָס קענען שוואַך אָדער גאָרנישט לייענען, און בעאיים ער האָט געטראָגן דעם בריוו, האָט ער אים דערווייל אפן וועג איבערגעלייענט פון אָנהויב ביזן סאָף.

אז ער איז צוגעקומען צו דער טיר, פלעגן שוין שטיין אַלע ווייבער פון דער גאַס, וואָס האָבן געהאַט מענער מעאייווערלאַיאַם, און ער פלעגט זיי אָנזאָגן די בסורע פון דער ווייטן:

— לייע־בראָנע, איך האָב צו אייך אַ בריוו פון אייער וועוויק'ן. ער שרייבט אַז ער איז געזונט, ער האָט זיך געקויפט אַ נייעם אנצוג פאַר זעקס דאָלער, ער שיקט אייך אַ פאָטאָגראַפיע, און אַ צאָן טוט אים ווי...

אָדער:

— ר' לייזער־שימענס ווייב, איך האָב צו אייך אַ בריוו פון אייער לייזער־שימענען. ער שרייבט, אַז ער האָט זיך שוין איינגע־סטאַלעוועט און אַז ער וואוינט איצט באַ מעכל דעם קוקליערס מאַמע, אין ריווינגטאָן סטריט. אַף שוואָעס, אַז מ'עט דערלעבן, וועט ער אייך שיקן 15 דאָלער. ער האָט אַ גאָלדענעם זייגער, און סי גייט אייך אַ בילד...

באַ אונדזער שוועל פלעגט פסאַכיע בלייבן שטיין, זיך אָפּקראַצן די שטיוול אָן דעם אַלטן, אייזערנעם קראַצער, וואָס איז באַ אונדז געבליבן ווי אַ סימען פון בעסערע טעג, און אריינרופן צו דער מאַמען:

— חנה מאיר רייז'ס, איך האָב פאַר אייך זייער אַ גוטן בריוו פון אַמעריקע, און... ווייַנטס נישט!

די ליפּן זענען באַ אים געווען גרייט צו דערציילן, וואָס אין בריוו שטייט, נאָר אַז ער האָט אַ קוק געטון אַף מיר, האָט ער זיך פאַרכאַפּט און געזאָגט:

— נישקאָשע, אייער איציקל וועט שוין אַליין איבערלייענען! ער קען דער יונגאַטשיק — אוי קען ער!

ער פלעגט מיר דערלאַנגען דעם בריוו באַזונדער און די געעפנטע

קאָנוווערטע באַזונדער, דערנאָך פּלעגט ער מיר געבן אַ קניפּ אין באַק און זאָגן מיליטעריש:

— מער קיין נייעס, מיינע הערשאַפטן. אַדיע. הערצלעכסטע גריסע!

צענויפגעקלאַפּט די פּיס, מאַיסע זעלנער, פּלעגט ער אַפּציען אין דער ברייט, צו דער צווייטער טיר, און מיך לאָזן אַליין מיט דער מאַמען...

באַלד איז דאָס קייטעלע אַף אונדזער טיר פאַרקייטלט געוואָרן, און בײַ די ערשטע ווערטער פונעם טאַטן: „ריישים שרייב איך דיר מיין ליבע פרוי" — האָט די מאַמע גענומען וויינען, און אַזוי אָפּגעוויינט ביזן סאָף...

:: :: ::

ליטשע פּראַש איז געלעגן אַן אויסגעלאָשענע אין מיין געמיט. אָנגעשפּאַרט אַן אַ זײַל רויך, וואָס האָט זיך געשלענגלט פון דעם בלעכקוימען פון דער גראַלניע, האָט מיין אויג דערפילט פּאַרגאַנגענע טעג. פונעם טאַטנס לעבן אָפּגעריסן, זענען אַט־די טעג פול געווען מיט צאַר, האָבן אין מיר פאַרפייניקט דאָס לעצטע ביסל ליבשאַפט צו איר.

ווי אַזוי האָב איך דען ליב געהאַט ליטשען?

איך האָב זי ליב געהאַט, ווי מ'האָט ליב אַ טיפן צאָן־ווייטיק, וואָס צוליב אים נעמט אייך דער טאַטע אין דער גרויסער שטאָט אַריין, וואו דער ברייט־צעשפּיגלטער טייך איז און וואו פרעמדע פענצטער גלאַנצן מיט וואונדער.

דורך ליטשען האָט מיין געבונדענער ייכעס־שטאָלץ געהאָפּט צו קומען צו טאַפּעצירטע ווענט, צו ברייטע זאַליביקעס מיט גלעקלעך, צו די טאַיוועדיקע ווייט־פּרענקישע דופטן, פון געקאָכטס און געבראָטנס, וואָס האָבן באַליידיקט מיינע נאַז־לעבער, מיט דער דערמאָנונג פון אַלט־געבאַקן ברויט אַף אונדזער פּעקאַליק.

אַ, שאָפּל, שאָפּל, שאָפּל לעבן מיינס! מיט דעם טאַטן אַזוי ווייט פון נאַראַיעוו און איך מיט הייס־יערנדיקע װעלענישן, וואָס גיסן זיך אין איינגע וואָרט־טראָפּנס. די טראָפּנס פּלאַצן, רייסן־אויף, די געדאַנקען־פּלעשלעך זענען אויסטערליש־קאָלירטע, דינע, אָבער זיי זענען צו־קליין פאַר דעם יונגן געדאַנק, וואָס שפּאַרט זיך אין דער טיפהויכער ווייטקייט אַריין, מיט אַזאַ אויפרייסנדיקער וואונדער־ליבשאַפט!

איך גיי שוין איצט ווינציק־וואָס צו ר' עוועדיען אין כיידער אריין. מיין טאַטנס אַמביציע צו מאַכן פון מיר (אויב נישט קיין „קרייז־פיזיקוס", איז כאָטש) אַ קרייז־ראַבינער, איז געווען דער „בעלפער", וואָס האָט מיך אַף זיינע דאַרע אָקסלען געטראָגן צו ר' עוועדיעס קייווערדיקער שטוב. דאָרט האָט מיך געוואָרגן די שמוץ און די ענגשאַפט. די בלינדשאַפט פון טויטע שויבן, דער סטעכלער טאַאַם פון שטרוי, אַף וועלכן עס ליגט אַ קראַנקער יאָרנלאַנג.

טשימוישעס סלינעוואַטע רייד האָבן מיר איצט געיאַטערט אין אויער. שטילערהייט און טיף אין זיך האָב איך געקענט שווייגענישן פון לאַכנדיקע בערג און פון נים־וועלדלעך. שטילערהייט האָב איך געוואוסט אַזוינע שיינע ווערטער, ווי „טיראָל", און „בעהמען", און „נאַרציסען" (מיט דער פיינער דייטשער טאָפּל־סאַמעך). שטילערהייט האָב איך געוואוסט פון אַזוינע באַנבאַנעדיקע ביטערקייטן, וואָס זענען באַטאַמט ביז צום שטאַרבן; פון אַזוינע אויפגייענדיקע, נישט־אומיסטנדיקע מינוטלעך, וואָס זענען אין ליכטיקע, ברעזועהאַליך־פאַנטעפעלעך געשפּרונגען פון גאָלדענע לייטערס; שטילערהייט האָב איך געוואוסט פון אַזוינע שיינקייטן, וואָס מינען זיך, פאַרטאַיען זיך, גייען אוים מיט דעם לעצטן פינטעלע פון אַ שורע שוואַלבן, הויך אַפן הימל.

אום זומער האָב איך געוואוסט: „די ערד סלינעט". דער טוי, וואָס איז געפאַלן אין די טומאַנע אינדערפריען, האָט אַזוי גיך נישט אויסגעוועפּט, איז געדיכט־געוואָרן פון דער ראַפּטאַוונער היץ, איז געבליבן הענגען ווי אַ צעקראָכענער שפּיי אַף דער פאַנאַנדערפינגערונג פון די נוסבוים־צווייגן. מיין נייער כאַווער פון באָכניע האָט געוואָלט האָבן, אַז דאָס איז שיידים־שפּייעכץ, אָדער נאָך עפּעס ערגערס אַפילע. ער האָט באַ די־אָ גראָבע ווערטער געלאַכט און געזאָגט אין אַ גרינ־וואַלדיקן שאַבעס אַריין:

— אַז ס'עט קומען יאַנטעוו, וועלאַך מאַ פאָרן קריק קאַ באָכניע...

איך האָב געפרעגט:

— וואָסער יאָנטעוו?

— שוועטנטע ניגדע... אָבער, אַ־בע, איך האָב דיך אָפּגענאַרט!

— אַ נאַר נאַרט אָפּ... אַ קלוגער קליגט־אָפּ!

— הערט נאָר ווער סי רעדט!

— רעד דו שענער, אויב דו קענסט.

— איך בין נישט קיין ריידער.

— וואָס־זשע דען ביזטו?

— איך בין דיין עלצטער! אז עך האָיס דיר עפּעס טין, מוזטו טיען... ליג דיך אַף דר'ערד מיט אַלע פיר אַראָפּ.

— טילאך כאַפּן!

— וויסט נישט?

— אוואדע וויל איך נישט. וואָס דען, איך וויל יאָ? דו מיינסט, אַז איך האָב פאַר דיר מוירע?

— וואָס־זשע האָסטו פריערט מוירע געהאַט?

— פריערט האָב איך מוירע געהאַט, ווייל איך האָב נישט געוואָלט מעצאַיער זיין דעם טאַטן מיט דער מאַמען...

— און איצט?

— איצט איז דער טאַטע אין אַמעריקע, און די מאַמע איז סיי־ווי־סיי קראַנק, האָב איך דיך אין דר'ערד, דו באַכניער לאָשיק!

— וואָס האָסטו געזאָגט בין איך?

— אַ לאָשיק.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָס „שיידים־שפּייעכץ" איז שפּעטער מיט עטלעכע מינוט זייער גוט צענוצגעקומען אַף צו רייניקן די בלוטפלעקן פון מיין דייטש סאַקל, פון מיין העמד.

:: :: ::

נאַראַיעווער סאָף־אָסיענס, אַז זיי שטעלן זיך אוועק, שטייען זיי שטיל און קאַלט־בלאַנד, ווי די ביליקע האָפענונג אין טעאַטער, אין אַ בלאָנד שייטל.

באַנאַכט הערט מען עפּשער ס'אויסגעטוענע וואַלד וויינען, מיט אַן אַלט־פרענקישן ווינט. אָבער די טעג זענען שטיל ווי קעצעלעך. די אינדערפריען אויפגעגלעזערט מיט בלאָען, שטילן פראָסט. די נאָכמיטיקס לויפן שנעל מיט דער זון צו די דערפער צו.

די אויסגעטוענע וועלדער זענען איצט צוליב זייער נאַקעטקייט אָפּגערוקט איינס פון ס'אַנדערע... (די גויעשע דערפלעך האָבן אַ גאַנצן גייענדיקן זומער זיך געדישעט אין אַ זאַטקייט פון צעבליאונג, פון שוויס, פון מיסט, פון בעהיימע־געשריי, פון טויט־און־לעבן, וואָס גייט־צו, אַזוי שטיל, ווי אַ פליג אַף דער וואַנט. אַז דו ביזט פאַרביי־געפאָרן אין אַ שטויביק „געלעגנהייט" און געזען ווייטע, בליענדיקע פעלדער און גערטנער און דיש־ניע־דיש אַ מענטשן, האָסטו געטראַכט: „וואו זענען די מענטשן, וואָס מוטשען די אַלטע

מאמע ערד, זי זאָל געבוירן פרוכט? וואו זענען די אַלע קלוגע און אַלטע, וואָס פאַרטשאַדען דעם מויעך פון דער ערד מיט שטינקענדיקן גאַז פון מיסט, קעדיי זי זאָל נישט פילן די גרויסע ווייען פון צור־קינד־גיין?)

איצט, נאָך־די־יאָמטויווין, אַז דער נאַראיעווער הימל האָט זיך גוט אָפּגעוויינט פון הארצן און אַזוי סענטימענטאַל־וויינענדיק ווי אַ געליבטער אָפּגעקנעפּלט די העקעלעך פון די געליבטע, די ביימער, לויז־געמאַכט אַף זיי די ראַספּאַנעס, אויסגעטון ביז צו דער הויט, — איצט לויכט דאָס דאָרף אַריבער צו אונדז, העפּט־אָן דעם טאַאַם פון זיין שווערער האָרעוואַניע מיט אונדזער טאַאַם פון צוגעלייגערטער פּאַרנאָסע. נאַראיעוו שטעלט זיך אין אָסיען אַף די שפּיצפינגער, פאַלט צו דר'ערד פון ערפאָרכט פאַר דעם שטיקל ברויט, טראַכט לאַנג און ווייט, אין דער לאַנגער, ווייטער וועלט אריין. עפּעס וואוילס און גוטס דויפיקט אין דער וויינ'איקער נאַכט לופט: גוטסקייט פון ווייטע בריוו, גוטסקייט פון צעפּוילט האָלץ. גוטסקייט פון מיין לעבן — וואָס ליגט נאָך פאַראויס, פאַראויס!

פון אַמעריקע קומען בריוו אַלע וואָך. פּסאַכיע דעם בריוו־טרעגערס ברייטע שטיוול קענען שוין אַף אויסנוויייניק דעם „שאָבער" (אָדער „קראַצער") בא אונדזער שוועל. זיי בלייבן פון זיך אַליין שטיין, קראַצן פון זיך אָפּ די בלאָטע, דערנענטערן זיך מיט זייערע געטריייע, גוט־באַקאַנטע כאַליווע־קנייטשן צו אונדזער געל־געפּאַרבטער טיר, מיט דעם דרויסנדיקן קייטעלע, וואָס האָט פון זיך אַליין געמאַכט אַ רעדל־צייכן אַרום זיך. דערנאָכדעם זאָגט אַ ברוסטיק קאָל, צישן באַקנבערד:

— ערשטנס, אַ בריוו צו אייך פון אייער ר' מאיר'ן... צווייטנס, אייער איציקל דרייט זיך מיר עפּעס צופיל אַרום די ציגיינער — איר מעגט אים עפּעס זאָגן, ניקאָשע־נישט. ער ליגט דאָרטן איבער גאַנצע טעג... ווען זיין טאַטע ר' מאיר רייז זאָל דאָס וויסן... מער קיין נייעס. לעבט וואָהל!

פּסאַכיע שאַרט צונויף די פיס ווי אַ זעלנער, גייט אוועק אין דער ברייט, און די מאַמע פרעגט מיך וואָס האָב איך צו טון בא די ציגיינער? זי סטראַשעט מיך, אַז אויב איכ'ל זיך נישט לערנען, וועט זי מיך אוועקגעבן צו אַ זייגערמאַכער, און שוין!... דאָס הייסט: „פרי מעני", מאַכט זי, „מעגסטו זיין אַפילע אַ וואַסערטרעגער. נאָר דיין טאַטע אין אַמעריקע"...

די מאַמע וויינט און הייסט מיר לייענען דעם בריוו פונעם

טאטן. איך לייען מיט א הויך קאָל, ווי א דעקלאמאציע. דער טאטע בייזערט זיך אַף אונדז (דורך מיין קאָל) און וויינט אַף זיין ביטער מאַזל. ער שרייבט, אז ער „פּעדלט" ערגעץ אין א שטעטל, וואָס הייסט „שטאטן־איסלאנד", צישן דייטשן. קויפן קויפט ער בא א לאנדס־מאַן אַף באָרג. „דאָרט", שרייבט ער, „קויפן אַלע זייערע קעמעלעך און שפּילקעס און האָרנאָדלען און שוועבעלעך, און אַנדערע הוזיר־זאכן. קימאַט אַלע אידן פון אמעריקע", — שרייבט דער טאטע — „פּעדלען מיט א קיישל... מי לאָזט זיך ארויס אינדערפרי און מי קומט קריק באנאכט.. ס'איז א וויסט שטיקל ברויט, נאָר גאָט וועט העלפן, ער וועט אונדז אינגיכן אריבערנעמען צו זיך, האָפט ער, ווייל פון אהיימפאָרן קריק איז שוין אָפּגערעדט"... „פון יענער וועלט", שרייבט דער טאטע, „קומט מען נישט קריק".

אז די מאמע דערהערט דאָס וואָרט „יענע וועלט", הייבט אַף איר אָן שלאָגן אנגסטן. זי זאָגט: „קינדער, שפּריצטס אַף מיר וואסער". איך בין דער גרויסער קענער אין איניען כאלאָשעס. מיינע שוועסטער און מיין יונגער ברודערל טרעטן־אָפּ און וויינען שטילער־הייט. איך לויף באלד צו, פארמאך מיט מיין רעכטער האַנט דער מאמען גוט די ליפּן מיט דער נאָז. זי כאַפּט זיך באלד אויף און זאָגט שוואך: די ברילן.

איך גיב איר די קורצזיכטיקע שווערע ברילן, וואָס דער טאטע האָט פארגעסן מיטצונעמען אין אמעריקע. זי טוט זיי אָן, כאָטש זי דאַרף נישט קיין ברילן, נאָר פון ליבשאַפט צונ'ם טאטן... זי קוקט אַף אונדז מיטן טאטנס ברילן, וויינט און רואינירט זיך (טאָפּלט) די אויגן. איך קוש איר די קילע האַנט, קוש די סטרוניקע אָדערלעך, וואָס פירן פון אירע קליינע, שוואכע האַנט־קעמערלעך ביז צו די האלבע ארויפגעשאַרצטע ארבל פון איר זייער ציכטיקער פרינצעסקע. איך זאָג איר: „מאמע, מאמע, טראָג נישט דעם טאטנס ברילן, וועסט דיר קאַליע מאכן די אויגן".

— וואָס דאַרף איך די אויגן, צו וואָס? צו זען, ווי דער טאטע איז נישטאָ? צו זען ווי דו שפּילסט דיך מיט ציגיינער?

— עכ'ל מיך שוין מער נישט שפּילן, מאמע, זאָל איך אזוי לעבן, ווי מער נישט... מאמע, נאָר הער אויף צו וויינען...

— ווען דיין טאטע זאָל וויסן וואָס פון דיר איז געוואָרן!

איך קאָן מיך מער נישט איינהאלטן. איך לויף ארויס אין אַסיענדיקן דרויסן ארויס, אין ליידיקן שטעטל, וואָס איז ווי אַן אויסגעבלאָזענע אייערשאָלעכץ. ווייל מיך צעווויינען, נאָר רודא קומט

מיר פלוצים אקעגן. זי גייט מיט איר סוויסטשעדיקן גאנג. די לאנגע קליידלעך און אונטער־קליידלעך אירע רוישן מיט פרעמדקייט, מיט זינד, מיט טאיווע... זי איז ווי א טראפישע היץ פון פאמעראנץ און מילגרוים, וואלט אינמיטנדרינען אנגעקומען אהער קיין נאראיעוו...

איך זאג צו איר:

— רודא, וואוהין גייען זי?

— איך נימאנץ גיי... קאמען זי מיט מיט מיר — פראשע מסיו... וויר פארען הויטע.

איך קוק אף אונדזער געלער טיר מיטן ראד־צייכן, וואס איז געווארן פונעם קייטעלע. איך קוק אף די שויבן פון אונדזערע פענצטער, וואס בלאנקען אזוי ריין און אפשרעקנדיק. איך קוק מיך ארום צי קיינער זעט נישט, און — איך לאז מיך מיט רודא'ן צו דער „רישנער וויליצע", וואו די בויד שטייט און וואו דער אלטער ציגיינער שפילט זיך מיט דער מאלפע און זינגט א ליד, וואס איז ברייט און טרויעריק ווי די וועלט...

:: :: ::

...אז רודא האט מיר געזאגט איך זאל מיטגיין מיט איר — בין איך מיטגעגאנגען. זי האט אנגענומען מיט איר האנט א ברעג פון מיין ראק־ארבל, אים פארדעקט מיט די פליטערלעך פון אירע ארבל־שפיצן. ווי א נישט־אומיסנער געפאנגענער בין איך מיט־געגאנגען מיט איר — געגאנגען נאך דעם סווישטשענדיקן רויש פון אירע לאנגע און פילע קליידלעך, נאך די פיר ליפן ען אירע געלע, ברייטע אויגן, וואס האבן מיך ארומגעקושט מיט אזוינע פאמעלעכע ציען, ווי א פיאווקע...

רודא האט צו מיר גערעדט אף אירע זיבן לשונעס, וואס זענען געווען אף א פונדאמענט פון דייטש, געפרעגט מיך צי „איך זי ליבע דען, ווארום?" און צי „איך עטוואס גרייצערס באקאמען קענע?"

זי האט גערעדט מיט א סוויסטשעדיקן היס, ווי א שיינע שלאנג, וואס האט קניעס ווייבערשע און א שוים א צוזאגנדיקע. ווי זינד מיט טויזנטער פליגלען, מיט טויזנט אויגן, מיט טויזנט פלאם־שווערדן, האט רונדער, ווייבלעכער שטאף א געשריי געטון צו מיינע שפיצ־פינגער, צו מיין טאפ־געפיל, צו מיין דארשטיקייט נאך לעבן־געלערנטקייט, נאך פארפלאנץ־ווייסן, נאך דעם ענטפער צום גרויסן, קינדערישן רעטעניש: וואס טרייבט דאס פארעם־גראז פון דר'ערד?

דעם מענטש פונעם קלעפיקן טראָפּן?

רודאַ האָט מיך געפירט צו דער בויד, די בויד וואָס האָט געהאַט פאַרהענגלעך, פול מיט סוידעס ווי מיידלשע העמדער — אַ מאַלפּע, אַ זיידן מיט אַן אוירינגל, אַ באַבע וואָס פייפט, אַ טאַטע מיט אַ סאַמעטענעם זשילעט, וואָס איז געלגרין ווי אַ פּאַפּוגע.

— עסן דו האבן וואָלסט, מסיו פּאַניטש?

איך האָב איר געדאַנקט און געזאָגט אַז ניין, איך בין נישט הונגעריק.

— וואָרום דען דיין נאַזע זאָ טרויריג איז? — זי האָט מיך אַרומגעוויקלט מיט די ליכט־וויקל־שנורן פון אירע אויגן און געזאָגט:

— וויסען זי, ווייסטו דו, דאַס אַלע נאַראַיעוו־לאַיטע טרויעריגע נאַזען האבען.

— ווירקלעך?

— יאַ, מסיו, האבן זי, האסטו דען באַמערקט ניכט, דאַס ווען זי אויך לאַכען, אירע נאַזען שטענדיג טרויעריג בלייבען? אַלע יודען זאָ!

איך האָב מיך פאַרשעמט פאַר מיין ראַסע, וואָס האָט — ווי זי זאָגט — אַזוינע טרויעריקע נעז. איך האָב ווי נישט־אומיסנע אַ וויש געטון דעם אינדערמיטן פון מיין פּאָנים און דאַביי בעגנייווע אַ טאַפּ געטון מיין נאָז, צי איז זי טרויעריק.

זי האָט דאָס באַמערקט און פלינק געזאָגט:

— דו ניכט טרויעריגע נאַזע האסט, נור טרויריגען מונד... דו אימער שווייגסט — וואָרום דו דען שווייגסט, איסאַק?

איך האָב איר געזאָגט, אַז מיין מאַמע איז נישט געזונט און דער טאַטע איז אין אַמעריקע.

— אַמעריקע? אַך, דאַס איין שעהנעס לאַנד איזט! וויי־ט! איך ליבע וויי־ט. אונד דו?

איך האָב געזאָגט אין שלעכטן דייטש, וואָס איז מיר איצט געוואָרן ווי אַ נייער, פּראַכטיקער דיאַלעקט:

— נו, געוויס... אבער מוטער!

— מוטער געזונט־ווערדען! מעכטעסט דו פאָרען וויט — ווייט?

זי האָט אַ וויץ געטון מיט אַ באַשפּיצלטער, גרינגער פויגל־האַנט אַהין, וואו אונדזער ביים־אוילעם שטייט פאַר די אויגן, אַפן העכסטן באַרג.

— יא, געווים.
— מעכטעסט דו ווייט אין די וועלט היניין?
— איך מעכטע.
— ביז אונגארן, ביז גריכנלאנד, ביז טיראָל?
— ווארום ניכט?
— מעכטעסט דו מיט אונדז מיטפארען? ציגיינער ווערדען?
— ציגיינער? איך?
— דו!

שיקערע העמערלעך האָבן אָנגעהויבן ארבעטן אין מיין זעל, אויסגעבלאָזענע גאָלדנקייטן האָבן מיך אויפגעהויבן אף די הענט, אריינגעזעצט אין דער ציגיינער־בויד... הימל און ערד זענען געווען צוויי גרויסע פאראדיז־פייגל!

אָבער רודא האָט מיך אויפגעוועקט, צום ניכטערנעם לעבן געבראכט מיט דעם אָנפרעג, צי איך האָב עפּעס געלט בא מיר.

איך האָב איר געזאָגט, אז ניין. —

— וועסטו מוזן גיין בעטן בא דער מאמען, — האָט זי געזאָגט.

— די מאמע וועט נישט געבן.

— ערשט נעכטן איז דאָך אָנגעקומען געלט פון אמעריקע, האָסטאָך געזאָגט.

— געקומען. נאָר די מאמע וועט נישט געבן.

— נעמט מען אליין. דער טאטע וועט שיקן נאָך. אין אמעריקע זענען אלע שטיינרייך!

— אָבער די מאמע וועט נישט געבן.

— וועסט אליין נעמען. ס'איז קיין זינד נישט. 'סאיז דיין טאטנס געלט — דו דארפסט האָבן געלט אף צו לעבן, ביז מיר וועלן קומען קיין אונגארן...

— און דאָרטן, אין אונגארן, וואָס וועל איך טון?

— דאָרטן וועסטו זינגען און פריילעכטון מיט אונדז אלע... „פאָרן ווייט, וויי־ט, ביז גריכנלאנד, ביז פאָמערן, ביז טיראָל... ווייסט דו ניכט? דאס איזט יא זעהר איינפאך".

אז רודא האָט דאָס געזאָגט, לעבן דער בויד מיט ציטערדיקע פאָרהענגלעך, און אז זי האָט אינעווייניק אין דער בויד מיר א בייסנדיקן קוש געטון, ווי די גאָן־אײדן־שלאנג, וואָס האָט אָנגערעדט צו שלעכטס, איז מיר די זאך פירגעקומען טאקע „זייער איינפאך": דו זעצסט דיך אריין אין דער בויד און דו מאכסט צו די אויגן און דו פאָרסט ביז גריכנלאנד, ביז פאָמערן, ביז טיראָל...

אין דיין רוענדיקן שוים איז דער קאָפּ פון אַ מיידל, רונד און גוט און אומגלויבלעך, ווי די וועלט. אין דרויסן איז קיל, קאַלט. וועלדער שטאַרבן, טעג שטאַרבן, נעכט שטאַרבן, שפּאַרבערס שטאַרבן, קאַליר־טע פליגן סאַף־זומערדיקע האָט דער אָסיענווינט צו געבלאָזעט וועגט צוגעפּלעטשט, ווי צירונגען — נאָר דו לעבסט, לעבסט און טראָגסט אין דיר זאָמען פון נייע־נייע־נייע לעבנס, און „זי" איז — דיין ערד, דיין גאָרטן.

מיטן טאַאַם פון רודאַס קושן־און־האַלדזן אַף מיין האַלדז און ליפּן, בין איך אוועק קריק אַהיים, געזאָגט דער מאַמען אַ שטיקל גוטאָוונט, אָנגעגאָסן נאַפט אין וואַנט־לאָמפּ פון דער טשערפּינער באַנקע אַרויס, מיך געזעצט קלוימערשט שרייבן אַ בריוו צום טאַטן, און שטילערהייט געטאַפּט דאָס בלאַטשלעסל פון טיש־לעדל, וואו די מאַמע האָט געהאַלטן ס׳געלט, וואָס זי האָט ערשט נעכטן אָפּ־גענומען פון דער פּאָסט...

:: :: ::

ס׳איז פאַרנאַכט און מיר — פאָרן.

אָנגעטון בין איך נישט זייער ווינטערדיק, דאַפאַר וויל איך וויס אַז מיר פאָרן צו די וואַרעמע לענדער צו.

די פערד זענען געפּוצט און אויסגעצירט מיט קאַלענעס. דאָס גוטע לעדער־האַרניש אַף די רוקנס פון די פערד סקריפּעט אַ מעכאַיע.

איך האָב מיך אויפגעזעצט הינטער דער שטאָט, נישט ווייט פון דער ראָגאַטקע — אַרויפגעכאַפּט מיך ווי אַ גאַנעוו, מיך אַרומגעקוקט צי קיינער זעט נישט. אין דער רעכטער קעשענע האָב איך 25 פּאַפּירענע ראַנישלעך, וואָס איך האָב אַרויסגענומען פון דער מאַמעס טישקעסטל. איך האָב מיך געפילט זינדיק און גוט און ניי. איך בין געזעסן אַף דער קעלניע, לעבן רודאַס פאָטער, וועלכער האָט געטריבן די פערד. דער ציגיינער־זיידע איז געלעגן מיטן קאָפּ הינטערן בויד־אויוועלע צישן די פיס און געשנאָרכעט, ווי דורך אַ בלעכענעם טרומייטער, זיינע ווייסע באַקנבערד האָבן ליכטיק גע־מאַכט אַ קליין שטיקל פוס־באָדן.

ווי דורך אַ האַלב־רעדלדיקן לאָך פון אַ טשאָלנט־אויוון, האָב איך געזען אונדזער פאַרגייענדיק שטעטל, דערפילט אַז מיט דעם שאַרף־גלאַנציקן פּאַס וואַסער פון דער „לעצטער מיל" האָב איך מיר איבערגעשניטן דעם האַלדז, געקוילעט דאָס יונגע אינגל, וואָס האָט געהייסן „איציק מאיר׳ס", אים אוועקגעשניטן פון זיך, און

אליין בין איך געווארן אן אנדערער מענטש, אן עלטערער, וואס דארף אליין טראגן אף זיך דעם אל און טאיניג פון פארנאסע, דעם אל און טאיניג פון לעבן.

אונדזער בויד איז אוועקגעפארן פון דער זון. געפארן צו מיזרעך צו, וואו די זון וועט אונדז ערשט באגעגענען מארגן. פאר מיר איז אלדינגס געווען ניי און אויסגעפלאסטערט מיט וואונדער. בין איך געזעסן אף דער קעלניע און געדרייט דעם קאפ צו מאירעוו־צו, צו זען ווי די לעצטע נאראיעווער זון גייט אונטער מיט אזא פאראד... געדרייט דעם קאפ אהין, אהין, וואו זי איז געזעסן, געכאפט דעם קאפ אף קריק, וואוהין מיר פארן איצט אריין, דער נייער נאכט אנטקעגן, דעם נייעם וואונדער.

דער ציגיינער האט געפרעגט:

— וואס דרייסטו דעם קאפ, אינגל? וואס זיצסטו נישט רואיק?

איך האב געוויזן קימאט אף רודא׳ן, וואס איז געזעסן אף דעם אנדערן ברעג בויד, און געזאגט:

— די זון!

דער ציגיינער האט זיך א קעם געטון די וואנטשעס מיט דער פויסט, א צי געטון די טאפל־וואשקעס פון די פערד אזוי, אז זיי האבן א שיט געטון מיט א סאך זילבערנע גלעקלעך. ער האט אף מיר אפגעווישט א צארנדיקן בליק און געזאגט:

— די זון, אינגל, וועט אונטערגיין אן דיר... דו דארפסט דיך נישט צו באמיען. — הייטא, לאופשריט!

די פערד האבן אונדז א כאפ געטון ווי א שפענדל, און אונדז אראפגעטראגן אין טאל אריין, צו די וועלדער, וואס פירן קיין אונגארן.

:: :: ::

מיט דער נאכט איז אנגעקומען א ווילד־פרעמדקייט און א טיפע פינצטערניש, וואס שטערן האבן זי אומיסטנע באלויכטן, קעדיי מען זאל זי קענען זען און פאכעד־קריגן!

דער הימל איז געווען פול מיט די מילך־ווייסע אפגלאנצן פון וועלטן, וואס באוויזן זיך קיינמאל נישט צו אונדז, אפילע ווי פינטעלעך. דאס אפענע פעלד, וואו די בויד איז איצט געבליבן שטיין אין טאל, איז געווארן רעדעוודיק מיט פאכעד... מיין הארץ האט געוויינט בעאיים איך בין געזעסן אף דער קעלניע לעבן דעם פרעמדן ציגיינער. רודא איז אנטדרימלט געווארן אינעווייניק, אין דער בויד. זי האט אין שלאף עטלעכע מאל א נאס געטון, זיך געהויבן פונעם געלעגער אין די בויד־שמאטעס, און פון שלאף

עפּעס געמורמלט אין אַ פרעמדער שפּראַך.

איך האָב איר שטילערהייט געווינטשן „צום געזונט" און האָב געטראַכט פון דער וואָרימקייט, וואָס איז אַרום אירע בויד־שמאַטעס, געפילט מיינע פינגער אַף די גלאַטן פון איר שיינעם לאַנגן קערפּער, ווי פון אַ יונג ווייבל. האָב מיט מיין דימיען געגלעטיקט אַלדינג אַף איר, געטראַכט ווי אַזוי צוצוקומען צו אירע באַהאַלטנקייטן, צו דורכן האַלדז, צי דורכן ברעג קליידל, געטראַכט און נישט געוואוסט אַף זיכער אַקוראַט וואו דער סאָד באַהאַלט זיך אוים.

עס האָט אָנגעהויבן דריבלען אַ קליינער, גרויפּנדיקער שניי, ס'איז געוואָרן קיל, קאַלטלעך.

די בויד האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ וועלדל, וואָס אַפילע באַנאַכט האָט מען געקענט זען, אַז סי צאַנקט נאָך מיט לעצטע בלעטער. ברעזעס, וואָס טראָגן אייגענעם, שטענדיקן שניי אַף דער קאָרע, האָבן אויפגענומען די שניי־גרויפּן ווי טויבע נעמען אויף רייד.

דאָס מאַלפּעלע (איך האָב שוין איצט געוואוסט, אַז עס הייסט „זשאָרזשאָן") איז צום ערשטן אַראָפּגעשפּרונגען פון דער בויד, זיך געקראַצט און געניסט, דערנאָך זענען אַרוים די 5 קינדער, דערנאָך דער זיידע מיט די באַקנבערד, וואָס האָבן געלויכטן, דערנאָך ערשט — זי, רודאַ!...

זי איז געווען מיד און פויל, ווי אַ קאַץ. די שיינקייט פון איר קאָווע־ברוין געזיכט איז איר איצט אַראָפּ פונעם פּאָנים און איז אַריין אין אירע לענדן, וואָס זענען געוואָרן וואָגיק און ווייבעריש. איר קערפּער האָט איצט געהאַט אַ קירצערן גאַנג — אַ שפּאַן־וועגס צום שלאָף, צום באַשלאָפן ווערן.

איך האָב געגעסן ברויט און געטרונקען הייסע טיי, דערנאָך האָב איך אינאיינעם מיט רודאַס פאָטער און מיט איר זיידע־באָבע געהאָלפן אויפשפּאַנען דאָס נאַכט־געצעלט. אַ גרויסער לייוונטענער פויגל האָט העל געמאַכט אַ שטיק נאַכט. אין מיטן פון אַ פרעמד פעלד. אַ לעצט פייער האָט נאָך געזשאַרעט, נאָכדעם ווי שיך האָבן אים געטאָפּטשעט אַפן קאָפּ... מען האָט זיך געגרייט צו דעם שלאָפן־גיין, וואָס איז מיר פירגעקומען אַזוי אויסטערליש — אַ שלאָפן אונטער אַ דינעם לייוונט־שירם, אין אַ פרעמד פעלד, צישן ציגיינער, לעבן פערד, וואָס גריזשען עפּעס און פירכקען מיט די פייכטע נאָז־לעכער. עס האָט געשמעקט נאַכט און פערד און אַלטע לייוונט פול מיט אַלע רעגנס און ווינטן און זונען פון דער וועלט, און זי —

מיין געלעגער איז געווען אַף צוויי „קאָצן", נישט ווייט פון

רודא'ן, וואָס איז געלעגן אויף דר'ערד און געבלישטשעט אין דער פינצטערניש מיט שטיקלעך נאַקעטקייט.

איך בין געווען קראַנק פון ליבשאַפט, פיבערדיק. דער קאָפּ איז מיר געווען אַ פרעמדער, אַן אַנטליגענער פון אַן עלטערן מענטשן, וואָס איך קאָן אים יאָ און קאָן אים נישט, און וואָס קיין גרויסער גוטער־פריינט מיינער איז ער נישט. ווייוואויל ער וויל מיר צוטיילן דעם טאַיניג פון גאָר דער וועלט.

דורך דער נאַכט האָבן מיר צוויי זיך דערנענטערט איינס צו'ן ס'אַנדערע... דער פיבער האָט געוואָרפן אויף דר'ערד און געטראָגן — איך ווייס נישט, צי זי צו מיר, צי איך צו איר, צי אונדזביידן איינס צו ס'אַנדערע. שטאַרק ביטער און גוט איז געווען די פּיין פון דערנענטערן זיך. דער קאָפּ איז אין מיין האַרץ אַריינגעפאַלן, דער־טרונקען געוואָרן, געשריגן „געוואַלט", געשריגן „מאַמע", געבעטן זיך: „טאַ—טע"...

רודא האָט מיין שיקערע, ציטערדיקע האַנט געפירט איבער אַזוינע רונדן און גרינג־האַריקע סוידעס. מיין רעכטע האַנט האָט נישט געוואוסט וואָס צו טון, וואָס צו זוכן, מיין לינקע האַנט האָט געציטערט און זיך געוואָרפן.

:: :: ::

די נאַכט האָט געהאַט אַ סאַך שאָען. די שאָען האָבן געהאַט אַ סאַך מינוטן, הייסע, מעשוגענע, אַכזאַריעסדיקע. ווי אַ פּאַר־מאַטערט ציגעלע איז געווען מיין האַרץ.

אַ בלישטש אויף טאָג, בין איך שוין געווען אויף די פיס. זיין גרינטלעך פאַרשעמט פאַר די צעגויפגעוואָרפענע אַלטע מאַן־און־ווייב, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אַרומגענומען, פאַר רודאס פאַטער, וואָס האָט געוויזן זיין האָריק הינטערלייב דעם נייעם פרימאָרגן.

אַזוי ווי איך בין געשלאָפן קימאַט אינגאַנצן אַן אָנגעטאָנענער, בין איך שנעל געווען אויף די פיס. איך האָב פאַרזעכטיק אַריבער־געשפּאַנט איבער די שלאָפעדיקע מענטשן, איבער דער האַלב־וואַכענדיקער רודא, וואָס האָט פאַרהאַלטן מיין גייענדיקן פוס און מיך שיער אומגעוואָרפן און זיך צעלאַכט אין דער קאָלדרע אַריין.

איך בין געשטאַנען אין דרויסן איינער אַליין.

אַ הונט האָט געבילן.

אַ קלויסטער־גלאָק האָט פון זיך אַרויסגעשיילט די ערשטע שאָלעכץ פון אַ געפרוירענער טפילע...

דאָס פעלד האָט געהאַט אָפּריסן ווילדע. צעגאָסענע ליימען און

צעגעסענע ווייכע זאמד־שטיינער, האָבן אַרומגעזוימט טיפע קאַנאַוועס, שלוכטן. אין וועלדל זענען אַ סאך מישפּאָכעלעך מיטביימער גע־שטאַנען — יעדער פאַר זיך, געבעכדיק און פאַרלוירן.

דער פרישער שניי איז געלעגן ווי זאַלץ אַף דר'ערד, אָבער די וועלט האָט קיין טאַם נישט געהאַט. אזוי מיד בין איך געווען, אזוי אויסגעברענט, און וואוהין מיין וועג פירט, האָב איך נישט געוואוסט. איך האָב נאָר געוואוסט, אַז דאָס וואָס איך טו איצט, איז גוט און זיס — דאָפאַר ביטער און שלעכט!... ווי יעדער „אידיש קינד", האָב איך געהאַט ס'געפיל אַז אַלדינג וואָס גיט דעם מענטשן פאַרגעניגן איז אַ שלעכטע זאַך, און אַז דאָס נישט־פאַרגינענדיקע אויג פון „גאָט" זעט דאָס, פאַרצייכנט און — שטראָפט. פאַר יעדן שמייכל פון דער זעל שטייען הינטער דער טיר פעסלעך מיט טרערן, מאַטער־געציינגן, פלאָג־שטראָפן, טויטאַנגסטן...

איך בין געגאַנגען עטלעכע שפּאַן אַרויף און אַראָפּ.

אַ קאַניע האָט אַ וויש־געטון די ערד מיט אַ שווארצן שפּיץ־פליגל, זיך אַ הייב־געטון און איז אַוועק מיט אַ געשריי אַף מיר, גלייך איך וואָלט איר עפּעס געטון. אַ הונט האָט געבילט. אין טאָג ערגעץ נישט ווייט האָט אָנגעהויבן אויפגיין אַ שטיק גלעזערן גאָלד.

איך בין געשטאַנען לעבן אַ טייכל, וואָס האָט גערעדט קימאַט נאַראַיעווער רייד, גערעדט ווי אונדזער „קלינעוויצע", אַז זי „צע־שפּילט" זיך אַרום פאַר־פּיסעך. דאָס טייכל האָט זיך דאָ־אָ געגאָרגלט איבער אַ געבראָכענער צווייג, וואָס איז אים געשטאַנען אין האַלדז, געפּרופּט אים אויסשפּייען און נישט געקענט. צעבראָכענע פאַרבן (פלאַשן־גרין און פלאַשן־שוואַרץ) האָבן זיך געביטן איבער די צע־שפּריצטע וואַסערן, אַ ציגיינעריש פערד האָט מיט אַ העשע־שע־שע פאַרלאַנגט פון דער וועלט, מי זאָל אַ קוק־טון אַף זיינע שיינע, ציטערדיקע פלאַנקען, וואָס זענען געווען גליקלעך מיט זאַטקייט.

— גוטן מאָרגן, איסאַק! זאָ פרי?

רודאַ איז געשטאַנען לעבן מיר, אין איין אונטערשט קליידל און באָרוויס, אַף די האַרטע שניי־גרייפּלעך. זי האָט מיר געגעבן די האַנט, איך האָב איר אַ קוש געטון אין אַ שפּיץ פינגער, ווי אַ קאַוואַליער. זי האָט זיך באַליידיקט, מיך פעסט אַ שלעפּ־געטון מיט דער האַנט צו זיך, מיר געגעבן אַ קוש אין מויל און מיך אָפּגעשטויסן פון זיך.

— געה וועק, דו ניכט מאַן ביזט.

איך האָב מיר געהאַט אָנגעגרייט זי אָנצורופן מיט היינע'ס אַ

ווארט „הערצאלערליבסטע”, אבער איצט האב איך עס פארגעסן צו זאגן. איך האב נאר געפילט אז איבער מיין וועלט האט צענויפ־געבראכן דער דאך, און איך ליג הינטער די כורוועס א דערהארגעטער.

— רודא!

אין דער מינוט האב איך רודא׳ן געוואלט פיינט האבן. דורך א קליין שפעלטל אין מיין זיקארן איז אנגעקומען דער טאטע מיינער און מיך געפרעגט אף א טאכלעס. דער פעטער איציק איז געשטאנען אנגעשפארט אף א שטעקן, געשמייכלט און געזאגט: „דאס־זשע איז פון דיר געווארן?” איך האב געוואלט רודא׳ן פיינט האבן, קעדיי מיך צו באפרייען פון דער טויט־שארפער באליידיקונג, מיט וועלכער נאר א געליבטע קאן באליידיקן, נאר איך בין נאך דעמאלט געווען צו־יונג צו וויסן ווי אזוי אין זיך ארויסצורופן א סינע צו דעם מענטשן, וועלכן מע האט אזוי ביטער ליב.

רודא איז צוגעקומען צו מיר, מיך ווידער געלאסטשעט, מיך געפרעגט וויפיל געלט איך האב, און וואו האלט איך עס?

איך בין איר געווען דאנקבאר פאר די פראסטע, וואכעדיקע רייד, אף וועלכע איך האב געקענט ענטפערן און אפרוען.

איך האב איר געזאגט:

— איך האב 25 פלארין. איך האלט זיי אין דער הויזנקעשענע.

— דו נאר ניכט פארלירען זאלסט, איסאק!

— איך וועל נישט פארלירן, רודא.

— ביזטו ד׳רין זיכער?

— זיכער. וואו זענען מיר איצט, רודא?

— מיר זענען נאך נישט וויט. איך וואלט שוין געוואלט זיין וויי־ט, זיי־ער וויי־ט.

— ווי וויט וואלסטו געוואלט זיין, רודא?

— אזוי וויט, וואס ווייטער קען שוין נישט זיין!

— אזוי וויט קען מען נישט פארן, רודא.

— מי קאן יא.

— מי קאן נישט.

ווי מיר האבן אזוי גערעדט, האט רודא דערווייל פון זיך געלאזט אראפפאלן דאס איינציקע קלידל, וואס זי האט געטראגן, האט א שנעלן לאך־געטון, איז אריין אין וואסער, האט געגעבן עטלעכע שווים און איז פלינק ארויסגעקומען, צעגליט אין ברוינער רויטקייט, מיט פונקן וואסער אף איר הארטן, מיידלישן קערפער, וואס איז איצט געווען נישט קיין לאנגער, נאר א געטאקטער, אין שפארעווו־

דיקער פיינקייט.

זי האָט זיך אַ וויש געטון מיטן קליידל, אַף גיך אַריין אינווייניק, ווי אַ שווערד אין אַן ענגער, גלאַטער שייד, געבעטן איך זאָל זי צוהעקלען פון הינטן און געזאָגט:

— יעצט, איסאַק, ווירסט דו באָדן...

מיינע הענט, וואָס האָבן פאַלש צענויפגעהעקלט די „מענגעלעך" מיט די „פּרויעלעך", האָבן איצט טאָפּל געצאַפּלט־זיך: פון אָנרירן איר נאַקעט לייב און פון שרעק פאַר קאַלטן וואַסער.

— נו? ביזטו פייגלינג דען?

זי האָט גענומען זיך אַליין פאַרהעקלען מיט אַקראָבאַטישע הענט, וואָס האָבן זיך געפּילט אַף דעם העכסטן פּונקט פון דער אייגענער פּלייצע פּונקט אַזוי „אינדערהיים", ווי אַף די פאָדערשטע טיילן פון איר גוף, און מיט איר קאָפּ צעלאָזענע האָר געוויזן צום וואַסער, וואָס האָט גערוישט אַזוי קאַלט.

צוליב מיין שוואַכן כאַראַקטער, האָב איך אַלעמאָל געוואָלט ווייזן ווי שטאַרק מיין נאַטור איז. און איצט אַוואָדע. האָב איך אַ פאַרשעמטער און אַ פאַרלוירענער זיך גענומען אויסטון אַ 50 טריט פונעם ברעג טייך, זי געבעטן, זי זאָל שטיין פון וויטן און נישט קוקן. זי אָבער האָט געקוקט און געלאַכט, ביז איך האָב פון מיין גאַנץ אָנטועכץ געמאַכט אַ בערגל. מיט די הענט פון פאָרנט, ווי פייגנבלעטער, געשטאַנען און קרום געשמייכלט, ביז זי האָט ווידער אַ מאַך געטון מיטן צעלאָזענעם קאָפּ האָר (ווי מי מאַכט צו אַ הינטל).

— נון, אַלזאָ... ווען איך 3 ציילע, לויפסט דו. דאַן שפּרינגסט דו אין וואַסער: איינס! צוויי! דריי!

איך בין אַריין אין טייך. אַ שאַרפער, קאַלטער וואַסער־שניט האָט באַגעגנט מיין פוס, מיין בויך. איך בין געגאַנגען פּאַוואָלי, נאַרישלעך־לעפּיש, ביז איך האָב דערהערט איר קאָל פון וויטן:

— דוק דיך, איסאַק!

איך האָב מיך אונטערגעטונקען, דערפילט מיטאַמאָל אַזאַ פרישקייט און וואוילקייט, אַז איך האָב אַזש אַ ווילדן קוויטש געטון. דאָ האָב איך דערהערט רודאָס קאָל:

— דוק דיך נאָך איינמאָל!

איך האָב מיך נאָכאַמאָל אונטערגעטונקען. בין באַלד אַרויסגעשפּרונגען און געשריגן, זי זאָל אַוועקגיין, ווייל איך וויל מיך אָנטון.

זי האָט געענטפערט פון דער וויטן:

— וואַרטע!

איך בין געשטאַנען אַ נאַקעט אינגל — ס'ערשטע מאָל אין מיין לעבן נאַקעט, נאָענט פון די אויגן פון אַ פרוי. ס'פרעסטל האָט געקניפּן מיין ליב. איך האָב נישט געהאַט מיט וואָס זיך אָפּ־צעווישן, האָב איך אונטערגעטענצלט אַף אַ פוס, גימנאַסטיקירט מיט די הענט און גערופן צו איר, זי זאָל מיר צוואַרפן דאָס אָנגעטועכץ.

זי האָט נישט געענטפערט.

אַז איך האָב געוואַרט אַ מינוט, צוויי, דריי, און איך האָב דער־פילט, אַז די וואַרעמקייט גייט מיר אויס פונעם ליב, האָב איך אַוועקגעלייגט די בושע און בין אַוועק צו דעם אָרט, וואו איך האָב געהאַט איבערגעלאָזט מיין בערגל אָנגעטועכץ (לויט מיין געבוירן געפיל פון ציכטיקייט האָב איך אויך דאָ די זאַכן צענויפגעלייגט אַקוראַט ווי אינדערהיים, צענויפגעלייגט אַזוי, אַז זיי זאָלן זיך נישט צעקנייטשן, און אַז דער „הויפן" זאָל זיין אַ גלייכער, אַ ריטמישער), אָבער דאָס אָרט וואו מיין אָנגעטועכץ איז געלעגן מיט עטלעכע מינוט פריער, איז איצט געווען ליידיק. רודא איז אויך נישט געווען. אין דער ווייטקייט האָב איך געהערט אָפּקלענג פון טריט רווישנדיקע, גיכע, און באַלד אַ סקריפּען פון אַן אַקס, אַ קלינגען פון קליינע ציר־גלעקלעך אַף פערד.

דאָס איז געווען די מינוט אין מיין לעבן, וואָס האָט געבוירן סינע און אומטרוי צו דער פרוי, צו דער וועלט.

... ווי אַ משוגענער בין איך געלאָפן איבער די קאַרטשעס פונעם וואַלד, ציטערדיק און פיבערדיק און נאַקעט. מיר איז דאָס האַרץ געווען ווי אַ ברענענדיקער ראָד, די אויגן פינצטער מיט צופיל ליכטיקייט... מיט צעריסענע פיס בין איך געלאָפן און געשריגן:

— רודא! רודא!

קיינער האָט נישט געענטפערט, אַ כויץ דער אָפּקלאַנג פון אַ פרעמדן וואַלד, וואָס איז אָנגעזאַלצן מיט שניי, און אַ קראָע, וואָס איז געפלויגן פון דער זון אַוועק. — — —

:: :: ::

איך האָב מיך אויפגעכאַפּט אונטער דער מאַמעס פּאָנים, וואָס איז געלעגן איבער מיר און געזאָגט מיט געבעט און געוויין דאָס איינע וואָרט:

— איציקל!

אין דער טיפקייט פון כאַלאַשעס־שלאָף האָב איך געהערט דאָס־אָ וואָרט. איך האָב געמיינט, אַז דאָס רופט זי, רודא. בין איך אויפגעשטאַנען קריק אין לעבן אַריין.

טעג
אַף בראָדוויי

שיר־שיר בא דער פּיאַטע, באַם לענגסטן געפּודערטן גיפּטיג־שוויציקן פּוספּינגער פון בראָדוויי — אָהין שפּאַרט זיך אַן „גריניטש ווילעדזש" — דער לאַטייניִשער קוואַרטאַל פון ניו־יאָרק, וואו דער „קינסטלער־שייוועט" וואוינט און אַרבעט און בויעט זיינע „לופט־שלעסער" מיט גוטע קוימענס, און ברייטע ווענט, און געוועקסטע דילן.

דער „ווילעדזש", „קוני־איילאַנד" און „בראָדוויי" — די גרויסע דריי־אייניקייט פון אַמעריקעס געלן גאָט. קונסט — אַ קאַסאַקע מאַמזעל, וואָס קוקט מיט איין אויג אַראָפּ צו איר מיטן און מיט דעם אַנדערן טאַפּט זי דאָס טייסטער־שלעסל. פאַרווייִלונג, באַטויבונג פאַר די באַרויבטע, נאַרקאָטישע סטימולאַנטן, וואָס פרעסן־אויף סייכל און רוקנביין, האַרץ און ווילן. „לופּ־די־לופּ" — אַרויף, מיט אַ לופט־באַן, זיגזאַגיש — 6 מינוט לויפגאַנג. אויף אַ הויכקייט פון אַ סאַך מעטערס ביז צום שפּיץ. וואו דו קערסט זיך איבער מיטן קאָפּ־אַראָפּ, אויף דער קורוו־ליניע, וואָס איז מאַקריוו איר קויעך פון גראַוויטאַציע צום איבער־קויעך פון שיידימדיקער שנעלקייט — אַראָפּ, אַראָפּ. ס'האַרץ פליט דיר אַרויס. די קישקעס קערן זיך איבער. אַז דו ברעכסט נישט — ביזטו פון אייזן. אָדער דו דרייסט זיך מיט אַ נאָכגעמאַכט אַוטאָמאָביל־שיפל־שפּילכל אויף אַ „בויך פון בלעך" — די פאַליעס פון יאַם נאָכגעקרימט, מיט אויפבלאָזנדיק, קנאַקעדיק, זשאַווערדיק בלעך. און דיין כוויזעקדיק שיפל — אַ זיץ־קעסטל מיט אַ רודער־רעדל, — די „שיף אָפן יאַם"... און דאָ לעבן דיר — 30 טריט ווייט, גייען דאָך עמעסע שיפן, גיגאַנטישע טרומפּן איבער דעם אָקעאַנס ווילנקראַפט, פּאַלאַצן מיט טויזנט־לאַמטערנ־דיקע אויגן איבער די צוויבער־ברעגעס פון ניו־יאָרק — מיט די אורגרינע, ווייטע אינדזלען.

„סייד־שאָו", קליין־צירק.

שאַך־ברעטלדיקע גראַטעס פון דרויסן, וויסטע געמעלדעס פון די „אַטראַקציעס". די דאַמע מיט דער באָרד, מיסעס מייער! (איר באָרד איז אַן עמעסע און אַ לאַנגע... נאָר זי אַליין איז פאַרהייראַט פאַר אַ שיינער דייטשקע, און איז דער פאָטער פון אירע דריי

קינדער!) דער מאַן וואָס לאָזט שווערדן אריין אין זיין ווייטעט, נעמט זיי קריק ארויס, ווערט בלויז אביסל בלאַ דאַביי, ווישט רואיק אָפּ יעדע שווערד־קלינג, מיט אַ ריינער שמאַטע, הענגט די שווערדן קריק אויף אָף זייערע ערטער — אָף דער שטאָל־פּלאַטע מיט אַ „נאָבעל־הערב". די צווויי ליליפּוטלעך די שיינע, וואָס דער „העכסטער מאַנצביל פון אַמעריקע" האַלט אָף ביידע דלאַניעס... די פיינע שפּאַניערקע אַן הענט, וואָס שטריקט אַ זאָק מיט די פיס, די פעטע, לאַכנדיקע דאַמע, אין פאַנכירעדיקע פליישזעק אָנגעטון. ליטקעס ווי באַלונען, אָרעמס ווי פּנעוומאַטישע „גומי־שיך" פאַר אָווטאָמאָבילן... און דער „אַלבינאָ" מיט די צאַראַאַס־ווייסע ברעמען, און ווייס־ליכטיקע זיידענע האָר, און ראָזעווע אויגן. און דער מאַן וואָס ס'הענגט אים אַ „ברודערל" ארויס פון בויך — צוויי קליינע פיסלעך אין סאַמעט און אין רויטע שיכלעך, לעבן זיין גאַרטל; און די פּרוי מיטן ליבן־פּאָנים... (גיכער: קאַצן־פּאָנים מיט וואָנטשעס!) און אַרום די ווינקלען: קאַרטנוואַרפּערס, וואַרזאָגערס, ציגיינערס. בעמישע גלאָז־בלאָזער, וואָס בלאָזן שמאָכטעס פון קונציקן גלאָז... זעגעכץ פון פריש האָלץ אָף דעם אומבאַדעקטן פּוסבאָדן, אין דעם ריזיקן, לייוונטענעם זומער־געצעלט פון פאַרזעענישן. און די הויפּט־אַטראַקציע: „זיפּ—וועד איז דאָס?" דער מענטש־רעטעניש, וואָס איז אין שטייג, און האַלט אַ כויזעקפידעלע אין דער האַנט. ער סקריפּעט דאַרויף — ער איז אָנגעטון אין אַזאַ מאַטעריאַל, וואָס זעט אויס ווי קעמל־פּעל, זיין לענגלעךשפּיציקער, גלאַט־אָפּגעראַזירטער קאָפּ פאַרענדיקט זיך פון אויבן מיט אַ טשוביקל האָר האַרטע, אויפגעשטעלטע.

„זיפּ" שמייכלט, שפּילט זיך מיטן פידעלע, סקריפּעט, שאָקלט מיטן קאָפּ, מיט דער נאָכהענגענדיקער גרויסער ליפּ, מיט די הינערשע אויגן. ער איז שוין אַן אַלטער מאַן, „זיפּ". דער באַרימטער „באַרנום" האָט אים אַנטדעקט און אויסגעשטעלט אין זיין שאָו. „זיפּ" איז דער ליבלינג פון אַלע „סייד־שאָו" באַזוכער פון קוני־איילאַנד. ער באַרואיקט, גלעט דעם איכיזם פון די מענטשן, וואָס קוקן אָף אים און טראַכטן: „מיר זענען דאָך קלוגער". ס'איז דאָסזעלבע נידריקע געפיל, וואָס טרייבט געוויסע מענטשן צו לויפן קוקן אָף „בייז וואונדערס". די אייגענע פעל ווערט דאַפון גרויס און גלאַט. דער פליגנדיקער געדאַנק זאָגט: „נו, דאַנקען גאָט, נישט איך!"

בלויז איינציקע מענטשן ווייסן, אַז „זיפּ", דאָס פּאַרזעעניש,

דאָס מענטש־רעטעניש, איז איינגטלעך דער — באַלעבאָס פונם „צירק" טאַקע... און אַז שפּעט באַנאַכט, ווען די „סייד־שאָו" שליסט זיך, גאַנוועט זיך „זיפּ" אַרויס דורך אַ הינטער־טיר, מיט אַ פיינעם פּאַרוק אויף זיין מאָדנע־אָפּגעשווירענעם קאָפּ... פון זיין פּנים איז אָפּגעווישט דער טוש. די אונטערשטע ליפּ, איינגעווינט אַראָפּצוהענגען, ווי בײַ אַ ווילדן, איז איצט אויפגעהויבן. די שוואַרצע פאַרב פון די ציין אָפּגעוואַשן. אנשטאָט אַ קעמל־פעל, טראָגט ער איצט אַ פיינעם שאָטלענדישן מאַנטל. אין דרויסן וואַרט זיין „ראָלס־ראָיס" אַוטאָמאָביל. זיין שאָפער, זיין געליבטע — „שפּאַניערקע אָן ביידע הענט", וואָס בייסט זיך איצט אַ נאָגל פון אַ פינגער, און איז אַזוי שיין־פאַרטראַכט.

דער אַוטאָמאָביל פאָרט־צו צו דער רייכער ווילאַ באַם יאַם, וואו „מיסטער און מיסעס דזשאָן עלגאַרד העמלין" וואוינען... נישט „זיפּ", נישט די „שפּאַניערקע אָן ביידע הענט", נאָר — דער רום־רייכער, געלטרייכער, דערפאַרונג־רייכער מיסטער העמלין און זיין שיין ווייב.

און נאָך אַ גרויסע אַטראַקציע פון דער „סייד־שאָו": „דער אָסי־פיצירטער מאַן" — דער מאַן, וואָס דאָס בלוט אין זיינע אָדערן ווערט ביסלעכווייז פאַרשטיינערט. אָבער דאָס איז קיין אָפּנאַר נישט, נאָר אַ כוויזעק־טראַגישער, לעבערלעבער עמעס. זעט! אַ דינער מענטש אין שוואַרצן ליגט האָריזאָנטאַל אויף אַזאַ ניקלדיקן געשטעל, וואָס פּאַסט־איין ווי אַ לאָפּעטע אַ שטיק פון זיין רוקן — צוויי פויסטן די ברייט. ס'איבעריקע פון זיין קערפּער איז פריי, נישט אונטערגעהאַלטן פון קיין שום זאַך.

דער אָסיפיצירטער רויכערט רואיק אַ פּאַפּיראָסל, וואָס איז אויפגעשטאָכן אויף אַ הילצערנעם צאָן־שטעכער. די ריי קומט צו אים, דער „רעפּעראַנט" דערנענטערט זיך, גיט אים אַ קוועטש באַם קאָפּ, הויבט זיך דער גאַנצער קערפּער אויף — די פיס אויך, אַ לעבעדיק שטיק פאַרשטיינערטער מענטש. דער „רעפּעראַנט" ווישט זיך אָפּ דעם שוויים, באַנעצט מיט דער צונג די ליפּן. שפּייט־אויס אַביסל געלן זאַפט פון „קיי־טאַבאַק", שטעלט זיך נאָענט לעבן קראַנקן און זאָגט הויך און ריין, אַז אַלע זאָלן הערן:

„מיינע דאַמען און הערן. דער מענטש וואָס ליגט דאָ איז פולשטענדיק אָסיפיצירט — דאָס הייסט פאַרשטיינערט. ער איז שוין קראַנק 4 יאָר, אָבער ער ווערט אַלע מאָל שלאַפער — דער לעצטער אַטעסטאַט פון דאָקטער באַווייזט, אַז ער קען נאָך לעבן

העכסטנס 8 ביז 10 כאַדאָשים... די פאַרשטיינערונג וועט אים צו־קומען צום האַרץ — איז ער פּאַרטיק. דאָס איז אַ פאַקט, מיינע דאַמען און הערן... „מיסטער דזשעי" (דער קראַנקער) וועט אייך אַליין זאָגן אַ פּאָר ווערטער."

מיסטער דזשעי (לייגט אַוועק דעם פּאַפּיראָס, הוסט זיך אויס און רעדט):

— מ'האָט אייך שוין געזאָגט. איך קען לעבן נאָך העכסטנס פון 8 ביז 10 כאַדאָשים, ביז ס'עט צוקומען צום האַרץ. ליידיס ענד דזשענטלמען, קויפט מיינע פאָטאָגראַפיעס, 15 סענט אַ שטיק, 15 סענט אַ שטיק — קויפט...

:: :: ::

אַף בראָדוויי:

דער באַנאַנע־מאַגנאַט אָלדמאַן עסט זיין „לאָנטש" שטייענדיקער־הייד, אין אַ קאַפע לעבן דער בערזע. ער שלינגט גאַנצע שטיקער, ווייסט נישט וואָס ער עסט און וואוהין זיין שפּייז גייט. ער איז יונג־פאַרעלטערט, דין ווי אַ נאָדל, און דיספּעפּטיש־זויער. זיין וואונטש איז צו האָבן אַ סאַך, אַ סאַך... אָבער קיינמאָל האָט ער נישט קיין סאַך, שטענדיק האָט ער אַביסל ווייניקער ווי אַזויפיל, אַז מער קען שוין נישט זיין. דאָס איז ווייניק, ער מוז האָבן אַ סאַך, אַ סאַך... וואָרים זינט דער באַנאַנע־מאַגנאַט האָט אָנגעהויבן פלינק רייך־ווערן איז ער שטענדיק אָרעם. רייך איז ער געווען, ווען ער האָט פאַרמאָגט די ערשטע צען טויזנט דאָלאַר! דעמאָלט איז ער געווען אַ שטאַרק רייכער, צווישן שטאַרק־אָרעמע. שפּעטער אָבער, אַז ער האָט שוין געהאַט 50 טויזנט דאָלאַרן, איז ער שוין געווען אַן אָרימאַן צווישן נגידים. אַז ער האָט געהאַט 200 טויזנט, איז ער שוין אָפּ'סניי געווען אַן אָרימאַן צווישן מיליאָנערן. אַז ער האָט שוין געהאַט אַ מיליאָן, איז ער געווען אַ קאַבצן צווישן — ראָקע־פעלערן, פאָרדן, מאָרגאַנען... איצט, אַז ער האָט שוין צענדליקע מיליאָנען, איז ער אַ בידנער אָרימאַן... צווישן דער כאַפּטע אומ־געזעטיקטע אַפּעטיטן זיינע.

דער באַנאַנע־מאַגנאַט עסט אַן עפּל מיט סמעטענע, שלינגט־איין די קערלעך, דערוואָרגט זיך שיר. ס'באַזעצט אים מיט שוויים, ווישט ער זיך אָפּ ס'מויל, נעמט צענויף די לאַנגע, סקריפּעדיקע פיס, הויבט זיך אויף, באַצאָלט דעם קעלנער. דערנאָך נעמט ער אַרויס אַ קליין נאָטיצביכל פון קעשענע און מיט אַ דין, גרין בלייפעדערל, וואָס ער ציט אַרויס פונעם ביכל־ראַנד, שרייבט ער אויף אונטערן בוכשטאַב

„ל" (לאַנטש): „מאָנטיק, דעם 17טן אויגוסט, געגעסן מיטאָג."

דאָס טוט ער, קעדיי ער זאָל געדענקען אַז ער האָט אָפּגעגעסן, און ער זאָל נישט גיין נאָכאַמאָל עסן, אָדער פאַרקערט: אַמאָל אינ־גאַנצן נישט עסן קיין מיטאָג, ווי דאָס פּלעגט אָפט פּאַסירן, איידער ס'איז אים איינגעפאַלן דער געדאַנק צו פאַרצייכענען אין „מעמאָ־ראַנדאַ" יעדן אָפּגעגעסענעם מאָלצייט.

מעשוגאַאַס? ניין. בראָדוויי־גייסט, אומזין פון איבער־קאָלאָ־סאַליטעט — פון אַ כאַיע וואָס קען צוליב איר פעטן בויך קיין געשלעכט־פרייד נישט געניסן, און צוליב איר מיליאָנען־מעטער־לאַנגן האַלדז קיינמאָל דעם גענוס פון פאַרדייאונג און פון זעטונג נישט האָבן...

:: :: ::

געלט — „דזשעקסאָן סמיט האָט די ווערט איבער 9 מיליאָן".

ס'רעדט זיך אַזוי 9 מיליאָן.

ס'רעדט זיך נישט. ס'איז עמעס. ער האָט דאָס געלט געמאַכט אין „ריעל עסטייט", אין גרונט־באַזיץ, אין הייזער.

ווי אַזוי האָט ער עס געמאַכט?

מיט דעם, וואָס ער איז מער אידיאָט, ווי די געוויינלעכע בראָדווייער ספּעקולאַנטן. האָט אים די פירמע „האַרמאַן, ריד ענד קאָ." אַריינגעשאַכערט אַן אינדזל לעבן דעם „ראָקאַוויי־ברעג" פונעם יאַם... דער אינדזל איז בּאַ הויכן וואַסער־צופלוס געווען מער ווי אַ העלפט אונטערן וואַסער. נאָר „האַרמאַן, ריד ענד קאָ." האָט אים געוויזן דאָס שטיק ערד אין צייט פון אָפּפלוס. יענער אידיאָט האָט געקויפט און איז רייך געוואָרן.

ווי אַזוי?

דורך אַ צופאַל. דער יאַם, ווי עס טרעפט אַמאָל, האָט אָפּ־געטראָטן אַף אַ זייט — אים איז מיעס געוואָרן דאָס שטיקל ווינקל אַף דעם „ראָקאַוויי", וואו ער פלעגט זיך שלאָגן קאָפּ אָן וואַנט, און קיינער האָט אַף אים נישט געקוקט, ווייל אַלע וואָס וואוינען אין „ראָקאַוויי־פּאַרק" זענען פאַרנומען מיט פּינאָקל, „פערד־געיעג", טענים, ווייבער, מאַנצביל, ראַדיאָס, הינט... וואַרפן באַלן אַף „נעגערס".

וואָס איז דאָס אַזוינס „וואַרפן באַלן אַף נעגערס"?

אַזאַ צייט־פאַרטרייב פאַר ווייסע דזשענטלעמענער און לײדיס. אין אַ דראָטן־געוועב, ווי אַ פּאַוויטיניע, איז אין מיטן אַ לאָך. דורך דעם לאָך שטעקט זיך אַרויס אַ בראָנזענער נעגערשער קאָפּ.

„ווייסע לייט" צילן מיט א שווערן באָל צו טרעפן דעם נעגער אין קאָפּ אריין. יענער פינטלט מיט די אויגן בא יעדן מאָל, וואָס מ'צילעוועט זיך, — פייער איז אים אין די אויגן־ווייסלעך. אז מ'גיט א שליידער דעם באָל, טוקט זיך יענער אַזוי, אַז בלויז זיין שעידל איז אויסגעשטעלט דער געפאַר פון צעבראָכן ווערן. דער „ווייסער", אָדער די „ווייסע", צילט מיט סינע און מיט ספּאָרט־ביישעק. ס'ראָוו טרעפט מען נישט, ווייל דאָס אויג איז נישט ריין און די האַנט איז נישט אַזוי פּרימיטיוו־פּיילנבויגנדיק, ווי בא די עלטערע ווילדע שוואַטים... דעמאָלט לאַכט דער נעגער מיט ציין און אויגן, ליפּן הענגען ווי זיגער־פּאַנען איבער א פעסטונג פון בלאַנק־העלע גראַנאַטן... די שאַרפע, רויטע צונג שטעלט זיך אַרויס... דער „ספּאָרטסמאַן" שליידערט ווידער, צערייצט פון נעגערס כוצפּע, שליידערט און צאָלט פאַר יעדן שליידער 5 סענט... אַף דעם איז אויסגערעכנט אַט־דער עכט־אַמעריקאַנישער שפּיל. א מיסכער מיט נעגער־קעפּ און מיט איבלדיקן שאָוויניזם.

:: :: ::

און וואָס טוט דזשעקסאָן סמיט מיט זיין געלט?

ער „לעבט א גוטן טאָג", דאָס הייסט ער טרינקט „קאָקטעילס", ברוינעם סאָם מיט אינגבער־וואַסער און צעקלאַפּטע שטיקלעך אייז... עסט, עסט, עסט אָן א שיעור... זיין ווייב לאָזט זיך מאַכן אַלע נייעסטע אָפּעראַציעס, וואָס זענען די סאַמע לעצטע מאָדע פון „דזשאָנס האָפּקינס שפּיטאָל" אין באַלטימאָר. די קינדער — א טאָכטער פון 18 יאָר און א זון פון 22 — זענען ביידע זייער פאַר־נומען: זי — מיט כאַפּן א כאָסן, ער — מיט אַרויסדרייען זיך פון קאַלעס. זי, „פּרענס", א זשאַוועער־בלאָנדע, מיט דער הילף פון אַפּטייק און קרייזל־אַפּאַראַטן, האָט זיך די שטערן־ברעמען אויס־ראַזירט, אונטערגעפּירט אַף דעם אָרט פון די ברעמען עפּעס האַלב־לעוואָנעדיקעס, פאַלשס, נישט רויטס, נישט בלויס, נישט שוואַרצס... צוויי צאָן־לעכער זיך אָנגעפּילט מיט בריליאַנטן (די אַרבעט האָט געקאָסט העכער זעקס טויזנט דאָלער)... אַנדערע פּלאָמבירט מיט גאָלד, מיט זילבער... דער צאָן־דאָקטאָר האָט גאָר געזוכט אַן אָרט אין איר מויל, וואו אָנצוטשעפּען גאָלד מיט בריליאַנטן... ווען „פּרענס" זאָל קענען זיך אָפּשניידן די פיס און אָנטאָן גאָלדענע, ווען זי זאָל קענען איר „בלינדע קישקע" אָנפילן מיט רובינען, איר אינגעווייד מיט מיזרעך־שטיינער אויספּלאַסטערן — ווי גליקלעך וואָלט זי דאַן געווען!

דער זון „ענדי״ איז פארנומען מיט גאָלף, קיצלט א גאַנצן גרינעם זומערטאָג א באַלכל אין אַן ערד־לעכל אריין, טרייבט עס איבער טאָלן און בערגלעך, צום ציל. אַן אומזיניק־טעמפּער שפּיל, איבער א גרין פעלד, דורך געדופט און בלי־גלאַנץ, דורך דיזל־רוף פון טייכלעך, אָנשפּאַן פון ווינטיקע פידלען, צישן קלעווע, קראָקוס און טייפל־פינזלעך.

די מאַמע, „אָלד לידי, מיסעס האַוועלאָק ענדרו דזשעקסאָן־סמיט״ (פריערט: „ענדי סמיט״), פּאָרט ארום אין די וואָרים־בעדער פון דער גאַנצער וועלט, לאָזט זיך פון גרויסע דאָקטוירים מיט שיינע פראַנצויזישע בערד, וואָס צעשיידן זיך אין דער מיט מיט א שרינט, — אָנטשעפּען אַלערליי קראַנקהייטן, פון וועלכע זי איז דערנאָך, פאַרשטייט זיך, מעכויעוו זיך צו לאָזן היילן. פון יעדן פרעמד־לענדישן קוראָרט ברענגט די מיסעס „האַוועלאָק ענדרו דזשעקסאָן־סמיט״ אהיים א פּאָר פאַרגרייזטע פרעמד־ווערטער — דער איקער די נעמען פון שפּייז און די ביים־האָקיסע ווערטער, וואָס ווייבער פון איר קלאַס שושקען זיך אין די אויערן און ביקען דערביי: „ווי אַזוי הייסט עס אַף פראַנצויזיש? און אַף אונגאַריש?... און דאָס פאַרקערטע ווי אַזוי הייסט? און ווי אַזוי זאָגט מען אַף רומעניש? און אַף שפּאַניש?״...

יאָ, מיסעס „האַוועלאָק ענדרו דזשעקסאָן־סמיט״ איז געוואַקסן אינאיינעם מיט איר געלט. געוואָרן וועלט־דאַמע. סטיליזירטע, גרויס־וועלטיקע פרוי, וואָס קען פּאַטשן אירע לאַקייען, זיך אָנשיקערן ביז איר איינגעווייד האָט נישט קיין קויעך איבער דעם שפּייז־אינהאַלט. קען האַלטן א לאָרנעט באַם אויג, פעבער באַם פּאָנים, זיך שטענדיק לאָזן קנעטן און פּאַטשקען פון מענער־מאַסאַזשיסטן, גלייך ווי איר לייב וואָלט געווען א שטיק לאָקשן־טייג.

פון די קוראָרטן ברענגט די מיסעס „האַוועלאָק ענדרו דזשעקסאָן״ אויך אהיים אַלערליי געפּעלשטע קונסט־זאַכן, שמאָכטעס, וואָס האָבן קיין טאַאַם און קיין רייעך נישט. און זייער איינציקע מאַילע איז, וואָס זיי קאָסטן א סאַך געלט — אַנגעדענקען, פאָטאָגראַפיעס פון זיך אַליין אין טויזנט געשטאַלטענישן, פון אירע הינט, פון איר קאַץ, פון איר קנאַטערדיקן פּאַפּוגיי.

און נאָך עפּעס ברענגט זי אָפּט אהיים פון די וואָרים־בעדער, וואוהין זי פאָרט זיך קנעטן און וויקן און היילן: נייע אינפעקציעס, נייע אַרבעט פאַר אירע געניקאָלאָגן...

:: :: ::

אַזאַ גנעניקאָלאָג איז דער בראָדווייער דאָקטאָר...

גנעלערנטע מינע, ווייזהייט־ברילן, אַ גערויש פון ווייסע לייוונט, אַ גנעפינקל פון ניקל־אינסטרומענטן, אַ צעטומלונג פון דופטן שווערע, מיסטישע...

אין אַ זייטיקער גאַס, ערגעץ אין ברוקלין, וואוינט דער גרויסער מעדיקער, וואָס האָט 30 יאָר אָפּגעגעבן דער מעדיצין. דער שטילער, באַשיידענער, נישט־דערפּאָלגרייכער מענטש, דער פּאַך־קענער און צווייפלער, וואָס נעמט זיין ארבעט אַזוי ערנסט און שווער, און שטענדיק מיט הארץ־שרעק און מיט פאָרשונג־צאַר — באַ אים אין „אָפיס" זענען זעלטן מער ווי 2־3 פּאַציענטן, אָרימע, וואָס קענען קיין סאַך נישט באַצאָלן, קענען צו די באַרימטע דאָקטוירים נישט גיין.

דער דערפאָלגרייכער איז אַף — בראָדוויי. זיין קאָבינעט איז —אַ געלט־פאַבריק. דאָס רויע מאַטעריאַל איז: מענטשלעכע יעסורים, אויסגעטראַכטע און עמעסע, אַגאָניעס, טויט־אַנגסטן, דער טויט אליין...

:: :: ::

דער טויט אליין איז אויך געשעפט — אַף בראָדוויי.

„נאָל און קאָמפּאַני", די באַרימטע באַגרעבער־פירמע, רעקלאַמירט איבער גאַנץ פילאַדעלפיע און די שטעטלעך אַרום, איר סכוירע: אַ מעטאַלענער קאַסטן, וואָס זשאַווערט נישט און לאָזט נישט דורך קיין וואַסער.

אַף דער רעקלאַמע איז אַ האַנט מיט אַ פינגער. דער פינגער (ציינ־פינגער) טייטלט אייך אַנטקעגן אין פּאָנים אַריין, און די אונטערשריפט אונטער דער האַנט איז:

Prepare to meet thy God—in a Knoll & Co. Casket

דאָס איז איבער אַ גאַנצער שטאָט אויסגעפּלאַסטערט! די שענדונג פון טויט־און־לעבן איז לעגאַליזירט. אַמעריקאַנער רעקלאַמע... לויט דער עטהיק און אינעם גייסט פון דעם „אויבערשטן קוני־איילאַנד" — פון בראָדוויי.

די באַגרעבער „נאָל און קאָ." מאַכן באַגרעבער־אויסשטעלונגען, קאָנפערענצן פון אַלע „אַנדערטייקערס ענד עמבאַלמערס" פון גאַנץ אַמעריקע. אַף די צונויפפאָרן ווערן אַרומגערעדט פראַגעס פון עקאָנאָמיע און... באַגרעבונג און ערד־שעטאַך. (איינער האָט אַריינגעטראָגן אַ פּראָיעקט, אַז מ'זאָל באַגראָבן די טויטע שטייענדיקער־

הייט, ווערטיקאַל, קעדיי עס זאָל פאַרנעמען ווייניקער ערד. דער פּאָרזיצער, מר. קלינטאָן דזש. נאָל, האָט געזאָגט: „די נאָבעלע אַמעריקאַנער ראַסע וועט קיינמאָל נישט איינגיין דארויף".)

אַף די סכוירע־אויסשטעלונגען פון די באַגרעבער און באַל־זאַמירער ווערן דעמאָנסטרירט אַלערליי באַלזאַמיר־וואַסערלעך, טויטן־קאַסטנס, מיט זייד געבעט און מיט סאַמעט, און מיט כוואַליעדיקע, ווייכע קאָפּ־קישעלעך. די אָרימע ליט ווערן דאָ אויך נישט פאַרזען: פאַר זיי זענען פאַראַן אַנדערע טויטן־קאַסטנס, אַ ביסל האַרטלעך, אָן סאַמעט און אָן זייד, אָן בראָנזענע שלעסער. דערפאַר ביליק און שטאַרק, און אַז מ'געוואוינט זיך צו אין זיי צו ליגן, איז גאָרנישט אַזוי געפערלעך.

בײַ די נעמלעכע סכוירע־אויסשטעלונגען פון די „באַגרעבער־און באַלזאַמירער" („לימיטעד") גייען אַרום יונגע, שיינע מיידלעך אין שיינע, רייכע טויטן־קליידער אָנגעטון. דאָס דעמאָנסטרירן זיי די לעצטע מאָדעס אין טויטן־קליידער... דערביי ווערט געטאַנצט „דזשעז". עס איז אָן אָרגיע מיט פאַרטויבנדיקער מוזיק... די פויק איז אינעווייניק עלעקטריש־באַלויכטן און אַ קונציק שטעקעלע אַף איר מאַכט „בימז"...

דעם גרעסטן פוראָר האָט אַף דער לעצטער אויסשטעלונג גע־מאַכט דער נייער טויטן־קאָסטיום פאַר מענער, וואָס איז אויס־געקלערט געוואָרן פון איינעם אַ מר. דזשעליקאָ. דער דערמאָנטער קאָסטיום האָט באַוויזן אַ זעלטענעם כוש פאַר עקאָנאָמיע און „עפישענסי" (איינשפּאָרעוודיקייט). עס איז בלויז אַ העלפט פון אַ קאָסטיום — דאָס הייסט: די אונטערשטע (פּלייצעדיקע) העלפט פעלט אינגאַנצן. דער רוקן פון מעס איז נאַקעט, נאָר דער פאָרנט איז באַצירט מיט אַ ווייס־געקראָכמאַלעטן העמד, מיט פּערלמוטערנע ברוסט־קנעפּלעך, שיינע לאַנגע הויזן, שיך (גאַנצע), אַ פיינער, שוואַרצער ראָק. דאָס אַלץ איז געמאַכט מיט דער אויסרעכענונג, אַז אַזוי ווי אַ מעס האָט נישט קיין טעווע זיך איבערצודרייען אַף דער אַנדערער זייט, דעריבער מעג דער רוקן בלייבן אינגאַנצן נאַקעט. דער פאָרנט אָבער מוז זיין פּאַראַדנע און שיין־געפּאַסט. דערצו איז נייטיק דעם קאָסטיום צוצוקלעפּן צום גוף פון דעם טויטן. דאָס איז זייער לייכט — אַ דעמאָנסטראַטאָר, אַ פאַכמאַן האָט געוויזן, ווי אַזוי: אַף אַ לעבעדיקן יונג טאַקע, וואָס איז געלעגן אין אַ ביליקער טרונע און געשפּיגן קיי־טאַבאַק איבער די ברעגן...

:: :: ::

היינט איז די „מיסעס האוועלאָק ענדרו דזשעקסאָן־סמיט" בא א גרויסן דיאַגנאָסטיקער, וואָס דאַרף באַשטימען וואָס פאַר אַן אָפּעראַציע זי דאַרף האָבן.

דער גרויסער דאָקטאָר האָט באַטאַפּט די מאַדאַם „האוועלאָק ענדרו דזשעקסאָן־סמיט" מיט פינגער, מיט פּאַנים, מיט באָרד, האָט זי צעקלאַפּט מיט קליינע, כיינעוודיקע קלעפּעלעך, — געזוכט בא איר אינעווייניק, ווי עס וואָלטן דאָרטן געוואַקסן דימענטן. דערנאָך האָט ער זיך געגלעט די לענגלעכע, שיינע באָרד, וואָס איז געהאַנגען ווי אַ ניסים — גערעדט מיט דער מאַדאַם „האוועלאָק ענדרו דזשעקסאָן־סמיט" וועגן דריזן, לימפּאַלאָגיע, דערציילט די וואונדער, וואָס די מעדיצין האָט אויפגעטון אין די לעצטע פינף יאָר, און אין דער זעלבער צייט זי איבערגעקערט אַף דער לינקער זייט, איר גע־הייסן איינהאַלטן דעם אָטעם.

מיט אַ 40 מינוט שפּעטער איז די מאַדאַם „האוועלאָק ענדרו דזשעקסאָן־סמיט" געזעסן אין דעם גרויסן דאָקטאָרס גאַסט־צימער. די לאַנגע ווייסע קאַבינעט־טיר האָט זיך שווער צענויפ־געשיבט אין צוויי דערגאַנצנדיקע העלפטן.

דערנאָך האָט דער „גרויסער דאָקטאָר" גערעדט דורכן טעלעפאָן זייער שטיל, און אַף פראַנצויזיש:

— איך ראָט צו מאַכן אַן אָפּעראַציע.

פון יענער זייט טעלעפאָן האָט מען געפרעגט:

— אַף וואָס?

— איך ווייס אַף וואָס? אַף וואָס עס איז! זי איז אָנגעגעגוזעט מיט געלט, די כאַזערטע.

אין אַ וואָך אַרום איז שוין די מאַדאַם „האוועלאָק ענדרו דזשעקסאָן־סמיט" געלעגן אַ צעקאַליעטשעטע, מיט כאַלאַשעס אין קאָפּ, און צוויי קראַנקן־שוועסטער האָבן איר גענעצט די ליפּן מיט פייכטע טיכלעך.

:: :: ::

זינט „האוועלאָק ענדרו דזשעקסאָן־סמיט" האָט אַזוי באַגליקט אין געקויפטן אינדזל, וואָס דאָס וואַסער איז פון אים אַנטלאָפן, האָט ער גענומען זיך רייבן צישן די „מעכטיקע און גרויסע". אָנ־געהויבן זיך לערנען גוטע מאַניערן, אויפגעהערט „אויפּציליען בעב־לעך אַפן מעסער" אַז ער האָט געגעסן „פּאָרק ענד ביענס" (כאַזער מיט בעבלעך) — און ביכלאַל אויפגעהערט צו עסן אַלצדינג, צו וואָס ער איז געווען געוואוינט פון אירלאַנד אויס, בא זיינע אָרימע

עלטערן אין שטוב, און גענומען עסן אַזוינע זאַכן, וואָס אײדעלע, רײַכע און געבילדעטע לײַט עסן, — און געטרונקען האָט ער אויך נישט מער קײן „לאַגער־עיל" — אַזאַ ביטער, שוואַרץ ביר, נאָר שאַמפּאַניער, וואָס האָט געהאַט אַ טאַם ווי זאָדע־וואַסער. קאָניאַק און דובינעי האָט ער אויך נישט ליב געהאַט. די ווײַבערשע, „קאָק־טעילס" אַוואַדע נישט — נאָר וואָס האָט ער געקענט טון? — אַז „גאָט" האָט אים געהאָלפן מיט אַזוי פיל געלט!

פאַרבראַכט האָט „האַוועלאָק ענדרו דזשעקסאָן־סמיט" זײַן צײַט אין די רײַכע קלובן, אין די גרויסע, טיפע, לעדערנע זעסלען. די פיס אַרויפגעהויבן צום „קאַמין", אָדער אַרויפגעלײגט אויף אַ זעסל: מיט אַ ביטערן רויך־פּלאָקן אין מויל, איז ער געזעסן אין דער לע־דערנער, טיפער שוים פון דעם פעטן, קילן, ווײַבערהאַפטיקן פאָטעל — מיט די פיר געטאָקטע פיס — און געטראַכט:

„איך, איך! האַוועלאָק, האַוועלאָק! ענדרו, ענדרו! דזשעק־סאָן־סמיט, דזשעקסאָן־סמיט!" — —

איז אַרײַנגעקומען אַ הויכגעשטעלטער ריכטער — מיט אַ גרויען קאָפּ און אַ יונג פּנים — אים אַ קלאַפּ געטון אויף דעם ברײטן אויבער־אָרעם (צו דער פּלײצע האָט ער נישט געקענט צוקומען. דער „קאָפּ" פון לעדערנעם זעסל איז געווען מיט אַ קאָפּ העכער ווי דעם זיצערס). און געזאָגט:

— העלאָ, ענדי! —

— העלאָ, דזשאָדזש!

און צו דעם „גרויסן מאַן", וואָס האָט נישט לאַנג צוריק זיך „געליבט" מיט זײַן יונג־ווײַב, און וואָס איז איצט געזעסן אויף אַן אַנדערן זעסל, נישט ווײַט פון „ענדי'ס": —

— העלאָ, דאָק! (אָפּגעקירצט פון „דאָקטאָר").

— ...לאָ, ...אָדזש!

באַלד זענען אַלע דרײַ געשטאַנען בײַ דער „באַר", געטרונקען פון הויכע, אײדעלע גלאָזבעכערס אַזוינע געטראַנקען, מיט צעקלאַפּט אײַז, וואָס דער „באַר־טענדער" האָט פריער טיכטיק און קישעפדיק צעשאָקלט אין צוויי ניקל־בעכערס.

דער ריכטער האָט גערעדט וועגן „פּראָהיבישאָן", געכויזעקט פונעם געזעץ, וואָס פאַרווערט מענטשן צו טון וואָס זײ טוען סײַ־ווי־סײַ — און נאָך מער ווען ס'איז פאַרבאָטן.

אַלע האָבן געלאַכט. „ענדי" האָט אָנגענומען אַ פולן בויך מיט פעסלדיקן געלעכטער און עס אַרויסגעקאַטשעט דורכן האַלדז. דער

„דאק" האָט געלאַכט אַזוי, אַז ער זאָל נישט קאַליע־מאַכן זיין באָרד, וואָס קאָסט אים העכער 5 דאָלער אַ וואָך — פאַרבן, שערן, קרייזלען און סמאַליען — און דער ריכטער האָט געלאַכט מיט גרויסע, מעשענע פּאַסאַליעס איבער אַ בלעך...

— דעם אַנעקדאָט האָט איר שוין געהערט? — און ער האָט גענומען דערציילן דעם פּיקאַנטן אידישן אַנעקדאָט, וועגן אַ כאָסן, וואָס האָט אַ הילצערנעם פוס און די קאַלע ווייסט דערפון נישט. — ווידער געלעכטער.

ווידער קלינגען די ניקל־בעכערס. עס רוישט דאָס צעבראָכענע אייז...

ענדי זאָגט:

— דזשאָרדזש, איך וויל פון אייך אַ טויווע: אין אייער געריכט דאַרף היינטיקן כווידעש פאָרקומען דער פּראָצעס מיט שאַכנע מאַגיסאָן — וועגן „עמבעזלמענט" (געלט־באַטרוג)... זעט, וואָס איר קענט טון, דזשאָרדזש... איר ווייסט דאָך... דער מאַגיסאָן איז אונדזערס אַ מענטש. — —

— מיר'ן זען, ענדי.

דער ריכטער קלאַפּט אים אָפּן פּלייצע ברודעריש, גוטמוטיק:

— דערפאַר וועלן מיר זען, אַז איבער־אַ־יאָר באַ די שטאַטישע וואַלן זאָלט איר אַריין צוריק אין אַמט — מיט אַ קנאַק...

— דהאַט'ס גוד, טהענק יו!

און ענדי צום דאָקטאָר:

— ווהאַט דו יו סעי, דאָק?

— נאַטירלעך — קיין בעסערן מענטש אויף דער „בענטש" (ריכטער־שטול) ווי דעם דזשאָרדזש דאַרפן מיר נישט. — —

— לעט האָר גאָו!

— פאַר אונדזער הערלעך לאַנד!

באַנאַכט גייען אַלע דריי הערן אויף אַ „רויכער־פאַרווײלונג" — אַ „סמאָוקער".

גיסט זיך ווײן און בראַנפן, און דיקע רייד און אומזין, און געשלעכט־כוויזעק, געשלעכט־מאַלפּעריי.

מ'ענדיקט מיט דער אַמעריקאַנישער נאַציאָנאַלער הימנע. — מ'גייט אַהיים.

ווער — צו ווייב און קינדער, וואָס קוקן אויף דעם טאַטנס „גיין־צו־אַ־סמאָוקער" ווי אויף אַ פיינער פּאָסיקער זאַך...

אַנדערע לאָזן זיך אַוועק איבער די נאַכט־הייזער פון בראָדוויי,

וואו לײדיקער, אויסגעלאָשענער זנוס שימערט ווי א טויט אויג פון א פיש...

... פון דער וויטן ברענט ס'פּאַקעל, בא דער שטיינערנער פרוי אין דער האַנט —

שיפן וויינען דער האַנט אַנטקעגן...

אפן יאַם גרילצט א סירענע.

דאָס „צייכן־גלעקל" אַף דעם הוידעלדיקן פּאַס־מיט־דער־קייט, וואָס שטייט באַם „קעסל־גאַרדן", זאָגט אַן דער נאַכט, און די „שוגאַר־דעדיס" אַף בראָדוויי און די „פּלעי־באָיס" און די „דזשאָ־דזשעס" און די „דאַקס" און די „ענדיס":

— היט זיך, היט זיך, היט זיך!

:: :: ::

„שאַכנע מאַגיסאָן איז פריי!"

אַלע בלעטער האָבן זיך צעריסן מיט דער סענסאַציע, געלויבט די ריכטער — געוויזן, אַז דאָס געזעץ מוז אָפּגעהיט ווערן, אונטער אַלע אומשטענדן, און אַז מיט גוטע סענטימענטן איז גאָרנישט צו מאַכן.

דיזעלבע בלעטער האָבן ערשט מיט דריי כאַדאָשים קריק געשריבן, אַז מ'דאַרף דעם „שאַכנע מאַגיסאָן" כאַטש זעצן אַפן עלעקטרישן שטול, פאַר בארויבן די מאַסן. — —

וואָס־זשע איז שאַכנע מאַגיסאָן באַגאַנגען פאַר א פאַרברעך? גאָרנישט. ער האָט באַשווינדלט אָרימע מענטשן אַף עטלעכע מיליאָן דאָלער — — א זאַך, וואָס ווערט געטון אַלע טאָג פון אַלע טעג, דאָ, אין ניו־יאָרק, אין שיקאַגע, אין פּיטסבורג, אין דעטראָיט, אין קליוולאַנד, אין פריסקאָ.

נישט מער: שאַכנע מאַגיסאָן האָט עס געטון — קליגער, האָט עס אַלעמען פאַרדראָסן...

דער איקער האָט מען נאָך נישט געוואוסט אַף זיכער, צי האָט אים זיין שווינדל אריינגעבראַכט מיליאָנען טאַקע — ווי מ'זאָגט — צי ס'איז בלויז א קלאַנג. ס'קען דאָך זיין, אַז ער האָט בלויז פאַרדינט דערביי א לומפּיקע פופציק טויזנט דאָלער... אויב אַזוי: איז ער א געמיינער, א געפערלעכער שווינדלער!...

היינט — נאָכן פּראָצעס — ווייסן שוין די בלעטער, אַז שאַכנע מאַגיסאָן איז א גרויסער מענטש — פערטהאַלבן מיליאָן „פאַרדינט"...

פון געבן אים לעבענסלענגלעכע טפיסע איז, פאַרשטייט זיך, שוין איצט אָפּגערעדט. פאַרקערט: עס קען נאָך אַמאָל זיין, אַז

מיסטער שאכנע מאגיסאן זאל אין די קומענדיקע וואלן, „לויפן" פאר... „ריכטער".

אזא זשעניע!

:: :: ::

ווי אזוי שאכנע מאגיסאן װענדט־אן זיין געניאליטעט — מעג פארצייכנט ווערן:

ער פארט אוועק אין א שטעטל, אן ארעמס, א בלאטיקס, ווייט פון אן אייזנבאן, פארפארט אין דעם איינציקן האטעל, וואס דארטן איז דא. מיט א סעקרעטארשע און מיט א שרייב־מאשין, און מיט אן אייגענעם ראדיא — פארט ער אף א גרויסן אווטאמאביל צום האטעל, דינגט אפ אלע צימערן, וואס ס'זענען דא, באשטעלט רייכע מאלצייטן, מיט אזוינע שפייז, וואס דער האטעליער מוז ברענגען פון מיילן ווייט...

און די שרייב־מאשין קלאפט, און דער „ראדיא" ארבעט... און דער גרויסער אווטאמאביל — וואס האט די ווערט צוואנציג טויזנט דאלארן — שטייט אין דרויסן און מיסטער מאגיסאן נעמט ארוים פון קעשענע א פלייט און הייבט אן פייפן.

הייסט עס: א מעשוגענער מיליאנער, וואס האט קאפריזן — און שפילט אף א פלייט.

אפגעוועון אין שטעטל עטלעכע טעג, לאזט דער „מעשוגענער מיליאנער" רופן צו זיך אלע „גרויסע לייט" פונם שטעטל, דעם ראוו און דעם גאלעך, דעם בירגערמייסטער און דעם „דזשאדזש". ער גיט זיי א גוטן מיטאג, מיט וויין און מיט טייערע ליקערן, און ער זאגט זיי, אז ער האפט אינגיכן גליקלעך צו מאכן זייער שטעטל „אשקאש".

מער גארנישט.

אלע קלאפן בראווא.

מ'האלט רעדעס, מ'לויבט דעם „פרעמדן". דער גאלעך זאגט, אז מיסטער שאכנע מאגיסאן איז געגליכן צו...

און ער שקראבעט־אוים עפעס אן „אפאסטל" פונעם נייעם טעסטאמענט.

דער ראוו באווייזט, אז מיסטער שאכנע מאגיסאן איז נישט בלויז א גרויסער פילאנטראפ, נאר אויך — ווי אין פאסעק שטייט...

און ער ברענגט א פאסעק פון אלטן טעסטאמענט.

דער שענקער, דער ריכטער, דער „פייטער", דער „פאליטישן" — אלע האלטן רעדעס, באשפריצן דעם „פרעמדן" מיט פאלשע

ווערטער־בלומען און מיט עמעסדיק שפּייעכץ.

שאַכנע מאַגיסאָן איז גערירט, נאָר קיל און נאָבל.

ער זאָגט נאָר: — אין אַ פּאָר טעג אַרום, וועט איר וויסן מיינע פּלענער.

און ער פרעגט זיך נאָך, ווער פאַרמאָגט דאָ, אין אַשקאַש, אַ סאַך ערד — נאָר טאַקע גאָר אַ סאַך. וואָס מער איז בעסער.

זאָגט מען אים:

„היקאָרי ביל — דער טויבער".

פאַרצייכנט ער אין אַ ביכעלע: „היקאָרי ביל, דער טויבער".

צומאָרגנס קריכט דער גרויסער רייטוואָגן מיט דער שרייב־מאַשין און מיטן ראַדיאָ און מיט שאַכנע מאַגיסאָן, וואָס האַלט די פּלייט אונטער דער פּאַכווע — איבער די בלאָטיקע וועגן, צו „היקאָרי ביל".

„היקאָרי ביל" איז נישטאָ אין שטוב. די טיר איז אָפן. אַ הונט האַוועט. אַ האָן פּלירטעוועט מיט אַ הון...

און עמער קאַפּעט — איבערן ראַנד פון אַ ברונענדל.

„הי—קאָ—רי בי—ל!"

היקאָרי ביל קומט צוגיין, מיט דעם גראָב־אייזן אין האַנט, זיין ווייס פאַרטוך־בערדל פלאַטערט אַביסל, זיין גרויסער שטרויענער קאַפּעליוש איז אונטערן אָרעם.

— גוטמאָרגן, דזשענטלמען. וואָס קען איך טאָן פאַר אייך?

היקאָרי ביל רעדט זייער הויך, ווייל ער איז טויב, שטעלט זיך אַוועק מיטן פוס אַף זיין גראָב־אייזן, שפּייט־אָן אַ בערגעלע לעדער־ברוינע שפּייעכץ פון קיי־טאַבאַק און וואַרט ביז יענער מיט דער פּלייט אונטער דער פּאַכווע קריכט אַרויס פון אַווטאָמאָביל.

— וויפיל ערד האָסטו, פּאָפּ?

— ערד?

— ערד!

— גענוג. צופיל.

ער ווייזט מיט דער האַנט — ביז צום ברעג־הימל — בלאָטיק, שטיינערדיק, זומפּיק פעלד.

— מיינס!

— פאַרקויפן וואָלסטו געוואָלט, פּאָפּ?

— פאַרוואָס נישט? — ס'זאָל נאָר זיין אַזאַ נאַר, וואָס זאָל וועלן עס קויפן!

— איך וועל זיין דער נאַר!

שאַכנע מאַגיסאָן נעמט אַ טאָן אַף דער פּלייט. זיין „מאַשי־

ניסטקע״ פודערט זיך די נאָז אין א האַנטשפּיגעלע, אפן ראַדיאָ אין אווטאָמאָביל האַלט אַ גאַלעך אַ דראָשע וועגן „די היים, די פרוי און די קירך״.

„היקאָרי ביל״ נעמט אַרויס פון די געשטרייפטע אָוועראָל־הויזן אַזאַ אויער־טרובע, שטופּט עס אַריין אין לינקן אויער, און פרעגט:

— וואָס האָט איר געזאָגט, דזשענטלמען?

— איך האָב געזאָגט — מאַכט שאַכנע מאַגיסאָן, און טרייסלט אויס דאָס שפּייעכץ פון דער פליט. — איך האָב געזאָגט — איך קויף באַ אייך אָפּ אייער גאַנצע ערד. וויפיל אַקער לאַנד האָט איר?

— 640, דאַכט זיך! — שרייט „היקאָרי ביל„.

— צו וויפיל אַן אַקער?

זעט דאָך היקאָרי ביל, אַז ער האָט דאָ צו טון מיט דעם „מעשוגענעם אידישן מיליאָנער״, וועגן וועלכן ער האָט שוין געהערט. טראַכט ער, טראַכט ער, קראַצט זיך הינטערן אויער, שפּייט, סמאַר־קעט זיך אויס און זאָגט:

— 10 דאָלאַר אַן אַקער!

היקאָרי ביל מאַכט אויף ס׳מויל, ווי ער זאָל זיך וועלן אָפּקילן פון דעם הייסן ליגן, וואָס איז אים אַרויס פון גומען אומגעריכטער־הייט. ווארים דער עמעס איז דאָך, אַז ווען מ׳גיט אים 2 דאָלאַר אַן אַקער איז אויך איבערגענוג, ווייל די ערד איז פול מיט שטיינער, מיט זומפּן און מיט בלאָטע.

גיט שאַכנע מאַגיסאָן נאָכאַמאָל אַ נעם אַ טאָן אַפּן פליט, און זאָגט:

— אָט וועלן מיר אייך געבן אַ פּאַפּיר און איר וועט אונטער־שרייבן. אַלץ איז שוין אויסגעשטעלט. מ׳דאַרף נאָר אַריינשטעלן די ציפערן: די צאָל פון די אַקערס, דעם פּרייז און דעם דאַטום.

— מוירל — זאָגט ער צו זיין „מאַשיניסטקע״, וואָס איז פאַר־נומען מיט פירן אַ רויטן שטיפט איבער די ליפּן, ווי די אונטער־געשטראָכענע לעצטע סומע פון איר שיינקייט.

— מוירל — זאָגט ער אָף אידיש — דערלאַנג די פּעיפּערס, האַריאָפּ!

און ווייזנדיק אָף היקאָרי ביל:

— דער מאַן האָט קיין צייט ניט!

דער אָפּמאַך ווערט אונטערגעשריבן — מיט אַ ריזיק־גרויסער כסימע פון דעם טויבן, היקאָרי׳ס צאַד, אַ פלינק, דריידלדיק ציקל פון שאַכנע מאַגיסאָנ׳ס זייט.

מאגיסאָן נעמט ארויס א טיסטער, באַנעצט איין פינגער און נעמט ציילן די קנאַקעדיקע, פרישע, נייע הונדערטער.

היקאָרי ביל באַלעקט זיך מיט די טויבע אויגן, דאַנקט, דאַנקט, בויגט זיך, בויגט זיך, מאַכט עטלעכע מאָל א האַלב־רייפל אין דער לופט מיט זיין גרויסן, שטרויענעם קאַפעליוש.

דאָס געשעפט איז אָפּגעמאַכט.

„מוירל" קריכט פויל אריין אין אַווטאָמאָביל האַלט זיך צו בא אַן אייגענעם לעקעלע פון קאָפּ, זי זאָל נישט אומפאַלן.

שאַכנע מאַגיסאָן האַלט די פּליים אונטערן אָרעם — קריכט אריין, פאָרט אָפּ א שטיקל וועג, נעמט „מוירל'ען" אַף דער שויס...

:: :: ::

אין טעג ארום:

שאַכנע מאַגיסאָן קויפט אַן אַלטע „מאַהיניע" פון א מאַשין, וואָס מען האָט ביז איצטער אַמאָל גענוצט אַף צו פּאָמפּען אייל, שיקט זי ארויס אַף זיינע „640 אַקער לאַנד" אין אָשקאָש, לאָזט זי דאָרט איבער ערגעץ אין די בלאָטעס, לעבן וואַסערל.

דער מענטש, וואָס ברענגט די מאַשין, האָט אויך מיט זיך א גרויסע קיילע מיט... נאַפט. באַנאַכט, איידער ער פאָרט קריק (אַן דער מאַהיניע), פּילט ער אָן די קליינע זומפּלעך מיט — נאַפט... פאָרט קריק אין שטאָט אריין, וואו שאַכנע מאַגיסאָן באַצאָלט אים פאַר זיין ארבעט...

אַז מאַגיסאָן קומט מיט א וואָך שפּעטער אין שטעטל אָשקאָש, באַגעגענען אים די „אָשקאָשער לייט" מיט גראַבליעס אין די הענט, שרייען: „איד, האָסט אונדז באַשווינדלט!"

שאַכנע מאַגיסאָן איז קאַלט ווי אייז. ער דערשרעקט זיך נישט. ער קריכט ארויס פון דער מאַשין, מיטן פּליים אונטערן אָרעם, און מאַכט — שמייכלענדיק:

— מיט וואָס האָב איך אייך אזוינס באַשווינדלט, הא! לאָז איינער רעדן! נישט אַלע מיטאַמאָל. און ער גיט פּלוצים א געשריי:

— נעמט אַראָפּ די היטלען, גאַדעמיט!

דערשרעקן זיך שוין יענע, נעמען אַראָפּ די גרויסע פאַרמערישע שטרויענע קאַפּעליושן, באַראָטן זיך א פּאָר רעגעס צווישן זיך — ווי גאַנערם — און מ'שטעלט ארויס א רעדנער.

יענער הוסט זיך אויס און זאָגט:

— איר האָט בא אונדזער היקאָרי'ן אָפּגעקויפט לאַנד פאַר

צען דאָלאַר אַן אַקער — לאָזט זיך אויס, אַז דאָרטן איז גאָר... אייל. עמעס, צי ניין?

— עמעס, — מאַכט מאַגיסאָן, — אייל, און גוטער אייל, און אַ סאַך אייל... וואָס־זשע ווילט איר?

דער ראָש־האַמדאַברים קערט זיך צו די אַנדערע און פרעגט שטילערהייד:

— וואָס ווילן מיר?

— מיר ווילן, — זאָגן יענע, — אַז גאַנץ אָשקאָש זאָל געניסן פון דעם... נישט איין מענטש, אַ פרעמדער.

מאַגיסאָן קוקט דערווייל אָפן ביינשפּיצל פון זיין פליט, ווי ס'וואָלט געווען אַ שפּאַקטיוו, פאַרזשמורעט איין אויג, דערנאָך לאָזט ער אַראָפּ דעם פליט, און זאָגט פראָסט, קיל און מענטשלעך:

— נו, גוט, איך נעם אייך אריין פאַר שוטפים. באַ מיר שפּילט עס סיי־ווי אַ קליינע ראָלע. מער מיט לומפּיקע 5 מיליאָן צי ווינציקער. ווער סי וויל קויפן — 200 דאָלאַר אַן אַקציע... האָבן די ווערט העכער טויזנט...

— מוירל דאַרלינג, — זאָגט ער קאַלטבלוטיק צו זיין סעקרע־טאַרשע, וואָס פּודערט זיך די נאָז אין אַ שפּיגעלע, — דערלאַנג די פּעיפּערס.

מוירל נעמט אַרויס פון אווטאָמאָביל אַ פיינעם פּאַק, מיט גאָלד־געשטעמפּלטע, רויט־געזינלטע, ווויכטיקע פּאַפּירן — אַקציעס.

באַלד נעמען זיך ציען הענט, מיט הונדערטערס. מאַגיסאָן נעמט רואיק צו, טיילט אויס די פּאַפּירלעך לאַנגזאַם, פאַרשלאָפן, נישט פאַראינטערעסירט, קימאַט מיט אַ געניץ.

אַז דער יאַריד איז אַריבער, זעצט זיך שאַכנע מאַגיסאָן אַ פוילער, אַ מידער, קריק אין מאַשין. מוירל העלפט אויס־סאָרטיון און צענויפפלייגן „מיטן קאָפּ אַרויף" אַלע אַסיגנאַציעס. מאַגיסאָן בינדט צענויף דאָס היבשע לענגער־ווי־ברייטער פּעקל מיט אַ גומענדל, זאָגט צום שאָופער קאַלטבלוטיק: „פאָרן", לאָזט אַריין דעם פּלאַנק מיט געלט אין דער טיפער אינעווייניקסטער קעשענע פון זיין וועסטל... פאַרפאָרט אַף בראָדוויי צו אַ גרויסן האָטעל מיט מוירלען. פאַר־שרייבט אין גרויסן האָטעל־רייסטער זיין נאָמען: „דזשים ג. וועס־טערהאָפן, ענד וואיף". דאָ האָט ער אָבער אביסל אומאַנגענעמלעכ־קייטן: ער האָט נישט מיט זיך קיין שום באַגאַזש, און אָן באַגאַזש דערלויבט נישט דאָס געזעץ פון שטאָט ניו־יאָרק אַ מאַן מיט אַ פרוי אינאיינעם אין אַ האָטעל־צימער באַנאַכט.

שאכנע מאגיסאָן טראַכט בלויז אַ פּערטל רעגע, דערלאַנגט דעם „באָי" צען דאָלאַר, זאָגט אים: „גיי ברענג מיר אַ רענצל". אַליין זעצט ער זיך צו וואַרטן, מיט מוירלען, וואָס פּודערט זיך איצט די נאָז אין לאַנגן, געגילטן, האָטעל־שפּיגל.

אינגיכן קומט דער באָי קריק, מיט אַ רענצל.

דער דינער באַם האָטעל־רייסטער שמייכלט, אַנטשולדיקט זיך: „געזונט, יו נאָו!" דער באָי טראָגט נאָך דאָס ליידיקע רענצל.ביידע גייען אין „ליפט", דערנאָך אין צימער, מיט די פענצטער צום ליכט־מעשוגענעם טומל פון בראָדוויי.

שאכנע מאגיסאָן עפנט דעם עלעקטרישן קאָנטאַקט פון דער ראַדיאָ, שטעלט אָן די לענג־ווייט פון אַ געוויסן „אויסשטראַל־סטאַנציע". און עם דערהערט זיך אַ הייזעריקע דראָשע פון „האָוועלאָק ענדרו דזשעקסאָן־סמיט":

„... מיין פּלאַן אויף אויסצובעסערן די רעגירונג, ליידים און דזשענטלמען, איז נעמלעך דער: מ׳זאָל נעמלעך ביליקער מאַכן די „קאַר־פעיר", ס׳זאָל נעמלעך נישט קאָסטן קיין 5 סענט אַ בילעט אויף דער אינטערבאָראָ, נאָר נעמלעך 2 בילעטן פאַר 9 סענט."

:: :: ::

„האָוועלאָק ענדרו דזשעקסאָן־סמיט" לויפט פאַר דעם שטאַטישן אַמט פון... קאָנטראָלער, פאַרוואַלטער איבער אַלע פינאַנצען פון דער שטאָט.

שאכנע מאגיסאָן צעציט זיך אויפן בעט. אויף אַ טישל לעבן אים איז אַ ביבל אַ דיקע, אַ באַלעבאַטישע, אָן אָפענע, אַ סאַך־גענוצטע...

מאגיסאָן בלעטערט די ביבל, טראַכט וואוהין ווייטער צו שיקן זיין אייל־מאַשין, און ער לייענט דערווייל:

„וואָרים פון מיצראַים האָב איך אייך געטון אויסציען."

מוירל טוט זיך דערווייל אויס אין וואַנע־צימער...

:: :: ::

טעג אין
אידישן טעאַטער
און
באַ דער
אידישער פּרעסע

פראָלאָג

טעאַטער און לעבן — ווער ווייסט וואָס דאָס איז?
נאָר איין זאַך — איך פּראָלאָג וויים אַף געווים:
קיין שיף איז נישט הויך אַזוי ווי איר פּאָן,
און אַלדינג איז גוט, וואָס הויבט זיך ערשט אָן.

דאָס אידישע טעאַטער אין ניו־יאָרק מיט אַ 25 יאָר קריק שטעלט זיך ערשט אַף די פים — ניין, נישט אַף די פים: אַפן קאָפּ... מ'האַלט אַקוראַט, איצט באַ דעם פּינטעלע־איד־פּעריאָד. עס איז „אוי מאַמעניע, טאַטעניו", טאָמאַשעווסקי שווערדלט, שפּילט נישט ווינציקער ווי אין פּאַנצערס און אין שוואַרצע גאַטיעס... קעסלער וואָיעוועט מיט דער קונסט — יענע אַנטלויפט, ער לויפט איר נאָך... אַמאָל כאַפּט ער זי, אַמאָל נישט... ס'ראָוו כאַפּט ער יאָ די ראָל, נאָר ערשט מיט עטלעכע פּיעסן שפּעטער! כויזעק — זיצט אַפן קרוינשטול און פירט די אָרימע פּאַפּירענע מעלוכע.

מינדערסיכלדיקע דרייען ס'רעדל דאָרטן. הויכע שפּילקונסט — איז הויכע גוואַלדן... הויכע מוזיק — קעסלפּויק... און יעדע טעמע פון אַ טעאַטער־שטיק איז דריי מייל די לענג. קרוינפּרינץ... קעניג ליער... „פיר הונדערט יאָר", טוירעלע, עסטער פון „עין גדי"... אַלע צעגויפגעוואַלגערטע אינאיינעם. קאַשע מיט באָרשט, טרערן מיט וואַרניטשקעס, געלעכטער מיט כאָליערע, שעקספּיר, לאַטיינער, גאָרדין, הויפּטמאַן, פּראָפעסאָר הורוויץ.

די אידישע פּרעסע אין ניו־יאָרק איז מוירעדיק־צוגעלאָזן. טיילט שאַבעס־אויבס אין די ערעוו־שאַבעסדיקע רעצענזיעס. די גוטברודערשאַפט זיצט אַפן צעטויטשעטן בעט און אַלץ איז לעקאָוועד... „צו דעם גרויסן גאַסט... און מיט גרויסע מי און קאָסטן איז אונדז קוים געלונגען": דאָס באַקאַנטע נוסעכל פון די בורזשואַזנע בלעטער...

די מומע האָט האַנאָע פונעם פעטער, דער פעטער פון דער מומען...ביידע האָבן האַנאָע פון זייער האַנאָע האָבן... גיבן זיך איינס ס'אַנדערע צו לייזן אַ פּאָר גרייצער. די „קריטיקער" גייען אין טעאַטער אריין דורך די הינטערשטע טירן, וואו די ווייבערשע אַנטו־צימערלעך זענען, און קומען ארויס „איבערצייגט", אַז מאַדאַם

פיטשעריטשע איז די גרעסטע „קינסטלערן" אין דער וועלט און אומ־געגנט...

דאָס טעאַטער איז אַ מין מערכעץ, וואו יעדער גיסט־אויף אויף די שטיינער. פרעמדע מענטשן פאַרקניפּן אַ פריינדשאַפט, פּליאַסקען־זיך איינס ס'אַנדערע אין די זאַדיקס. אַ ליבע וועלט!...

ווינציקער ווי זשעניען האָבן מיר נישט. יעדער פּיעסע איז אַזוינס און אַזאָס!... אַזוינס האָט מען נאָך נישט געזען, נישט מיט די אויגן און נישט מיט עפּעס אַנדערש. נייעס, נייעס! ווידער נייעס! אין אונדזער מיטע ווילקאָמען (אַז ער וויל קאָמען — הייסט עס — זאָל ער קאָמען!). דוד קעסלער שפּילט חורבן־ירושאָלאַים אויף אַ דעקאָראַציע מיט אַ טעלעפאָן, אַז נישט שפּילט ער ווירדזשי־ניוס... אָדער מאַזענטאַלס דעבאָראַ... און זאָגט אייגענע איוורע, וואָס ס'קומט אים אין מויל אַריין.

אַדלער זעליגיציקט (דאַווקע זייער ביינעוודיק). דאָס זענען די בעסערע טעאַטערס. די ערגערע זענען — די נאָז צוצוהאַלטן...

און די קריטיק רופט־אויף איטלכן פּרייטיק: דער־און־דער שישי... יענער־און־יענער חאַמישי... מיט אַ קאַלאַראַטורל און מיט אַ „קוש דער ריינקייט"...

מאַפטיר זוכט זיך קיינער נישט אויס...

בלייבט פאַר מיר — צו געבן מאַפטיר...

נעם איך און שפּיי־אָן אַ טעפּעלע מיט „קריטיק" און טראָג עס אַנטקעגן די טעאַטער־קאַרדינאַלן, ברעך־אָן אַ צעבערל מיט גרינער גאַל — דערלאַנג עס דעם אוילעם...

ווערט מען „צעפּוטיעט"...

וואָסי דאָס? וואָס טוט זיך דאָ? ווער איז ער — דער אַזוי־און־אַזוי... „הודיהעל?" — אויף שעקספּירס שאַרפן ענגליש...

אַ יונג, אַ גאַליציאַנערל, אַ דינער ווי אַ וועוועריק, אַ לאַנגער, שרייבט עפּעס דאָרטן אין וויציק בלעטל (קונדעס) און — טרייבט אַרויס די נאַראָנים פון באָד.

פון הייסן קונסט־מערכעץ...

מ'עט זיך נאָך כאָלילע פאַרקילן.

ווערט אַ גוואַלד: הער־נאַר־הער, ער גייט אונדז לערנען. מיר קימיר פון רומעניע — גייט ער אונדז לערנען וואָס טעאַטער איז?!

— אַנו, לאָמיר הערן וואָס איז טעאַטער!

— טעאַטער ווייסט איר נישט וואָס ס'איז? העגאַביסל!

מ׳זיצט זיך אביסל דורך אין טעאטער און מ׳זעט וואס עס טוט זיך — גייט מען אהיים און מ׳נעמט זיך געשמאקער צום ווייב.

אזוי גאר?... כאזיירים!

איך טו־אויס די גוטע, איינגעלערנטע ווינער־מאנירן, וואַרף אוועק די שרייב־הענטשקעס און — נעם דערלאנגען מיט די הוילע הענט... א רעצענזיע פון לויטער אדיעקטיוון: מיעס, פאסקודנע, געמיין, אידיאטיש, עקלדיק, גראביונגיש, און איך ענדיק אומגעפער:

— מ׳דארף אונטערצינדן די אלע טעאטערס, פארסאמען די שפילערס, דערווערגן די אויטארן.

טאַסטידיר א גאליציאנערס מיט „ווינער מאנירן"!

וואס זאגט מען נישט צו׳ן אים?

— נו, וועט מען אים שווייגן?

— ווי שטעלט איר זיך פויער?

— מעמיר שוין זען!

די „פרעסע" פארקאטשעט אן ארבל און — אלע קריטיקאנטן טוען אין גריבל אריין...

עס ווערט א בלאטע און — א שטינקעכץ...

איך ווער נאך מער אויפגערעגט. עס פארדריסט מיך די אנקל־סעמיטישע כוצפע פון די גראבע „יאסי׳ר" דאטשן... און פון דעם לעמבערגער גימפעלווארג... פון די קינסטלער אין שווארצע גאטיעס, פון די נאפקישע טינטשמירערס, לאז איך ארויס א „פראנינציא־מענטא" (ווי מ׳זאגט), אז... ביז בלוט! „ביז מ׳עט אים ליגן שערבלעך אף די אויגן"... און איך שטעל זיך אוועק באם שארפ־שטיינדל אנשארפן די מילכיקע שווערד, אף שאבעס...

און וואס נאך טוט נאדיר? — ער נעמט און רופט צענויף מענטשן, און דאווקע אין „פארווערטס"־האל, און דונערט מיט זיין גיכן נישט־צום־פארשטייענדיקן גאליציאנער לאשן:

— דאס טעאטער גאנוועט בא אייך דאס לעצטע ביסל סייכל... פארנארישט אייך — וואס וועט זיין דער טאכלעס? איר זענט דאך שוין דערוואקסענע מענטשן, צום גוטן יאר! שעמט זיך אין אייער וויטן האלדז אריין!

אוידל, ווינעריש.

אבער די שונד־און־שאנד׳ארן שווייגן אויך נישט. הענט הויבן זיך ווי רעגנשירמס, ווען עס גיט מיטאמאל א פלאץ־אוים א גאס־רעגן. מ׳ווילט אים צעטראגן, „דעם בויך וועטן אים צעפעצן. וואוס

שטעכילירט ער זיך, וואועס?" דאָס קעלבל גרייט זיך צו פאַרגיסן דעם כּאַעלפּס בלוט!

מאַכט מען ציישן זיך אָפּ: נאַדירס פּוס זאָל נישט אַריבערטרעטן איבער אונדזערע טעאַטערס — „ספּאָילט די ביזנעס" — דערהאַרגעט, הייסט עס, די געשעפטן... און מ'דינגט לאָבוסעס און מען שטעלט זיי אוועק באַ אַלע אַריינגענג צו די „טעמפּלען", מיט וועלכע ער, נ., פּירט מילכאָמע — מ'זאָל האַלטן אַן אויג, טאָמער וויל ער זיך אַריינכאַפּן, איז האַקט מען אים אונטער אַ פּוס, און שוין!

— שלעכט, ברודער מ. נ.! שלעכט!

ניין, וואָסידאָ אַזוי שלעכט? פּאַרקערט, ס'איז אינטערעסאַנט: מ'לאָזט נישט אַריין נאַדירן? — נו גוט, וועט מען אַריינלאָזן אימיצן אַנדערש, און דער אימיצער אַנדערש וועט אויך זיין — נאַדיר...

און ער גייט אַוועק און פאַרשטעלט זיך, אַמאָל מיט אַ באָרד, אַמאָל אָן אַ באָרד, אָבער שטענדיק אַזוי קונציק, אַז קיינעם קען נישט איינפאַלן, אַז דאָס איז ער...

מאָרים שוואַרץ איז „דעריעניקער", וואָס פאַרשטעלט מיך, טוט מיך אָן... די לייבוואַך איז פון יונגע שטאַרקע „שנאָרער" (אַזאַ קולטור־קלוב), היטן מיך, טאָמער כאַפּט מען מיך און סי קומט צו פּעטש...

מען כאַפּט נישט...

מיין כוצפּע באַקומט פליגלען. איך לאָז וויסן דורכן שאַבעסדיקן „גרויסן קונדעס" (וואו איך שרייב מיין „טעאַטעריי"), אַז אַזוי און אַזוי: היינטיקן פריייטיקצונאַכטס הבע"ל וועל איך זיין אין יענעם און יענעם בויערי־טעאַטער און באַשרייבן זייער פּיעסע. פאַר־שטאַרקן די סאָנים די „וואַך"... שטאַפּעטן פליען, ס'איז קוילעס מיט בראָקים. דער קאַסירער היט מיט אַלע אויגן. צעטומלט זיך, גיט אויסגאָב מער ווי עס קומט — ס'איז הימל עפּן זיך! נאָר ס'העלפט נישט.

וואָרים איך האָב שוין די פּיעסע (פאַרשטייט איר מיך) געזען פאַראַכטאָגן!

איך קעמף „ווי אַ לייב" — אָבער ווי שטענדיק אין מיינע קונסט־קאַמפן (אַפּאָנים דאַפאַר, וואָס איך בין נישט צופיל פאַר־גלויבט אין די געטיכעס פון קונסט), ווער איך אַנטשלאָפן אין סאַמע מיטן קעמפעניש... אַ לאַנגווייל פאַלט אָן, אַ נודנעקייט...

— צו וואָס? צו ווען? וועמעס קונסט־מאָשיעך בין איך?

און דער קאַמף גענוצט זיך אויס. די קעגן־פּאַרטיליקונג מיצאַד די סאָנים — ווערט איינגעלאַיעט. דער בוימל פון מיין סייכל איז אויסגעגאָסן אַף די שטורמישע וואַסערן פון מיין געמיט, די זון שיינט מיר אַף די אינטעליגענטע ברילן אַרויף. איך האָב נישט ליב און נישט פיינט ס׳אידישע טעאַטער (אַזוי זאָגט ער, דער נאַדיר), אָבער שטילערהייד טוט וויי, טוט ווי דאָס האַרץ פון דעם גאַליציאַנערל. אַזאַ דינע קונסט: נאָכקרימען מענטשלעכע יעסורים און פרייד. נאָר די ריינסטע קענען זיך פּאַטשקען דערמיט און נישט אומריין ווערן.

אַ קאָמיסיע, זאָגט נ., דאַרף באַשטימען, ווער ס׳האָט אַ רעכט צו האָבן טאַלאַנט און ווער נישט. און שרייבן שלעכטע פּיעסן (מאַכט ער), מעגן בלויז מענטשן וואָס קענען בעסער, אָדער אַזוינע, וואָס קענען מיטן פאַרדינטן פּיעסן־געלט זיך קויפן צייט אַף אָנצו־שרייבן גוטע לידער אָדער נאָוועלן...

און אַז ער הערט אין אַקטיאָרן־קלוב ווי כעוורע רעדן „גראָבע רייד" און פאַרכלינען זיך דערביי, און צעלאַכמערן זיך איבער דעם אומגליק פון אונדזער קנופּ — איבער דעם שטרעכעלע וואָס בענקט נאָכן רינגעלע — פאַלט ער אַריין אין אַ ביטערער מאָרע־שכוירע, וואָס האָט צו זיך ניט קיין גלייכן אין דער געשיכטע פון...

— גראָבע רייד, יאָ. פאַרוואָס נישט? אָבער נאָר פון און פאַר קלוגע מענטשן, נישט פאַר קיין כאַמעס. דערציילן שמוציקע וויצן מעג מען, אָבער לאַכן פון אַזוינע וויצן טאָר מען נישט — זאָגט נאַדיר — מ׳לאַכט נישט פון אַ טויט קינד, אַפילע ווען עס פילט זיך דאַפון...

נ. פּלאָנטערט זיך, פּלאָנטערט זיך, ווערט פאַרפּלאָנטערט אין זיין סייכל, וואָס „דינט זיך אַליין און נישט אים — נאַדירן", און — ווידער: די ליולקע, ווידער די ביטערע שיינע קאַראַ מיט די ראַסטרוויטע האָר... ווידער — שרייבן און רייסן ביכער... ווידער לאַכן און ענטלאַכן דאָס אָנגעלאַכטע... ווייל עס איז דערווייל קיין עמעסער „גאָט" נישטאָ, און די ליטעראַטור איז פאַלש ווי דאָס לעבן פון די ליטעראַטן. —

:: :: ::

טעג
אין רעדאַקציעס

טאָקע אין יענער צייט...

די צייטונג, פאַר וועלכער איך אַרבעט (דער „טאָג", אונטער דער רעדאַקציע פון אַ אידן מיט אַ טאַליע), האָט מיר נישט ליב. דרוקט מיין „פון־מענטש־צו־מענטש" מיט אַ האַלבן כיישעק... דרוקט עס אין קליינע אויסיעס און שטעלט די צוויי געווייסע צירונג־ביימלעך באַ די זייטן, וואָס איך האָב אַזוי פיינט...

און אָנשטאָט די טאָפּל־פּינטעלעך („::") צווישן די פּאַראַגראַפן, שטעלט מען מיר אַריין אָט־אַזוינע שטערנדלעך („*"). סטייטש, איך וויל בעפּיירעש טאָפּלפּונקטן — גיט מען מיר שטערנדלעך...

זאָגט דער רעדאַקטאָר:

— הערט... איכ'ל אייך זאָגן דעם עמעס... מ'אָמיר אייך נישט ליב.

— פיין! — זאָג איך. — פאַרוואָס?

— דערפאַר — מאַכט דער רעדאַקטאָר — וואָס איר זענט אַ שייגעץ... וואָס הייסט — מאַכט ער — איר זאָגט אָפן יאָנטעוו פון דעם „שטאָב" אין אַרויסגעבערס הויז, אַז... דער אַרויסגעבער איז אַ איד פון אַ גאַנציאַר, און ס'איז נישט שיין מ'זאָל אים אַזוי באַנפּענען. ווער — מאַכט ער — באַנפּעט דען? מיר באַנפּענען דען?... מיר זאָגן דעם עמעס: ער געפעלט אונדז. ער איז אַ פיינער מאַן... „אָלרייט", איז ער נישט קיין גרויסער טאָנע־האָץ, אָבער אַ גוט האַרץ האָט ער, טוויוועס אידן טוט ער... כ'מיין, ווירקלעך, וואו האָט איר היינט בעסערע מענטשן?

אינדעם ווי ער רעדט אַזוי איז אַ פלעשל טינט געוואָרן אויס פלעשל טינט, און איז געוואָרן אַ ליידיק פלעשל... דער רעדאַקטאָר, וואָס איז ב'טעווע געווען אַ שטיקל שוואַרצער, איז צוליב דעם קאָליר פון דעם טינט געוואָרן אַ רויטער...

נעמט נאַדיר און דערציילט דעם אינצידענט (אַביסל פּליטערדיק) אין זיין שאַבעסדיקן „פון־מענטש־צו־מענטש", דרוקט מען עס אָפּ... באַפּט מען זיך שפּעטער, אַז ס'איז אַ סקאַנדאַל... וויל מען אים אַרויסוואַרפן — קען מען אים נישט אַריינדערטאַפּן אינעווייניק אָף אַרויסצוואַוואַרפן אים...

וואָס אַ גאַליציאַנערל קען!

ווערט מיר ס'לעבן נאָך ביטערער ווי פריער. שלאָג איך שוין

אין דער שאַנץ אַריין די גאַנצע פּאַרנאָסע, דאָס באַשפּיגענע שטיקל ברויט, איז סיי־ווי־סיי צו־קליין עס זאָל זעטיקן, שיק איך מיט יעדן „פון־מענטש־צו־מענטש" דעם רעדאַקטאָר מיט דער טאַליע אַ קלאַלע אַף שאַבעס, וואָכנטלעך.

דער נוסעך איז קימאַט שטענדיק דערזעלבער:

„נאַרישער הער רעדאַקטאָר:

איך שיק אייך מיין פּ. מ. צ. מ., וואָס איר'ט מיסטאָם, ווי אַלעמאָל, אָפּדרוקן אַף דער לינקער זייט פון אייער בלאַט אין „פּעטי", בעאיים איר אַליין, פּאָני־פּאָריצל רע־דאַקטאָר, וועט, ווי טאָמיד, טראַכטן אין „פּעטי" און זיך דרוקן אין „פּייקע". אָך, האָב איך אייך פיינט, מיין טייערער!

בלי שום דערעך־ערעץ,

מ. נאַדיר."

דאָס אַלעס אינאיינעם איז גווירעס, אַז דער „רעדאַקטאָר מיט דער טאַליע" (היינט אַן אָפּגעריבענער זשורנאַליסט) איז מיט מיר אַף מעסער־שטעך. האַלט שוין דער גאַנצער „סטעף" אַ סקאָסע אויג אַף מיר און מען טשאַטעוועט: וואו קען מען אים אונטערשטעלן אַ פיסל... און ווער זענען זיינע כאַווירימלעך?... ווארים יעדער וואָס רירט זיך אַן אין מיר איז טרייף — דריי מאָל אויסצושפּייען.

אהא: דער־און־דער!

דער־און־דער איז אַ יונגער שווישפּילער, אַ הויכלעבער, מיט אויגן ווי שוואַרצע טעלערלעך מיט סמעטענע. קוים־קוים אַף דער ערשטער טרעפּ פון לייטער אַרויף.

שאַר איך אים צו צו זיך, פּאַרקניפּ אַ שטיקל כאַווערשאַפט.

עפּעס אַ געפיל זאָגט אונטער: דאָ איז אַ קוואַל — מ'דאַרף גראָבן.

מאַכט זיך נישט קיין געלעגנהייט.

קעסלער שטראַלט אַף אים אויס — פייכטקייט, פּאַרע... קונסט־שפּריצעכץ...

די לעבטיקייט קומט נישט.

דער יונגערמאַן מיט דער אידישלעכער נאָז און גרויסע אויגן גייט אום נעבעך אַ דערשלאָגענער.

ווי אַזוי כאַפּט מען זיך אַריבער אַף יענער זייט טאַכלעס?

איך לויף אַמאָל אַריין אין טעאַטער, אַ קוק טון ווי די פּיירע וואַקסט — יענער איז צו נאָנט, שווער צו זען.

:: :: ::

דוד קעסלער (האָב איך דאָך אייך שוין געזאָגט) שפּילט יעדע ראָל מיט אַ — פּיעסע שפּעטער. איז שטענדיק הינטערשטעליק מיט איין טעאַטער־שטיק. ווען ער זאָל קענען „דערכאַפּן", וואָלט ער געווען מי־יודייע וואָס פּאַר אַן „עקטער".

זיינע „דראָשעס פאַרן פאָרהאַנג" זענען אַ כוץ אַ מאַיינסע. ער שפּילט אָפּ אַ „דראָשע" מיט אַלע קונציקע מינאָיעס. ער רעדט כאַצע־אידיש, כאַצע־ענגליש, וואָס עס קומט אים אין מויל אַריין, אומגעפּער אַזוי:

ווערטעס פּוב־העם־ליקום; מיר שפּילן היינט, יו־נאָו, אַ פּיעסע פון דזשייקאָב גאָרדין. גאָרדין, העם, יונאָ, איז נישט שעקספּיר. שעקספּיר איז טויט. אָלרייט. באָט! יונאָ... טעיק לעמאָשל, אַ גלאָז מיט וואַסער — זז... איף, פיף (ער ווייזט ווי אַזוי מ'גיסט־אָן אַ גלאָז וואַסער פון אַ זעלצער־סיפאָן אַרוים). באָט!... וואָס בלייבט דערפון אַז מע גיסט עס אויס? גאָרנישט. נאַטהינג... דאָס איינענע איז מיט טעאַטער... דאָס הייסט אונדזער פּיעסע איז פאַרקערט... איף יו געט ווהאַט אַי מיען?!

און דאָס טעאַטער גייט כאַדאָראָם.

— קעס־לער!

— קעססססלער!

קעסלער איז אַ מענטש פון פּורים־שפּיל־שטימונגען. די בינע־ווענט זענען אים שטענדיק אין וועג. נישט איינמאָל, אַז ער ווערט בייז, גיט ער אַ קאָפּע מיטן פוס און מאַכט אַ לאָך אין דער דעקאָראַציע. אַף דער סטעליע קוקט ער נישט. דאָ קענט איר זען, ווי אַ הענגלייכטער הענגט אַראָפּ פון... דער רויך ווייסט וואַנעט! קיין דאַך־דעק איז נישטאָ... די קאַנדעלאַברעס הענגען בעפּייריש אַראָפּ פונעם הימל.

דוד קעסלער „לעבט" זיינע ראָלן אַף אַזוי ווייט, אַז ווען ער שפּילט אַ „קאָרגן כאַראַקטער" נעמט ער באַ די אַקטיאָרן אַראָפּ פון די סכירעס...

קומט צו אים אַ מענטש מיט אַ פּיעסע „שפּינאָזע'ס יוגנט". זייער אַ שטאַרקע פּיעסע. פאַרטראַכט זיך קעסלער מיט זיין שווערן שטערן. די קורצע נאָז אָטעמט גיך, ווי ער וואָלט געוואָלט דער־שמעקן דעם טאַם פונעם מאַנוסקריפּט. דערנאָכדעם נעמט ער דאָס קסאַוו־יאַדל אַף דער ברייטער דלאָניע פון זיין האַנט, וועגט עס אַ רעגע מיט פאַרמאַכטע אויגן. מאַכט „הו־האַ, טו־טיאַ!" קוועטשט

זיך אַף טרערן. דערנאָך עפנט ער די אויגן, צעשמייכלט זיך און זאָגט:

— „שפינאָזע'ס יוגנט"? וואָדעיומין שפּינאָזע'ס יוגנט? יונ־גערמאַן — מאַכט ער — ווייסט איר, וואָס שפּינאָזע איז געווען אין דער יוגנט? אַ סמאַרק, אַ... (אַ גראָב וואָרט). אַ פילאָזאָף ווערט מען ערשט אַף דער עלטער!... יונגערמאַן, גייט אַהיים און שרייבט מיר אָן אַלטן שפּינאָזע... נאָר נישט קיין שט———ער, יונאָ... נאָר אַן אַלד גאַי מיט אַ דזשימדזשיק... מיט „פּעפּ"...

:: :: ::

איך האָב באַדאַרפט האָבן ברויט, האָב איך אָנגעשריבן די פּיעסע „די לעצטע וואַנט". ס'איז קימאַט אַ „שטומע פּיעסע". אין פּראָלאָג זיצן מענטשן און פּעסטיקן־צו זייערע שאָטנס צו דר'ערד מיט גאָלדענע טשוועקעס. זיי קלאַפּן און זינגען. זיי גייען אַוועק און לאָזן זייערע — שאָטנס אַף דעם דיל פון דער בינע, וואָס באַלויכט די גאָלדענע טשוועקעס...

אין ערשטן אַקט: טענץ פון פאַרצווייפלעניש. אַלערליי פעלקער. יעדער פאָלק מיט זיין פאָרם: שוואַרצע, ווייסע, געלע, פּיאַלעטענע. מיט יעדן פאָלק קומט דערזעלבער נאָווי — אָנגעטון אין דעם פאַרב פון זיין פאָלק. איבער אַלע הענגט אַ הימל מיט שלאַנגען, שווערדן און פלאַמענדיקע רעטענישן. אָן אויפשטייג, אַ רעוואָלוציע. טענץ. מוזיק. דער „נאָווי", דאָסמאָל אין געמישטע פאַרבן אָנגעטון, ווייזט אַף דער וואַנט: „דאָרטן! הינטער דער וואַנט ליגט דער ענטפער. מ'דאַרף וואַרטן. די שאָ האָט נאָך נישט געשלאָגן."

צווייטער אַקט: אַ וויזיע: אַף יענער זייט וואַנט. מילך רינט פון די ביימער. האָניק טריפט. לירישע געזאַנגען. בלאָנדע פּאַס־טיכער און שעפעלעך. הויך־שלאַנגנדיקע קוואַלן. ברויט און צירק. גאָלד און ליבע. — דער נאָווי ווייזט: „דאָרטן! שפּעטער! שפּע־טער!" פאַרשלעפּערט זיי אין זיסע געזאַנגען. די פּיבערס זענען איינגעשטילט. פעלקער שלאָפן. גלעקער קלינגען. „גאָטס מאַמע" דעקט־אָפּ אירע לענדן.

דריטער אַקט: פעלקערס געדולד ווערט אויסגעשעפּט. זיי ווילן דער נאָווי זאָל די וואַנט אַוועקרוקן. דער „נאָווי" ווייסט: הינטער דער וואַנט איז גאָרנישט ניטאָ. אַכוץ גלאַנציקע ווערים. ווייס־קראַנקע פּלאַנצן. ער לאָזט די וואַנט נישט אָפּרוקן. פאָלק

שטייט אויף. די לעצטע וואנט ווערט צעבראָכן. "נאָווי'ס" בלוט זידט אַף דער שוועל. די פעלקער גייען איבער דער שוועל אריבער. אינעם ווייטן, בלוטיקן סאָד אריין... מוזיק. עפּילאָג...

אז איך האָב געענדיקט לייענען, איז קעסלער געווען שטארק צעשרויפט פון דער אידייע, וואס איז אים געווען אזוי אויסטערליש־פרעמד, און ער האָט צו מיר א מאַך געטון:

— וועל... יונא, איט'ס ע... (ער האָט גענומען מאַכן אלערליי פיגליעס מיט די הענט און מיטן גאנצן קערפּער, פארמאכט ס'מויל און ארויסגעקוועטשט צוויי לענגלעכע טרערן פון די אויגן). וואס זאָגט איר אליין, מיסטער נאַדיר?

— וואס זאָל אי איך זאָגן? — זאָג איך. — איך זאָג, אז אויב איר ווילט פארלירן א 25 טויזנט דאָלאר, זאָלט איר שטעלן מיין פּיעסע...

קעסלער האָט מיך אָנגעקוקט א האלבע מינוט אפן זייגער. געמאַכט אלערליי פיגליעס. זיך ווידער געקוועטשט אַף צו וויינען. דערנאָך האָט ער געזוכט אין אלע קעשענעס, ווי ער וואָלט מיר געוואָלט געבן עפּעס זייער א טייערע זאַך. אז ער האָט גאָרנישט געפונען אין די קעשענעס, איז ער אוועק צו א שופלאָד, ארויסגענומען זיינס א פאָטאָגראַפיש בילד, מיט גרויסע קאָטשערעס און לאָפּעטעס אָנגעשריבן: „צו מיין גאָטזעליקן פרענד, מיסטער מאָשע נאַדיר", און מיר איבערגעגעבן די מאַטאָנע ווי א „הייליקייט". און מיך אָפּגעזעגנט מיט די ווערטער:

— ס'א גרויסע פּיעסע... אייערע, מיסטער נעידיר, גאָר א גרויסע... טראָגט זי אוועק צו אדלערן. זאָל ער פארלירן 25 טויזנט דאָלאר. זאָגט אים, אז איך האָב אייך געשיקט, און... (שוין ווען איך בין געווען אונטן) לאָזט אים גריסן... טעל הים אי סענט יו... דאָנט פאָרגעט!... גודבאַי!

:: :: ::

וועגן דעם יונגן אַקטיאָר:

אים שפּארט די קינסטלערישע מילעך אין די גייסטיקע ציצן, שפּעקצומעלדן. ער פיבערט, קנעפּלט זיך צו ס'האַרץ און ער ווייסט נישט וואס צו טון מיט זיך. נישטאָ קיין „קינד", וואס זאָל זיך קוויקן מיט דער טריפנדיקער מילעך און אים גרינגער מאַכן.

ער ליגט ווי א טרוקן שוועבעלע אַף דער גאַס, וואַרט אז די

זון זאָל אָנצינדן. אָבער אַנישט, זאָל כאָטש אַ פערדס פּאָדקאָווע אַ קלאַפּ טון, פאַרוואונדן און אָנצינדן.

איך קאָן אים דערוויַיל זייער ווינציק. געזען אים שפּילן אין פּיצלעך ראָלן, ווי אַף אַ פידל, וואָס האָט שפּיגאַטלעך פאַר סטרונעס. ער מאַכט גאַנץ שיין מיט די הענט. נאָר צי קען ער שפּילן? צי וואָלט ער געקענט שפּילן, ווען ער זאָל האָבן אַף וואָס?

איך האַלט דערוויַיל אַן אויג אַף זיינע אויגן, וואָס זענען ווי צוויי קערנדלעך מיט ראַכמאָנעס (צו זיך? צו דער וועלט פון ברויט־מיט־פּוטער?). איך מערק: עס איז דאָ הימל... אַביסל ערד, אַ קאַפּ גרינס, אַ לעק שטאָרעם, נאָר די זון פעלט.

שפּילט דער יונגערמאַן פּיצלעך ראָלן, רעשטלעך כאַראַקטערס. ס'איז דאָ אין זיי עפּעס געפּערלעכעס, אויפּרייסנדיקס, נאָר סע רייסט נישט אויף. סע שיסט נישט... ס'איז אין וואַסער!

נאַדירס כאַווערשאַפט העלפט אַביסל ציִשן די שוישפּילער. זיי האָבן נאַדירן ליב מיט אַ טיפער סינע... מיט אַ דערעך־ערעץ, וואָס פאַרקייטלט זיך אַף מוירע...

קלאַפּן זיי דעם יונגנמאַן, האַרט און פעסט אַף זיין קונסט־לעשיים־קונסט־פּלייצע, און זאָגן:

— נאַדירס אַ פריינטל... האָט „הערמענע" אַף ראַבאָנעס...

דערפאַר אָבער שאַט עס באַ דער פרעסע. זי קוקט אַף דעם יונגן שוישפּילער — דורך דער ברייטער זייט פון די פעלדגלעזער: זי זעט אים — קליין און וויַיט...

אָבער זי זעט אים אינגאַנצן נישט.

אַ מיעס פאַרנאָסע־מענטשל באַם „טאָג", וואָס האָט שוין אין רעדאַקציע איבערגעטון אַלע מעלאָכעס, נאָר אָן בראָכעס, האָט זיך מעיאַשעוו געווען: ער וועט שרייבן „טעאַטער־קריטיק".

... און מיטאַמאָל: אַ קויעך צו עפענען הינטער־טירלעך פון ווייבערשע גאַרדעראָבעס מיט די צוויי ווערטער: ס'איז איך!

— עפן דיך, טייערע!

— אַז נישט שרייב איך, אַז דו טויגסט נישט.

אַמאָל העלפט עס... אַמאָל ניט. אָבער ס'איז געשמאַק, נאָר צום פאַרכלינען זיך.

כלינעט ער איבער די ווייבער, בייזערט זיך אַף די מאַנצביל — און זיין נאָמען פון דער האַפטווירע שרעקט־איבער, וואַרפט אָן אַ פּאַכעד: אַ מאַזיק...

די רעדאקציע שנייצט זיך קלוימערשט די נאָז מיט א פינגער, אָבער יענער שאָדנברענגער פארשטייט שוין אפן וואונק: וואו־הין דער פינגער ווייזט אים. אויב אהין — דאַרף מען א וואָרף־טון א בלומענבעזימל. אויב אהער — דארף מען א שליידער טון א פול מויל מיט בלאָטע...

טוט זיך אף טיש און אף בענק!

באם טערטלמערטל אין אידישן אקטיאָרן־קלוב — דרייען זיך שמויעס־קארוזעלעס ארום דעם שרייב־מאַזיק און זיין פינצטערן קויעך.

דער נייער קריטיקאנט רייסט זיך צו די הימלען — ווי א גרעבץ נאָכן טשאָלנט. אלע אקטיאָרן גייען אים אויסן וועג...

געמאכט א וויסטן פיטשאַטיק!

און ער האלט א טרייפע אויג אף נאַדירס פריינטל, דעם יונגן שוישפילער — ער וועט אים פארצוקן — מיט די גרויסע שיך און מיט די שלייקעס מיט אלעמען...

דעם קריטיקאנטס וויזיע:

סי קנאקן ביינער, ס׳רינט בלוט, סי טעלעפעט זיך פון מויל אָן אפגעביסן שטיק הינטן — א מעכאיענקע!

שטופט איין פרייטיק דעם אנדערן... דער „נייער קריטיקער" רייט אפן בעזים פון טעמנע בארימקייט און פארגעסט פון גרויס נאכעם דאָס גאָווער־שירצל און דאָס ראָצטיכל...

זיינע ציין — קוקן אהינצעצו, צום יונגן אקטיאָר, וואָס אכושי וואָס ער איז נאַדירס א שטיקל פריינט, איז ער נעבעך גאָט די נעשאָמע שולדיק.

און — האוו! א בים! א רים! אָנגעבאפט א שטיק ליטקע און אוועקגעלאָפן...

און דעם יונגנמאן איבערגעלאָזט א צעבלוטיקטן.

ס׳איז שוואַרץ־פּרטיק... איך גיי מיך א ביסל דורך אף דער לאַנגער, נארישער טעאטער־עוועניו, טרעף אָן דעם יונגמאן ווי ער שטייט אינדרויסן לעבן קעסלערס טעאטער און שלינגט טרערן.

— וואָס אי? הא?

— אזוי און אזוי: דער „מאזיק" האָט אים אפגעביסן א שטיק ליטקע־פלייש און איז אנטלאָפן... איצט וואָס וועט קעסלער זאָגן — ער וועט אים נישט וועלן „אנגאנזשירן" אף איבער א יאָר, קומט אים אויס סיידן...

און ער ווייזט מיט א קאסאקע פינגער אפן האלדז, וועלכן ס'איז שפעטער באשערט געווען צו טראגן די בארד פון „טעוויע דעם מילכיקן".

נעם איך אים אריין אין דער נאנטסטער צוקערניע, טרייסט אים אביסל ארום, בין אים מעכאבעד מיט א פארציע אייזקרעם, לאז אים אפעסן און מאך צו אים אזוי:

— הער־זשע, דו! געזען שפילן האב איך דיר זייער ווייניק. און דאס וואס איך האב דיר יא געזען שפילן איז געווען נישט אזוי גלענצמעריש. דאס הייסט: דו ביזט באלילע נישט שולדיק... נאר מ'האט דיך פאשעט קיין ראלע נישט געגעבן... דעריבער איז אזוי: איכ'ל אוועקגיין און מיך אוועקזעצן און אנשרייבן, אז דו ביזט איינער פון די גרעסטע אידישע שוישפילער — א צווייטער קאטשאלאוו. פארשטייסט וואס מ'רעדט צו דיר? א קא־טשא־לאוו... איכ'ל דיר דאס געבן אף קרעדיט... דו ביסט בא מיר א באטועך. אבער געדענק־זשע, דו באכער, דו ביזט א באל־כייוו, און דו דארפסט צאלן... דו מוזט לערנען, ארבעטן אף זיך, ווערן א לייטישער מענטש און א גרויסער שוישפילער, אז נישט וועסטו זיך בא מיר אויסריכטן צארעס.. דו הערסט, וואס מען רעדט צו דיר! און איצט זיי־זשע מויכל, באכורעץ, לאז דיך אראפ אף די קניעס און גיב א לייג די לאפע אפן הארצן, און שווער אז דו וועסט האלטןווארט...

דער באכער האט זיך נעבעך אראפגעלאזט אף די קניעס אין א ווינקל פון דער פילשפיגלדיקער לידיקער צוקערניע, געגעבן א שוואוע, אז ער וועט טון וואס ער וועט קענען צו ווערן א גרויסער שוישפילער... און — געקוקט בישאס מאיסע אינעם שפיגל אריין, וואס איז געשטאנען פונקט אנטקעגן...

דאס איז געווען דער אנהויב!

היינט איז ער א בארימטער אידישער שוישפילער!... און ווען קאטשאלאוו איז געווען אין ניו־יארק (מיט דער מאסקווער קונסט־טרופע) און דעם „ווייןנענדיקן באכער" געזען שפילן טעאטער, האט ער אים א קלאפ געטון אף דער פלייצע און געזאגט:

— איך בין אייך מעקאנע מיט אייער טאלאנט!

און דער יונגער קריטיקער איז שוין היינט קיין אלטער קריטיקער אויך נישט, נאר גלאט אזוי — אן אלטער, אפגעריבענער פלוני, שטייט אפט בא דער קאסע פון דעם „באכער'ס" אייגענעם טעאטער און בעט א בילעטל...

טעג
מיט אידישע שרייבער

האַקדאָמע לייהאַקדאָמע

אַקדאָמוס, איידער איך הויב אָן ווערטער צו ריידן,
פון וועגן מײַנע פרייידן
און וועגן מײַנע ליידן,
וויל איך פאַרלירן אַ פּאָר געציילטע ווערטן —
פון וועגן די וועכטערס פון אונדזער גאָרטן.
אָ, זיי טוען היטן און וועכטן די ווילדע ווײַנען
און טרינקען אַליין אויס דעם גאָרטן דעם פײַנעם!

האַ ק ד אָ מ ע:

— איר גאָלט זיך אַליין, זע איך. איר גייט נישט צו קיין פּראָפעסיאָנעלן ראַזירער?

— איך גיי נישט. איך קען אַליין די כּאָכמע פון שאַרפן מעסערלעך און מאַכן זייפנשוים.

— יענע האָבן דאָך אָבער שטודירט!

— ווער האָט זיי געהייסן?

— איר מיינט, אַז סי ליגט אין דעם נישט קיין טוירע?

— זיכער נישט. אַביסל זייפנשוים, אַ שמיר־בערשטל, אַ פרעמדע מאָרדע, אַ קאַלטקייט צו פרעמד בלוט —

— אָט האָט איר זיך שוין צעשניטן!

— סי מאַכט נישט. די נעגל זענען בײַ מיר ריין. קיין בלוט־פאַרסאַמונג וועל איך דאַפון נישט קריגן.

— דאָס איז עפּשער עמעס... אָבער יענע זענען פאָרט פאַכלייט.

— דערפאַר זענען זיי בלויז מאָרדע און נאָז... זיי קוקן אַף דער וועלט דורך פרעמדע נאָזלעכער, האָריקע, טונקעלע... און זיי רייניקן זיי אַפילע נישט אויס — ווי די מאָדע איז בײַ די כינעזישע פאַבריק־מאַכערס...

— איך ווייס, עפּשער איז בײַ אײַך אַזאַ צאַרטאָוונע הויט —

— דאָס טאַקע אויך. איך קאָן נישט פאַרטראָגן קיין פרעמדע האַנט אַף מײַן הויט — סיידן פון אַ מענטשן וואָס איך האָב ליב. ביפראַט, אַז יענער בלײַבט שטיין מיט דער בריטווע בײַם סאַמע

גארגל, און פארטראכט זיך, טאמעוואטע, און דליבעט זיך די נאז און קוקט ווי פייגעלעך פליען אים פון מויל...

— ס'איז נישט אזוי ווי איר מאכט. נאכאלעמען נוצן זיי דאך סטעריליזירטע בערשטלעך — אפגעגאלט א קוינע, ווארפן זיי אוועק ס'בערשטל אין קארב אריין... נעמען א פרישס.

— דאס איז נאר אזא אנשטעל, מיין פריינט. געוויינטלעך הייבן זיי דערנאך אויף דאסזעלבע בערשטל און שמירן ווייטער, ווי מ'האט זיי געלערנט...

— קומט אויס, נאך אייערע רייד, אז זיי נוצן נישט קיין „אינדיווידועלע בערשטלעך", און אז זיי טונקען אינדערזעלבער זייפנשאל פאר אלעמען?

— פאר אלעמען, סיידן עס קומט א רייכער פאריץ און ברענגט זיין אייגענע זייפנשאל, זיין אייגן אפגעהיט מעסער —

— אזוי גאר?

— אזוי, אזוי!

— איר וועט דאך אבער נישט לייקענען, אז זיי טראגן ווייסע פארטוכער בא דער ארבעט?

— יא. זייערע פארטוכער זענען טאקע ווייס און פריש, אבער די הענט זענען בא זיי נישט ריין... זיי היטן די ריינקייט פון די פארטוכער א סאך מער ווי די ריינקייט פון זייערע נעגל... אונטער די נעגל קען מען דאך נישט ארונטערקוקן...

— דאס איז עמעס!

(פויזע).

— קומט אויס, הייסט דאס, אז דאס בעסטע איז, אז מ'גאלט זיך אליין — אפילע, אז מ'צעבלוטיקט זיך?

— זיכער.

— און איר האלט, אז יעדעריינער קאן זיך אליין ראזירן?

— נישט יעדעריינער, נאר אזוינער וואס סי וואקסט אים שוין א באָרד...

— אהא, איך פארשטיי וואס איר מיינט...

(פויזע).

— יא, אבער וואס זאלן נעבעך טון די וואס מאכן א לעבן פון גאלן? און וואס קיין אנדערע מלאכע קענען זיי נישט? זיי קענען דאך נישט שטארבן פון הונגער?

— זאלן זיי זיך גאלן איינס ס'אנדערע...

— איינס ס'אנדערע? וועלכער ראזירער וועט עס געטראווען

זיין באַרד אַן אַנדערן ראַזירער? מעשוגע דאַרף ער זיין!

— איז טאַקע נעבעך אַ ראַכמאָנעס אַף זיי, וואָס מיינט איר?

— נו, זעט איר שוין?!

— יאָ, איך זע שוין. דער גוטער יאָר זאָל אייך נעמען... איר רעדט אַזויפיל, קימאַט ווי אַ קריטיקער... איך האָב זיך שוין ווידער צעשניטן...

— לייגט־צו אַ פּלעסטערל, אָדער שמירט־אָן מיט האַלון!

— איך נוץ דאָס קיינמאָל נישט. די וואַרעמקייט פון דער אייגענער האַנט פאַרהיילט בעסער ווי אַלע רעפּועס...

— האָט־זשע מיר אַ גוטן!

— האָט מיר אויך נישט קיין שלעכטן!

מיט אברהם רייזענען

די קליינשטעטלדיקע מיינען, אַז דאָס העכסטע איז שרייבן וועגן אָבעליסקן, וועגן אייפּלטורעם — וועגן פּיסעס, און — פּריירים...

קליינטשינקע קינסטלער פאַרנעמען זיך — מיט גרויסע טעמעס.

אינגלעך — שטעלן זיך אונטער „קאַרקעס", רעדן הויך, וועגן דערהויבענער הויכקייט...

שמאַטניקעס — קלייבן ביינער און לאַכעס און רעדן פון — קאַמערץ...

ס'פּאַליש איז אַ האַנדלס־קאַמער, מ'בלאָזט ליולקע־רויך דורכן קוימען — די וועלט זאָל מיינען, מ'באַקט פּוטער־געבעקס, און מ'בראָט קאַטשקעס.

דאָס יונגוואַרג בלאָזט זיך, שטעלט־אויף די פּלעדערווישלעך — צום פליען, זיצנדיקערהייט. מ'טרעט נישט אַרויס פון דער קאַפּיינע, פון „ראָטגערס סקווער", און מ'שיסט מיט — וואַטע...

אַף דער קריטיק קומט אַ מינוט פון דערמאָנונג, שטעקט זי אַרויס דעם פאַרשלאָפענעם שויבער־קאָפּ דורכן פענצטער, און גענוצט אַרויס:

— גרי־כי־שע קו־נ־סט!

וואָס גריכיש? ווער גריכיש? — די „אַלטע גריכן" פירן זיך היינט אַרום מיט קאַשטאַנעס אַף אַזוינע פאַרנדיקע בראָט־אייוועלעך, און זיי זענען געפּאַטשטער ווי די אידן.

עסטעטיש זאָלט איר מיר ווערן, אויב נישט, הערט איר, וועט אַ רואַך אין אייער טאַטן אַריין: מאַמזערוקעס, שמויטפּונעס,

בעלפערס, לאפיטוטן, כאלעמידן, שמאראוואצעס, וואס איר זענט!

דערשרעקן זיך די יונגע דיכטוירים, מ'שיט די נאכטיגאלן זאלץ אף די עקן און — די גאנצע ליטעראטור ווערט פול מיט טרוימעניש און מיט נאכטיגאל-טינעף...

ווארפט מען זיי אויף: עמעס טאקע איר שרייבט עסטעטיש — כ'מיין... אבער וואו איז דאס „מיליע"?... אמעריקע — וואו איז „גרינהארנס, איר לעבט דא ווי ווערים אין כריין!..."

רופן די דיכטערלעך צענויף אן אסיפע און סי ווערט אפ־געמאכט: פון דינסטיק אן זאל מען ווערן אמעריקאניש...

און מ'זאל שרייבן וועגן די „פריירים" און וועגן „קאו־באיעס" און וועגן דעם „ווילדן מאירעוו"...

ווערט די ליטעראטור פארנענדזעט פון פסעוודא־ראבאי'איזם... פון „סאבוועי־און־על" — עפאסן... מ'קייט ראזשינקעס פון דער קעשענע ארוים און — מ'בייזערט זיך אף בראדוויי...

מען עסט קנישעס און מען באזינגט די שיינקייט פונעם „גרענד קעניאן" און פון אריזאנא.

טעאטראלישקייט — פארפורימשפילט, דער גריך אין א יאר־מולקע מיט זיבן שפיצן... דער קליינשטעטלדיקער כניאק קען זיך נישט אפוואונדערן דאפון, וואס א מידל האט צוויי פיס, און פון די ליבעסלידער שמעקט שוויים און נאז־טאבעקע...

באווייזט זיך יוסף ראלניק — גרוי־ערדיש ווי האפיז. קליינ־אומעטיק. זענען זיינע געזאנגען פראסט און ניצלעך ווי לייוונט. ביטערלעך־געטריי און נאענט צו זיך אליין, ווי א קראנקער...

דאס גרויסע־גרויסע געזאנג וואס מיר זענען... די טיפע פאר־שטענדעניש, אז יעדער קריי איז א האן, יעדער שפיץ איז דאס העכסטע...

די קריטיק האט דאפון בויך־ווייטיק: נישט סימבאליש... מ'דארף רעדן פון נאפטאלי'ן און מיינען מענאשע'ן, אז נישט טויג עס נישט...

דערצייל איך זיי, אז אלצדינג איז א סימבאל, א רעמעז — און דאס וואס א מענטש האט א נעשאמע, איז נישט מער בידעש, ווי דאס וואס א שפין האט א נעשאמע...

און אז מיר, וואס מיר זענען אליין מעשאלים, קענען זיך באגיין אן דער געפוצטער פאבל־דיכטונג. (א בוים לעבט נישט אף קיין... האלץ. ווארפט־ארום די קארינעס פון א בוים מיט שפענער און דער בוים וועט אפשטארבן!...)

און אז ליטעראַטור איז נישט קיין פּאַוועפּעדער אין היטל, נאָר אַ בלוט־שמיר אַפן האַרץ — איר זאָלט מיר אַנטשולדיקן!...

ראָלניק זינגט זיך, פונדעסטוועגן, זיינס. בעט באַ גאָט ער זאָל אויפהערן מוטשען און נעמען דעם כּאַלעף און שעכטן! מיכל קאַפּלאַן קומט־אונטער מיטן אידישלעכן ציין־האַרמאָניקל און שפּילט אַף דער שטאָל־פּעדער דריבנע, כּאַזאַנישע זאַכן... און באַזעצט די קאַלע, און זאָגט זיך אַ וויצעלע, און מאַכט זיך אַ שפּיצעלע, און טוט זיך אַ קלערערע און לאָזט זיך אַ טרערעלע...

אויך נישט שלעכט!

אָבער די „נאַקעטע טיפקייט" שטייט, ווי מלך ראַוויטש וואָלט געזאָגט, מיט צעשפּרייטע קניעס און וויל.

לאָז זיך עמיצער מעלדן!

אברהם רייזן מעלדט זיך: אַ קליין קעסטל פּאַרב, אַ צוויי־דריי פּינדזלען — ער מאָלט אַף די אייגענע מאַנזשעטן, אַפן קראַגן... באַשיט עס מיט שטויב, מיט זאַלץ, טריקנט עס אָפּ, און — די בילדלעך פליען אַוועק אין דער אייביקייט...

מען ווייסט שוין היינט: יעדער שטיקל באַשריבן פּאַפּיר, וואָס איז הונדערט יאָר אַלט — איז ליטעראַטור...

רייזען איז נישט קיין פוילער און נעמט צענויף אין אַ מעלק־שעפל די פעטע נעכטענמילך, לאָזט זי שטיין אַף דער זון, זויער ווערן... הויבט־אָפּ די סמעטענע... און ווי אַ גוטע באַלעבאָסטע וואַרפט ער ס'איבריקע אויך נישט אַרויס, נאָר ער מאַכט קעז (אויס־שלאָגן און מאַכן פּוטער האָט ער קיין געדולד נישט!), און סעראָ־וועטקע... און מאַסלינקע — פאַרן מאַרק...

עמעס, ער גרייט צום טיש אַ סאַך ווינציקער טעלער ווי די אַנדערע, אָבער דאָס עסן איז ערלעך היימיש עסן, מיט אַן אַהברען... און מיט אַ ציבעלקעלע — ס'צעגייט זיך אין מויל.

אויפגעקומענע קליינשטעטלדיקע אידישע נגידים, וואָס לעבן פּאַר זייערע לאַקייען, שעמען זיך נעבעך אַריינצונעמען אין שטוב אַריין אַ געשמאַק הערינגל, עסן — „זשאַבעשיסלעך מיט פּאָמידאָרן־זאָפּט" און — סי קערט די גאַל... אָבער וואָס זאָל מען טון? עסן ציבעלעס? וואָס וועט דער לאַקיי זאָגן?

די קריטיק שרייט: אַוורעמל, אַוורעמל, שטאָ סטאָבי בודיט?...

זיי ווילן קלאַסישע אַנטיקן און נייע, און גלאַנצעדיקע: לויט דער לעצטער מאָדע פון „קאַפּיי ד'צימבולי".

רייזען איז גרעסער פון זיי — ער דערהויבט ס'קליינע לעבן,

שלאָגט פייער פון צוויי שטיינער — ס'אַלטע און נייע „גאַלעס"... ער שטייט נישט אַף בראָדוויי און האַלט זיך צו ס'היטל, און גאַפּט אַף די וואָלקנקראַצערס. ער שטוינט נישט איבער דאָס „ערשטוינ־לעכע", נאָר איבער אַלצדינג וואָס קומט אים אונטער דער האַנט... ס'האָט נישט קיין באַשטימטע שטוין־שטונדע צוויי מאָל אַ וואָך — נאָר ער שטוינט ווען עס מאַכט זיך, וואו עס מאַכט זיך, איבער וואָס עס מאַכט זיך...

ל. שאַפּיראָ איז שוין נאָכן צייל̈עם־פּעריאָד... היט זיין אַלט, גוט מאַמעלע, קוקט דורך די שווערע געשליפענע ברילן אַף דער וועלט — ווי דורך ווינטערדיקע טאָפּל־פענצטער, אין זיין קעלער־רעסטאָראַנדל אַף איסט־בראָדוויי... און אַלע עסן און — גיבן אים „אונטערשריפטן"...

קיין פּאַרנאָסע זעט זיך נישט. אָבער די דיסקוסיעס זענען הייס און בייז. זאָגט איינער „גוטמאָרגן", ענטפערט דער אַנדערער „גוטנאָוונט"... פרעגט דער דריטער: „צוליב וואָס?" מאַכט דער פערטער:

„ס'איז אינגאַנצן נישטאָ קיין גוטמאָרגן אַף דער וועלט", און אַלצדינג גייט טעמפּ און שנעל און גרינג: ווי אַ פאַרזשאַווערט מעסער אין צעקראָכענער פּוטער...

ב. לאַפּין האַלט אויך אַ רעסטאָראַנדל, דאָרט דרייען זיך שמועסן וועגן נישט־ווינציקער ווי ניעטשע, און נירוואַנאַ, און — גיט מיר, זייט מויכל, אַן עפּלקע מיט סמעטענע...

דער ליטווישער פּליגל...

רייזען איז אַ רעבע, וואָס שלעפּט מיט זיך מיט דעם סטענדער, און די כסידים זיינע גיט ער קוויטלעך און פּידיוינעס...

אַ רעבע, וואָס די כסידים עסן־אים־אויף — כאַפּן־צו נישט נאָר די שיראַים נאָר די גאַנצע כאַלע, און ס'טישטוך, און די לייכטער — און אַנטלויפן מיטן טיש.

א. מ. פוקס (דעמאָלט: „פוקסעלע") קומט צופאָרן פון גאַליציע און זעצט זיך אַנידער — עסן. לאָזן אַרבעטן די בענקאַר־טעס, וואָס האָבן קיין טאַלאַנט נישט. איך דאַרף נישט.

— און עסן, פוקסעלע? — וואָס וועסטו עסן?

— וואָס איכ'ל עסן, וועל איך עסן. אָבער באַ שאַפּיראָ'ן וועל איך עסן...

נו, מיילע, וואָס קען מען טון?

פוקסעלע'ן קוועטשט די מוזעכע — דער מוז, האָט צו אים קיין

צוטריט נישט... רייזען גיט אים גערעכט... ער וויל נישט ארבעטן — דארף ער נישט... ער האָט אין זיך אַ פונק... ווירקליך... אַ זשעניע...

עסט מען ווינציק, אָבער געשמאַק. שרייבט מען אַ סאַך, אָבער אָן זאַלץ... — ניין, מ'שרייבט נישט: נאָר מען באַרימט זיך.

רייזען קען נישט לײַדן — נאָר מען רעדט אים איין: ליידט ער, און ער הייסט געבן טיי פאַר אַלעמען, און אַנטליט בײַ עמיצן אַ דאָלאַר צו געבן דעם קעלנער „טרינקגעלט" און דעם כוויוו הייסט ער פאַרשרייבן...

מיר האָט מען שוין דעמאָלט געהאַט איינגערעדט, אַז איך בין אַ געלאַנגווײַלטער מענטש און אַ שיינגייסט, מאַכמעס איך בין דורכגעפאָרן וויען, און געלייענט פּעטער אַלטענבערג'ן...

איינער אַ ר., היינט אַ מיטאַרבעטער פון דער ניו־יאָרקער אידי־שער צייטונג „דער טאָג", אַ קיילעכדיק באָכערל, מיט אַ זאַפטיק געלעכטערל און מיט אויגן ווי ווײַנשל, איז מײַן רעכטע האַנט. ער טראָגט מיט זיך ס'קאַריערע־לייטערל — הינטער דער פּאָלע. איך באַמערק, נאָר ס'געפעלט מיר! לאָז זיך אים דאַכטן, אַז איך זע נישט. — אַזוי שלאָפן קינדער און הערן זיך אונטער סוידעס...

ער וואוינט בײַ אַ רומעניש פּאָרפאָלק, — ערגעץ אין אַן אָרימער גאַס, אַפן ...ציקסטן שטאָק. ס'ראָוו קומט ער צו מיר — ברענגט מיר ס'ווארימע ביסל קאַוועד אין אַ טעפּעלע, פּוצט מיר אָפּ די קנעפּ, פירט מיך שפּאַצירן.

איך בין שטענדיק נישט־געזונט. אַביסל פאַרפיבערט. אין די אויגן שטייט אַ טרער בראַנפן, ס'האַרץ איז אַ זאַק, מיט מעשוגענע לעמפּערטן..

כ'וואַרף אַמאָל (דורכן פענצטער) אַ פּאָר גראָשנס, אַמאָל זילבערשטיקלעך, אַמאָל גאַנצע טייסטערלעך... מר. ר. בויגט זיך אָן גאַלאַנט, לעמבערגיש, שמייכלט אַריבער פון איין אויער צום אַנדערן און הויבט־אויף ס'אַוועקגעוואָרפענע, עפּשער וועט עס שפּעטער צונוץ־קומען...

ר. באַלעקט זיך מיט זיך אַליין. ווען ער זאָל קענען, וואָלט ער זיך אַלע מינוט אַ קוש געטון אין באַק, און געזאָגט: „טייער באָכערל,טייער הערשעלע"...

ער לייענט פּוילישע ביכלעך, רעדט פון לעמבערג, טרינקט מילך־

מיט־וואסער, האָט ליב צו זאָגן „שפּאַרגעל", און זיין דייטשלעכער אידיש איז ווי אַ כיינעוודיקער, אויסלענדישער אַקצענט.

:: :: ::

מיר איז ביטער, דאַכט זיך מיר. פאַרנאַסע און איך קערן זיך נישט אָן. איך וואוין אַף „קניקערבאָקער עוועניו" אין ברוקלין. אַ לאַנגע, אויסגעמאַטערטע גאַס מיט אַ סאַך טראָלי־דראָטן אַף דאַרע סלופּעס און פורן מיט אויבס און גרינס נישט ווייט פונעם „דייטשישן דרויסן", לעבן דעם הינטערדאָרף, וואָס שפּייט אַרויס אַהער זיין האַלב־פאַרפוילט גאָרטנוואַרג; צווישן קראָמען מיט שיך און דייטשע „טרינקשטובן" און מיסיאָנערישע קלייזלעך. אָפן עק גאַס: דאָס באַגרעבער־געשעפטל מיטן אָפענעם קינדערקעסטל אין פענצטער, אויסגעבעט מיט ווייסן זייד — סי בעט זיך: קינדערלעך, קינדערלעך, טוט אַ טויווע און שטאַרבט.

דאָ ברענען אויך שטענדיק עלעקטרישע „ביילעוו־ליכט" מיט אַזוינע קינסטלעכע קנויטן.

מיין שטוב איז אַלטמאָדיש, גרויס ווי אַ שטאַל. יעדער צימער, נאָר דורכצופאָרן מיט אַ ביציקלעט. אַף די ווענט האָט מיר די אונגאַרישע שוויגער אויפגעהאָנגען די געוויסע בילדער: אַ יונג מיט אַ דרייעקיגן הוטל אין דער האַנט, קניעט הינטער אַ בוים. אַ פאַרצעלייען פריצעלע קעגן אים — פול מיט לעבצונג און גלוסטעניש. אין ריטשענדיקע פאַרבן. אָרום און וואַקסן בלימכענס. די נאַכטיגאַלן שטייען פיקס־און־פאַרטיק עפּעס צו טון.

די אַנדערע ליטאָגראַפיע (אַ דראָשע־געשאַנק פון אַן אָנקל פון דער קאָלעס צאַד) שטעלט אונטער ס'מויל און טרינקט פונעם פאָנטאַנדל. לעבן איר שטייט אַ באָכער אינגאַנצן איינגעטונקען אין גאָלד און אין זילבער.

גיי לעב. מיט אַזוינע בילדער.

און האָב אַ גוט האַרץ אַף אידן.

די פרוי מיינע האָט ליב „רייכקייט", עס זאָל בלישטשען. אַ שאַפע פאַר פאַרצעליי, אַ שאַפע פאַר פאַלש זילבערוואַרג, פאַר גע־שליפן גלאָז, אַ צעדער־קופערט פאַר וואָלשטאָף און קאַנגאַרן, און ווינטערדיקע קאָצן, פיין צוגעדעקט מיט דעקטיכער, קימאַט פאַר־שלאָגן... מ'זאָל נישט קענען צוקומען דאַצו.

אין „פּאַרלאָר" (סאַליע) טאָר מען נישט אַריינגיין, ווייל דאָרטן שטייט ס'נייע מעבל. די אַנדערע צימערן דאַרף מען פאַר עפּעס

אנדערש. דארף מען ארבעטן אין קיך. שלאָגט ווינטער פונעם אויוון א היץ א גרויסע.

ווער איך א ליריקער און הויב אָן שרייבן לענגערע, פיבערדיקע זאכן; וואָס העלפט א סאך צו מיין בארימטקייט, און יעדעס מאָל וואָס די שווינגער דערהערט אז איך קום (איך האָב א שווערן, איילנ־דיקן גאנג. איך גיי קימאט אזוי האסטיק ווי איך רעד), שטעלט זי זיך בא דער פרענטשע פון די טרעפּ און שרייט אראָפּ:

— איז! — (איך הייס בא איר „איז", אָפּגעקירצט אפּאָנים פון איזידאָר אָדער איזאַק) — איז, וויש דיר אָפּ די שיך.

אין דרויסן בין איך משה נאדיר. מ'ווייסט — איך עס קינדער אָפּ אָנבייסן, אקטיאָרן אז זיי רעדן צו מיר, קלייבן זיי פעדערלעך פון מיין לאָץ.

די „יונגע" שטעלן מיר ארויס פאר א שילדל אין יאָמטעוו־טעג. איך האָב א פּיסק. אז איך שטעל פיך אוועק רעדן, הערט איר...

אין שטוב בין איך „איז". דריי מיך ארום צווישן פּאָרצעלייענע זאכן און א סאך מעבל און דראָשע־געשאַנקן, און שווער און שווינגער, און איך ווייס נישט וואָס איך זאָל מיט מיר טון. שרייען געוואָלט, אָדער שרייבן קריטיק און באַליידיקן מענטשן.

און דערווייל דארף מען אביסל עסעכץ אויך. דין איך איבער אַלע אווייַדע־זאָרעס. שלאָג קאָפּ אין וואנט, קנייפּ די באַק, די פארב זאָל שטיין. שטעך מיר די ציין מיט די טייערע ציינשטעכערלעך, בעאיים די ציין אַליין גייען ארום ליידיק.

ווער איך אָן אגענט פון לעבן־פארזעכערניש. קריך אָפּ טרעפּ ארויף און טרעפּ אראָפּ. נאָר אָפּ עלטערע מענטשן אָדער אָרימע איטאַליענערקעס. כ'ווייס גאָרנישט וועגן פאך אַליין. קען מיך נישט אויס אין די ציפערן, ווייס נישט ווער ס'האָט מיך געשלייערט: נאָר איך רעד אָפּ אויסנווייניק וואָס סי קומט אין מויל אריין. כ'פארקויף שפּיצן פון קלויסטער, שיפן אפן וואסער, געפּרעגלטן שניי.

איך בין פארכאַפּט פון דעם געשעפט ווי פון ליטעראַטור. ס'איז לויטער פיקציע. דער קאָפּ ארבעט אָפּ אויסטערלישע פאָרטלען, ווי אזוי צו פארקויפן וואָס מער „סכוירע". דער עיקער פאר „קליינע קינדער". די ווייסטע איטאַליענער פון דער אָרימער געגנט לאָקימען זיך אין די עטלעכע דאָלאַרן, וואָס וועלן אריינקומען אין פאַל פון קינדס טויט. רעדן דאפון אזוי פּאַשעט, אז אָפּ מיר, דעם „ווינער גאַליציאַנער", דרייט זיך ס'היטל. טויט. טויט. איך האנדל מיט טויט. אזוי ווי דאָס באגרעבער־געוועלבל אפן עק גאס, וואָס איך

קען זען דורך מיין פענצטער. נאָר באַ מיר אין פענצטער ברענען קיין לעכט נישט. און עפשער יאָ? עפשער זענען עס מיינע פיבער־דיקע אויגן?

דער באַגרעבער אַליין („מאָרטואַר" רופט ער זיך אַפן שילד) — אַ האַרטער אירלענדישער מענטש, שטענדיק אָנגעטון אין יאָמטעוודיק שוואַרץ, ווי דער טויט וואָלט געווען אַ יאָמטעוו, — פילט זיך מיט מיר היימיש, ווי מיט אַן אייגענעם מענטש. אַז איך גיי פאַרביי מיטן דיקן רייסטער אונטערן אָרעם (ווי אַ סעקוועסטער), גיט ער מיר אָפּ דעם ברייטן „גאָט העלף", שלאָגט טשוועקעס אין אַ ניי קינדעריש טרימנעלע, שמייכלט מיט אַ קאַסטן פאַלשע, ווייסע ציין, פרייט זיך וואָס אין דרויסן גייט אַ שניי מיט אַ רעגן און מענטשן פאַרקילן זיך.

— אַ פיין וועטער, מיסטער אַגענט, האַ? ס'איז אַקוראַט פאַר אונדז.־ ווהאַט דו יו סעי?

(ער פינטלט מיט אַ פעט אויג, וואָס איז איבערגעצויגן מיט קאַלטער יויך).

איך און ער — קנעפּל און לעכל. שותפים.

דער אידישער דאָקטאָר פון מיין שטראָכיר־געזעלשאַפט וואוינט אַף דער גאַס, נישט ווייט פון מיר. ער האָט ערשט נאָר־וואָס געעפנט אַן „אָפיס". וואַרט אַף קוינים. באַקלאָגט ער זיך שטענדיק, אַז ער איז נישט געזונט. אַז סי פאַלט צו אים אַמאָל אַריין אַ פּאַ־ציענט, נעמט ער אים אַריין אין „ווייטיק־צימער" (אַזוי רופן אידישע פּאַציענטן זיין „וועיטינג־רום"), וואו סי שטייען גאַנצע שרענק מיט כירורגישע אינסטרומענטן (געבאָרגט אַף באָרג), וואָס ער ווייסט נישט ווי אַזוי מען נוצט זיי. שטעלט אָן די עלעקטרישע מאַשינעריע מיט גרינע און רויטע לעמפּלעך, מאַכט אָן אַ טויבן געררויש, וואָס קלינגט ווי אַ רעפּוע, און זאָגט — פּראָפעסאָריש־וויכטיק: „מ'דאַרף אייך דעם מאָגן"... (ער זאָגט נישט וואָס). „אָבער שרעקט זיך נישט," מאַכט ער, „אַז איר וועט אַריינקומען צו מיר צוויי מאָל אַ וואָך רעגל־מעסיק, וועט מען עפשער נישט דאַרפן נוצן אָט־די אינסטרומענטן."

(ער ווייזט אַף דער ריזיקער גלאָז־שאַפע מיט די ניקלנע קלאַפּער־געצייג).

דעם דאָקטאָרס הינטערשטע הויזן־קעשענעס זענען פול מיט פּלעשלעך האַסטאָנע, וועלכע ער שלעפּט אַרום אַלע ווײַלע איינ־איינעם מיט זיין קויטיקן נאָזטיכל. שטענדיק האָט ער טאַינעס צו מיינע אַפּליקאַנטן, אַז זייער „וואַסער" טויג נישט.

בין איך שולדיק.

איך האָב צו טון מיט דאָקטוירים, מיט באַגרעבערס, מיט אַלע שוואַרציאָרן, און אין האַרץ איז טישע־באָוו.

גיי איך אַוועק און טראַכט אויס נייע ליגנס, שפּיצלעך. און פון הויפּט־אַגענטור קומען אָן בריוולעך. מ'לויבט מיך. איך בין, אַף זייער כּיינעוודיקן לאָשן, „אַ לעבעדיקער דראָט". מ'דרוקט מיין פּאָרטרעט אין דעם זשורנאַל, וואָס די געזעלשאַפט גיט אַרויס אַלע כוידעש. דאָס בילד מיינס איז אָן אַלטס. איך בין נאָך דאָרט גאָר נישט קיין „אַגענט", האַלט אַ ביכל אונטערן אָרעם, שטיי לעבן אַ וואַזאָנקע און שמייכל.

טעמנע לעבן מיינס.

וויסטער דערפאָלג מיינער.

אַ לאַנגער און פּלאַכער ניי־ענגלענדער איז אַריינגעקומען אַרבעטן גלייך מיט מיר. אָבער ער האָט זיך אַנידערגעזעצט איבער דער „טוירע" און גענומען שטודירן „טעאָריע". זיצט ער און שטודירט און שטודירט, לייענט איבער עפּשער הונדערט „פּאָק־ביכער" איבער דער טעאָריע פון דער גרויסער וויסנשאַפט, ווי אַזוי אויס־צונאַרן באַ אַ דערשלאָגענעם מענטשן 10 סענט אַ וואָך. (פאַר יעדער קליינער „פּאָליסי" צאָלט די געזעלשאַפט דעם אַגענט 15 מאָל אַזוי פיל. נאָר זי נעמט קריק עפּשער 18.)

ער „לערנט" און איך טו.

אַלע אינדערפרי: דראַשעס. דער שעף איז אַ פּינקטלעכער דייטש, ווי אַ זייגער. ער קוקט אַף אונדז ווי קעניג פּאַרהע האָט גע־קוקט אַף זיינע שקלאַפן... קיין שטרוי גיט מען אונדז נישט, און ציגל הייסט מען אונדז מאַכן. אַכט אַזייגער מוז איך אויפשטיין. האַלב־ניין מוז איך שוין זיין באַם טיש און שרייבן בריוולעך וועגן טויט און ענטפערן די פּאָסט און זיך פּאַטשקען מיט ציפערן, וואָס איך קען קיינמאָל נישט צענויפהאַלטן און שטענדיק פעלט מיר באַם סאַך כעשבן געלט. (דער גוטער יאָר ווייסט, וואו עס איז אַהינ־געקומען, און אַלע דאָנערשטיק, ווען מען דאַרף אַריינגעבן דאָס „באַלאַנץ־בלאַט", מוז איך עפּעס פּאַרזעצן, קעדיי ווי־עס־איז צו מאַכן שאָלעם צווישן די ציפער און דעם זילבערגעלט וואָס וואַזשעט מיר אַראָפּ די קעשענע.)

אַרום 9 אַזייגער קומט דער שעף. אָן אויסגעצוואָגענער, מיט אויסגעלעקטע גרויע אויגן ווי פון אַלומינום און מיט אַ לעקעלע

ווי א „רייש” אפן הארבאטן שטערן און מיט כוצפעדיקע, ריינע, לענגלעכע ציין, וואס גלאנצן מיט געזונטן שפייעכץ.

ער רעדט וועגן פּליכט, לאיאליטעט. און אלע מאנטיק און דאנערשטיק גראבט ער אויס פון אונטער דער ערד עפּעס א טערעץ פארוואס מ׳דארף היינטיקע וואך ווערבירן מער פּאליסים ווי אלעמאל. אדער סי ווערט אקוראט 97 יאר זינט די געזעלשאפט האט זיך איינ־געפונדעוועט, אדער דער פּרעזידענט גיט אויס ס׳מוזיניקל, אדער עפּעס אן אנדער שווארץ יאר פייערט דארטן עפּעס א „האכצייט” — זענען מיר, די אגענטלעך, מעכויעוו לעקאווער דעם אפּצונארן נאך א פּאר ארעמע איטאליענערקעס אדער געלויכטיקע דייטשע פרויען, ווייזט דער שעף אף מיר. די קרוין פון זיין קאפּ. „קוקט”, זאגט ער, „אף ריז׳ן. (בא אים היים איך נישט „רייז”, נאר ריז). אט וואס איך רוף א לייטישער מענטש. בראוואָ! ” און ער גיט א קליין פּעטשעלע מיט זיינע הענט, וואס זענען פּול מיט זומערשפּרינקעלעך.

און איך זיץ אין געהאקטע וואונדן און קלער־אויס מאיסעס און באדויער מיך אליין. עמעס, זאג איך צו זיך אליין, נישט רייז בין איך, נאר א „ריז”, אז איך האלט דאס אויס.

אין שטוב איז נישט גוט, נישט גוט. מיין אונגארישע שוויגער פּארגעסט נישט מיך צו דערמאנען אפּצואווישן די שיך, אזוי גיך ווי זי דערהערט נאר מיינע טריט. דער באכער מיטן דריי־שפּיציקן היטל (אפן בילד) לאזט מיך נישט ארויס פון די הענט. דער שווער דערציילט זיינע 2 וויצן פּאמעלעך און רעגלמעסיק. די שאפע מיטן פאלשן זילבער בלישטשעט אזוי עלנט, אזוי עלנט. איך באד מיך און שווענק מיך. איך שפּריץ מיך און זיץ לעבן אויוון און שרייב גרעסערע לידער, וואס ברענגען דעש־ניע־דעש א ברויזל קאווער. דער פּארנאסע העלפן זיי נישט. מיין שווער קוקט אף מיר ווי מ׳קוקט אף א זייגערל אן ווייזערס. עפּעס הערט ער, אז איך „גיי”, נאר וויפיל איך האלט און צו וואס מ׳דארף מיך וויים ער נישט.

טויט. טויט. ארומגערינגלט מיט טויט, מיט באקטערישע אונטערזוכונגען, מיט א טיף באקענטעניש מיט מענטשלעכע ביילאעסן...

אין די ליטערארישע „קרייזן” איז אויך דאס זעלבע. דער טויט ווערט געגעבן פּאר א פּרעמיע צו יעדן קינסטלער. באם לעבן זעט מען דיך נישט, אדער מען ווארפט אף דיר בלאטע. גיסט נאר א שטארב, אהא! מען צעזינגט זיך ווי שפּיל־פייגל, מען מאכט דיר גוואלדיקע העספּיידים, א גרויסע לעווייע, סיטוצאך אביסל.

א אידישער שריפטלער דארף זיין פון אייזן, בייצושטיין דעם ניסאָיען פון איינאָטעמען גאז אָדער אראָפּוואַרפן זיך פון א צענטן שטאָק פון א רעדאַקציע.

:: :: ::

א. רייזען דערביוועט זיך א קאַפּעלע אין מיין „לאַגע". נעמט ער מיך אוועק און רוימט מיר איין אין אויער:

— נאַדיר, האָט זיי אין דר'ערד. („זיי" מיינט ער די קריטיקער). אייערע זאַכן וועלן לעבן אייביק. איר'ט זען. לאָז זיך נאָר ענדיקן די מילכאָמע און לאָז זיך נאָר עפּענען יוראָפּ, נאַדיר.

„יוראָפּ", הייסט עס, וועט מיך שטעלן אױף די פיס. נאָר אזא דעליקאַטער ערד־ביילעך ווי יוראָפּ קען אָפּשאַצן מיין „דעליקאַטן טאַלאַנט".

און ער רעכנט מיר נאָך אריין אין נאָדן די צוקונפטיקע דוירעס. ווערן זיי געהאַרגעט.

רייזען גיט זיך א נעם צו מיר.

ער'ט מיך מאַכן פאַר א לייט. ריישים דאָוואָר: קאַבאַרעט, מ'דאַרף גיין אין קאַבאַרעט; ווייהאַשיינים, בין איך, לויט מיין קינסטלערישן גראַד, מעכויעוו צו נעמען פון צייט צו צייט אביסל מאַשקע.

— איך האָב נישט ליב קיין בראַנפן.

— איך וויים.

— איך טאָר נישט טרינקען קיין וויין.

— איר טאָרט נישט. און ווער פון אונדז מעג דען יאָ? איך בין אַליין אויך נישט געזונט, אָבער וואָס קען מען טון. מ'איז אין גאָלעס. די וועלט וויל, אז דער קינסטלער זאָל טרינקען. מוז מען טרינקען. ס'איז א גרויסער סייכל אין דעם, נאַדיר. מיינט נישט!

און מיר גייען אוועק צו מאַקסים'ען און מיר זעצן זיך אוועק און מיר באַשטעלן צו פלעשלעך מאַיעם־הפּאַסקודנע, פאַר א פּרייז, וואָס דער אויבערשטער זאָל אָפּהיטן.

מיר גיבן צו זיפּ. ס'איז זויער און ס'האָט א טאַם ווי א מיקווע־וואַסער. עס מוז זיין, זאָגט רייזען, זייער גוטער וויין. און ער טראַכט אַליין אויס א נאָמען פאַר דעמדאָזיקן וויין. קאַדונעי. לאָז זיין קאַדונעי.

דערווייל טאַנצן ליכטיקע מיידלעך און נוצן די אייגענע פינגער פאַר פייגנבלעטער. קוקן מיר אזוי צו און מיר זאָגן זיך איינער ס'אַנדערע עפּעס אָפּן אויער און מיר ווערן טרויעריק.

בענייביי מאכט צו מיר רייזען:

— נאַדיר, איר פילט נישט עפּעס?

— וואָס זאָל איך פילן?

— כ'מיין דער וויין. ס'איז דאָך עפּעס גאָר גוואַלדיקער וויין. בעעמעס, זאָגט מיר, נאַדיר, איר באַמערקט גאָרנישט?

— וואָס זאָל איך באַמערקן?

— וואו מיר זענען געזעסן פריער, ווען מיר זענען אַריינגעקומען, געדענקט איר?

— לעבן דער טיר.

— און איצט?

איך גיב אַ קוק. מיר זיצן טאַקע היבש ביסל ווייט פון דער טיר.

— שאַרפער וויין.

באַשליסן מיר, אַז: גענוג. מיר האָבן אונדזערס געטון פאַר דער היסטאָריע. מיר האָבן זיך אָנגעשיקערט. מער זענען מיר נישט מעכויעוו. און ווי מיר רעדן אַזוי, מיר גיבן אַ קוק — מיר זענען שוין קריק לעבן דער טיר.

אוי, וויי איז מיר!

רופט רייזען צו דעם קעלנער און צאָלט אָפּ, און צאָלט איבער.

וואָרים ווייבאַלד מיר זענען שיקער...

ווי מיר זענען נאָר אַרוים אַפן גאַס האָבן מיר זיך מיט דער מינוט אויסגעניכטערט. גלייך מיר וואָלטן נישט געהאַט גענומען אַ טראָפּן אין מויל אַריין.

אַף בראָדוויי טרעפן מיר אָן אַ באַקאַנטן אַקטיאָר. דערציילן מיר אים וואָס פאַר אַ שטאַרקן וויין דער מאַקסים פאַרקויפט און ווי אַזוי דער קאָפּ האָט זיך אונדז פאַרדרייט פון ערשטן טרונק.

מאַכט יענער: — אַי, קינדער, איר זענט נאָך גאָר גרינע. איר ווייסט נישט, אַז דער דיל באַוועגט זיך דאָרטן...

:: :: ::

אַן אַנדערש מאָל.

מיר גייען פאַרטאָג אַהיים. מיר זענען אַף „דעלענסי סטריט". אַ פאַרשלאָפן אינגל קומט אַנטקעגן מיט צייטונגען.

רייזען:

— ווי הייסטו, אינגעלע?

— דזשאָן!

— דזשאָן? הערט נאָר, הערט נאָר, נאַדיר. דאָס אינגעלע

הייסט דזשאָן... ס'איז עפּעס סימבאָליש, ניין? איך מיין בעעמעס, נאַדיר, ס'איז גרויס! דזשאָן! וואונדערבאַר!

— וואו וואוינסטו, דזשאָן?

— אין סאָפאָלק סטריט.

— הערט נאָר, נאַדיר, דאָס אינגעלע וואוינט אין סאָפאָלק סטריט... בעעמעס א גוואַלדיקער סימבאָל.

— ווי הייסט דיין פּאַפּאַ?

— סעם...

— סעם... איז שוין נישט אַזוי. נו, און ווי הייסט דיין מאַמע, אינגעלע?

— פּעני!

— פּעני... הערט נאָר, הערט נאָר, נאַדיר... בעעמעס ווי א לעגענדע... מען דאַרף מאַכן דערפון עפּעס... אידיש קענסטו לייענען, אינגעלע?

— נאָ.

— ער קען נעבעך נישט... עס מאַכט נישט! ער'ט קענען! איך וועט מיך מיט אייך, אין וויפיל איר ווילט, נאַדיר, אַז ער'ט קענען אידיש בעסער פון אונדז... די „פּייפּערס" פאַרקויפסטו, אינגעלע?

— שור!

— הערט נאָר, הערט נאָר, נאַדיר: „שור", ס'איז בעעמעס ביבלישער קלאַנג... סע קלינגט אַזוי ווי „שויר"... שויר שענאַגאַך... נו, גוט, גיב מיר... ווייסטו וואָס, גיב מיר 25 צייטונגען... אַנו, באַרעכן, אינגעלע, וויפיל באַטרעפן 25 צייטונגען צו סענטן?

— 25 סענט, מיסטער!

— אוי, א לעבן אַף דיר! — גיט אים רייזען א קוש אַפן קאָשקעטל. — גיב אַהער אַלע „פּייפּערס"!...

דאָס אינגל גיט אים איבער דעם פּאַק צייטונגען, רייזען גיט אים וויפיל סי קומט. דאָס אינגל וויל שוין גיין אַהיים.

— שאַ — מאַכט רייזען — דאָס איז עפּעס נישט... מ'טאָר נישט אויסלערנען קיין אידיש קינד צו זיין א שנאָרער. ווייסטו וואָס, אינגעלע, שטעל זיך לעבן מיר און איך וועל דיר פאַרקויפן די „פּייפּערס"... ס'געלט מעגסטו האַלטן, סיי־ווי־סיי.... דו ווילסט, אינגעלע?

— שור!

— נו, גוט!

און א סאַך מענטשן, וואָס זענען געגאַנגען פאַרטאָג צו דער

ארבעט, האָבן געזען ווי רייזען שטייט מיט א פּאַק צייטונגען און שרייט אפן קאָל: „טאַגעבלאַט", „מאָרגן-זשורנאַל", „פאָרווערטס", „טאָג" — עקסטרא!

:: :: ::

אַן אַנדערש מאָל (שוין מיט יאָרן שפּעטער).

עס איז באַטאָג. אין דרויסן שיינט זיך אַן אָפּגעריבענע סעקאַנד-עוועניו זון, און עס שמעקן די געלרויטע שפּאַנישע פייגן, און פאָנאָגראַפס ריטשען-אויס די נייסטע לידער פון די אידישע טעאַטערס.

איך גיי פאַרביי דעם „קאַפּיי פון די צימבלען". זיצט רייזען איינער אַליין און זופּט וויין.

איך זעץ מיך לעבן אים, באַשטעל אביסל עסעכץ, און מיר צערעדן זיך.

— אי, נאַדיר, נאַדיר. איר זענט קאַליע געוואָרן. איר זענט א ראָשע. בעעמעס, איר זענט א ראָשע-מערושע, איר האָט פיינט אידן.

ער פאַרטראַכט זיך מיט די אויגן אין דער „צוקונפט" אריין, אין א צוקונפט וואָס איז געהאַקט פון שוואַרצן, גלאַנציקן מערמל-שטיין...

— טרינקט, נאַדיר, טרינקט אביסל וויין, וועט איר ווערן אויס ראָשע... בעעמעס, איר זענט דאָך א גאָלדענער מענטש, א לאַמעד-וואָווניק... מ'דאַרף אייך פאַרשטיין. זיי פאַרשטייען אייך ניט...

— כ'טאָר נישט טרינקען! צוויייטנס, האָב איך קיין געלט נישט.

— געלט? — מאַכט רייזען, און שמייכלט ווי א אינגל, וואָס מ'האָט עס צום ערשטן מאָל אין לעבן אָפּגעשווירן. — איך האָב היינט נישט געהאַט קיין 16 סענט אַף א פלאַש מילך פאַר מיין שיינדעלען...

— טאָ וואָס-זשע גיט איר אויס דריי דאָלאַר אַף א פלאַש וויין?

— איר זענט א שוטע, — מאַכט רייזען. — א קלוגער מענטש ווי איר, און איר פאַרשטייט נישט, אַז ווען איך זאָל האָבן גענוג אַף מילך פאַר שיינדעלען, וואָלט ס'האַרץ נישט געווען פאַרביטערט, וואָלט איך נישט גענדאַרפט זיצן דאָ און טרינקען וויין און צאָלן דריי דאָלאַר פאַר א פלעשל...

:: :: ::

מיט יאָרן פריער, ווען רייזען איז געווען ס'ערשטע מאָל אין אמעריקע:

מען מאַכט אים אַ 25־יאָריקן יובילײ. די פּרעסע פּויקט — „אונדזער רייזען"... מ'קאַרגט נישט קיין קאָוועד. איינמאָל אין 25 יאָר קען מען זיך פאַרגינען.

רייזען שמייכלט איבער דעם אַלעמען. די מענטשנס גוטקייט צו אים — שטראַלט זיך אויס אין זיין גוטסקייט צו אַנדערע.

ער זופּט — ווי דעמאָלט בא מאַקסים'ען — דעם צעפּירטן ווײן מיט קליינע, מענוכעסדיקע זיפּן און רעדט זיך איין ער איז שיקער.

איך נעם צענויף אביסל געלט, קויף אים אַ מאַטאָנע אַ גאָלדן זייגערל. שטייען די אַנדערע צו, מ'זאָל אויסקריצן אַפן דעקל עפּעס אַ שריפט, לאָז איך נישט... איז מען מיך כווישעד אין פערזענלעכע קאַוואָנעס, אָבער גאָט ווייסט דעם עמעס, אַז איך בין בלויז אויסן געווען, אַז טאָמער ווי אַ זאַך מאַכט זיך, זאָל ער עס קענען פאַרזעצן...

מ'לאָזט סאָף־קאָל־סאָף איינגראַווירן אַ פּאָר ווערטער אַף דער לינקער זייט פון דער פינקלדיקער קופּערטע און מ'גיט אים. גייט ער אַרום מיט אַ נייעם גאָלדענעם זייגער און מיט אַ גאָלדן קייטל, און אין שוואַרצן טאַקסידאָ. דער ערעוו־יאָנטעוו נודיעט אים — ער האָט קיין געדולד נישט.

און געלט דאַרף ער אויך האָבן...

די שוועדישע פרוי, בא וועלכער ער האָט גענומען אַ מעבלירט צימער (אין ברוקלין איז עס, לעבן דער נייער בריק), מאָנט דירע־געלט... נישטאָ פון וואַנעט צו באַצאָלן... דרייט מען זיך אַרום ביז שפּעט באַנאַכט, זי זאָל נישט זען אַריינקומען, און מ'כאַפּט זיך אַרויס פאַרטאָג, זי זאָל נישט זען אַרויסגיין... און אַלע באַנאַכט, ווען מ'קומט אַהיים, טרעפט מען אונטער דער טיר, אַרונטערגערוקט, אַ צעטעלע: „זייט אַזוי גוט, מיסטער, און באַצאָלט רענט — מיר קענען לענגער נישט וואַרטן".

זי וואַרט. וואָס זאָל זי טון? אַרויסשטעלן אַפן גאַס דאַרף קאָסטן עטלעכע דאָלאַר, און זי איז נעבעך אַן אָרעמע פרוי, אַ וויסטע אַלמאָנע.

גייט רייזען אַרום נישט אויסגעשלאָפן, שטאַרקט זיך אַ גאַנצן טאָג מיט געדריכטער קאַווע, און באַנאַכט מאַכט ער האַקאָפעס אַרום זיין הויז, ער וויל זען צי בא דער באַלעבאָסטע אין צימער איז שוין אויסגעלאָשן די גאַז און צי מ'קאָן שוין אַהיימגיין...

אויב יאָ: כאַפּט ער זיך אַריין אַף די שפּיץ־פינגער... אַז ער

איז פארקילט, גייט ער אימגאנצן נישט אהיים. ער האט מוירע אז ער וועט א נים טאָן, וועט ער זיך ארויסגעבן...

ביזן יובילייִ אזוי.

אפן יובילייִ טוט זיך אף טיש און אף בענק! „ניו־יאָרק פייערט איר דיכטער"... „אמעריקע פייערט איר דיכטער"... די וועלט קוקט אריין דורכן פענצטער און גאפט. ווי אזוי מען קען דאס זיין אזוי באריםט!

איך בין „קראנצענפריילין". העלף אים פארקניפּן דעם ווייסן שניפּס. שטעק אים אריין די קליינע פּערלמוטערנע בריסט־קנעפּ אין קנאקעדיקן העמד — פּיר אים אונטער, מיט קאָוועד, און דער אָפּשיין פון דער היינטיקער שבינע פאלט אף מיר אויך.

מ'ווייזט פון אומעטום:

— דער לאנגער דאָרט מיט דעם מאָדנעם קראוואט און מיטן געשטיקטן העמד איז — נאדיר...

איך הער דאס — איך מאך מיך, גלייך איך הער נישט... ס'האט בא מיר א ווערדע! (עמהע).

מ'דרייט אָן די דראָשעס, מ'רעדלט זיי אָפּ. א מירע ארויף, א מירע אראָפּ. טשאד... רויך... ווערטער — פאלשע און ערלעכע...

דער יובילייִ האט זיך געענדיקט. די געסט זענען זיך צע־גאנגען, די רעדנערס האבן זיך גענוג אָנגעגעסן מיט סאם: געריםט א פרעמדן מענטשן; לויפט מען אהיים און מ'שעמט זיך איינער דעם אנדערן צו קוקן אין די אויגן אריין.

בלייבן בלויז א פּאָר אייגענע. צוויי פריילינס, וואָס האָבן קיין צייט נישט צו ווארטן; א ברודער, וואָס וואוינט ערגעץ אין דער הינטער־שטאָט, דאָרף „כאפּן די באן"; שלום אש, וואָס האָט (פון די אלע לויבגעזאנגען, וואָס מ'האט רייזענען געגעבן) געקראָגן א שרעקלעכן ציין־ווייטיק, און ער מוז אהיימגיין.

שטעלט זיך אָפּ פון דער גאנצער סימכע:

דער כאָסן אליין, א גוואלטיקער קראנץ בלומען, וואָס קינדער פון א אידישער שול האָבן געבראכט א מאָטאָנע רייזענען, און—איך.

קוקן מיר זיך ביידע אָן. קוקן מיר אָן דעם קראנץ. ס'איז שפּעט — וואָס טוט מען?

גיב איך א נעם דעם גרויסן קראנץ אף אן אקסל, העלף רייזענען אָנטון דעם נייעם אויבערמאנטל, וועלכער איז — בישאָס יובילייִ — אראָפּגעפאלן אף דר'ערד און איז שטארק פארשמירט, און מיר לאָזן זיך אין גאס אריין.

אין דרויסן גיסט זיך צעביסלעך א רעגן — פון יענע רעגנדלעך, וואָס האָבן צייט... קומען זיי נישט היינט, קומען זיי מאָרגן...

— וואָס טוט מען?

אהיימגיין מיטן קראַנץ בלומען קען ער נישט — די „מיסעס" וועט אים האַלטן פאַר א מעשוגענעם...

דאַרף מען פון אים זען פּאָטער ווערן...

זיצט א שייגעץ אַף א שאָקלדיקן פּיאַקער און דרימלט, וויל איך אריינוואַרפן דעם קראַנץ אין פּיאַקער אריין, כאַפּט זיך רער שייגעץ אויף און — לויפט אונדז נאָך, און וויל אונדז ביידן דערהאַרגענען.

— וואָס איז דאָס פאַר א כאַזעריי?

שטעל איך מיך מיט אים דינגען: וואָסטו וואָס, באָבער, נאַדיר א דאָלאַר און וויש דיר אָפּ ס'מויל און לאָז זיין שטיל.

וויל ער נישט...

ער איז זיך מעשאַיער: עפּעס א אידישע שטוקע, — מ'וויל אים נעמען אָפּן זעבער...

נעם איך שוין קריק דעם קראַנץ אַף אַן אקסל, און גיי, און רייזען גייט־נאָך פון הינטן — ווי אַף א לעוואַיע... און מיר זענען ביידע פּיטש־נאַס און פאַרשלאָפּן, און מיד...

מיר האָבן זיך אַזוי אַרומגעדרייט מיט דעם פאַרשאָלטענעם קראַנץ אַרום א האַלבע שאָ... נישט געוואוסט ווי פּאָטער צו ווערן פון דער צאָרע. ביז גאָט האָט געהאָלפן, מיר זענען פאַרבייגעגאַנגען די 59טע גאַס, וואו עס שטייט קאָלאָמבוס'עס מאָנומענט, מיט טרעפּ־לעך אַרויפצוגיין צום סאַמע שפּיץ.

רייזענען איז עפּעס איינגעפאַלן:

— ווייסט איר וואָס, נאַדיר, טוט אים אָן דעם קראַנץ... ס'איז זיין אַמעריקע.

איך בין אַרויפגעקראָכן אַף די טרעפּלעך, אָנגעטון קאָלאָמבוס'ן רייזענס בלומענקראַנץ. קאָלאָמבוס האָט זיך געמאַכט נישט־וויסנדיק, גאָרנישט־געזאָגט...

:: :: ::

ערגעץ האָט זיך (מיסטאָמע) געלאָשן דער מאָרגנשטערן. אָבער מיר האָבן אים נישט געזען. מיר זענען אריין אין „סאָבוועי", נישט־באַקרענצלטע, פּראָסטע, שטערבלעכע, אין דער פייכטער „ענדלעכ־קייט" פון א ניו־יאָרקער אונטערדישן פרימאָרגן.

אין עטלעכע יאָר אַרום, האָט אָט־דער, אין מיר איינגעזונקענער אינצידענט, זיך באַוויזן אין מיין פּיעסע „סוקסעס", וואָס מאָרים

שווארץ האָט צום לעבן געבראַכט אין זיין טעאַטער. איך האָב דאָרט „באַוויזן“, אַז אַ כּוץ „גוטע קריטיקן“ און בלומען־בעזימלעך דאַרף דער קינסטלער אויך האָבן אַ שטיקל ברויט, אַ שיסעלע באָרטש, אַ רעגנמאַנטל, אַ וואַרעם ווייב — מ׳האָט דאָך מיך שיער פאַרשטיי־נערט דערפאַר!...

:: :: ::

דורך לאַנגע אייביקייטן
גייט דאָס לעבן.
אָבער דערוויל איז די נאַכט
מיט לעוואַנע־ווייס
און מיט פינקלדיקער
שטילקייט.
די איצטיקע
קליינע רעגע
איז מערער
און אייביקער
ווי אַלע אייביקייטן,
וואָס גייען אונדז אַנטקעגן.
(אַ ליד פון דער דעקאַדענץ־צייט)

אין דעם יאָר פון דעם גרויסן גערעטעניש אַף לידער, וואָס האָבן קיין טיר־און־פענצטער נישט...

פאַר דער וועלט־מילכאָמע.

דעקאַדענץ.

אַ „פוילע זיסקייט“ ווי פון צוגעלעגערטע פּרוכטן.

די שרייבער (און די אַנדערע „קינסטלער“) האָבן אָט־ערשט אַנטדעקט אַז די וועלט איז פול מיט שעלכטס. עפּעס האָט זיי, ווייזט־אויס מעשונעדיק האַנאָע געטון דאַפון...

נישט געוויינט האָט מען איבער די כּאַזערייען פון אונדזער לעבן, נישט אַ האַנט אין קאַלט וואַסער האָט מען געטון, אויסצוראַמען דאָס שלעכטס פון דער וועלט, נאָר מ׳האָט אויפגעבונדן און צוגע־בונדן די... וואונדן פון דעם סאָציאַלן „פייגער מיט אַ שניפּס“, וואָס איז געלעגן פאַר אונדזער טיר, און מ׳האָט עפּעס ווי געטרייסט זיך מיט דעם געדאַנק, אַז ס׳איז נישט מעגלעך בעסער צו מאַכן, אַז אַלדינג איז פּוסט, וויסט און פינצטער...

אין יענע טעג האָבן מיר, אידישע שרייבער, זיך געקראַצט די אייגענע וואונדן מיט פּערלמוטערנע שערבלעך. געמאַכט אַ צייט־פאַרטרייב פון אונדזער לאַנגוויל.

זשעסטן. קינדערשפּיל. דעקלאַמאַציע...

א צוויי־דריי פון יענע „זשעסטן" געדענק איך:

ס'האָט געזריעט אַף טאָג. מ'איז אַהיים געגאַנגען פון עפּעס א קערמישל. איך בין געווען פריילעך איבער די קויכעס...

עס זענען געווען אייגענע ברידער־שרייביסטן. א כאָצע־אידיאָט, וואָס שניידט זיך אַף א קריטיקער. א מאָלערין מיט א געפּייניקט פּאָנים, וואָס האָט זיך — פריערט אביסל — שיקערלעך צעוויינט אין טעקסי, און מעלאַנכאָליזירט איבער דעם לעבן, מיט גראָבע רייד — זי איז געווען דרייפערטל הינטער א באָכער'ס צעשפּרייטן ברוינעם מאַנטל.

אברהם רייזען:

— קומט, קינדער, לאָמיר אַריינגיין טרינקען נאָך א קאַווע!

רייזענס אומענדלעכער אַפּעטיט פאַר קאַווע! דער אַמאָליקער קוואַל פון אונדזער באַהעמישקייט: בראָנפנטרינקעכץ, קאַוועטרינקעכץ, טרערנטרינקעכץ...

דאָס אידישע ניו־יאָרק פיר אזייגער פאַרטאָג איז ווי אַן אידיאָט, וואָס מ'האָט אים דערלאַנגט א טשמעל איבערן קאָפּ — אזוי אומזיניק! מיסט־פּעסלעך — פולע מיטן אויג, ווי אַן אָמיין איבער א מיסט־בראָכע... די קאַנאַלן לאָזן הערן די שטים פון אונדזער אינערלעך לעבן. די לופט איז אומקרייטיק און די נויט גרעבצט אַריבער מיט די רעדער איבער טראָטואַרן, מילכוועגן...

די אייטערס פון די דאָרפישע קי — גרייכן ווייט, שפּריצן פון קאָנעטיקוט ביז אַהער אַריבער. דאָס באַלעבאַטישע ניו־יאָרק שטייט אויף און כאַפּט זיך צו — צו די בעקיימעס...

נאָך־נישט־געבוירענע הינדלעך און הענדלעך הויבן אָן אַרונטער־צופאָרן דורך די מענטשלעכע העלדזער אין די קאַנאַלן אַריין.

שלעפּן זיך גרויסלעכע שרייבער מיט זייער גרויסקייט — ווי מיט נאַסע האָרבעס אַף די פּלייצעס. נישטאָ וואו אָפּצולייגן די מאַסע... סיידן אין א קאַפּיי ערגעץ.

גייען מיר אַריין אין אַן אָרים קאַוועשטיבל, ערגעץ אַף לעקסינג־טאָן עוועניו. דער באַלעבאָס שיט זעג־שטויב אַפן דיל און לאָזט זיך נישט איבערשלאָגן פון קיינעם אינמיטן דער אַרבעט. דער קעלנער איז ברודיק ווי דאָס געוויסן פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, פאַרשלאָפן, און ווייזט־אַרויס וויניק דערעך־ערעץ פאַר די פרישע נאַכט־געסט: כ'ווייס? שלעפערס דאָרטן, האָבן מיסטאָם קיין גראָשן נישט!

דער קעלנער גיט אַ שמיר איבערן טיש מיט אַ שמוציק האַנטיכל, גיט אַ פּליאַסקע אַרויף דאָס ביסל עסעכץ און — קלאַפּט זיך קריק אין מויל אַריין אַ געניץ, וואָס וויל אַרויסקריכן.

רייזען איז אויפגערעגט:

— סטייטש! אונדז?... קינסטלער?! גייסטיקע אַריסטאָ־קראַטן! — און ער קלייבט פּאַוואָלי די ביינדלעך פון אַ מאַרינירטן בלאָלעכן הערינג, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט קאַבאַלע־רינגען פון ציבעלעס.

שמייכלט דאָס מיידל מיטן געפּייניקטן פּאָנים און — דעקלאַ־מירט עפּעס פון וואָלט וויטמאַנ׳ען.

דער כאַצע־אידיאָט וואָס שניידט זיך אַף אַ קריטיקער, כאַפּט אַ בלייפעדער און פּאַפּיר און פאַרשרייבט דעמ׳ס און יענעמס כאָכמעס — פאַר די צוקונפטיקע דוירעס־וועגן.

ווערט שפּעט, שפּעטער. די נאַכט צעקריכט זיך ביסלעכווייז. נעמט אַ סאָף צו די ליטעראַרישע שמועסן, צו דער זעלבסט־גלאָרי־פיקאַציע פון פאַרשלאָפענע שרייבער... הויבט מען אָן זוכען די מאַנטלען מיט די שטעקענס. מ׳קוקט אַוועק פון די בעשבן־צעטעלעך, ווי פון סאָנים — עפּשער וועט אַן אַנדערער באַצאָלן...

באַצאָלט איינער, איז מען באַפרייט... איז גרינגער צו טראָגן דעם שווערן קאָסמאָס אַף די אַקסלען.

גייען מיר?

גייען מיר!

דער פאַרכווישעכטער קעלנער שטייט און געניצט, און קראַצט זיך הינטערן אויער, און רירט זיך נישט. העלפט קיין מאַנטל נישט אַראָפּנעמען פון טשוואָק. זעט אונדז אפילע נישט... מיר זענען פאַר אים נישטאָ...

מיר, מאַלט זיך — וואָס אַזוי און אַזוי! איז רייזען אַף אים איש־לעהאָווע. ער׳ט אים שיסן! בעעמעס: שיסן ווי אַ הונט! אַזאַ לײדאַק!... אַזאַ גאַרנישט... און אַז מיר זענען אָרימע קונדן, איז וואָס! דאַרף מען אונדז אַזוי גראָב באַהאַנדלען?

רוף איך מיך אָן:

— סי קען געזיין, אַז ער ווייסט גאַרנישט ווער מיר זענען?

מאַכט רייזען:

— און אַז גלאַט־אַזוי מענטשן — דאַרף מען אויך דערקענען אַף אונדז ווער מיר זענען...

און סי טוט זיך! — רייזען האַלט, אַז נאַר פּעטש! מ'דאַרף אים אַרומפּאַטשן, דעם יונג...

דאָס מיידל מיטן געפּייניקטן פּנים זאָגט דאָסזעלבע און דע־קלאַמירט און קוקט אין האַנטשפּיגעלע און פּודערט זיך די טויטע נאָז. דער כּאַצע־אידיאָט, וואָס שניידט זיך אָפּ אַ קריטיקער, שניצט ס'בלייפעדערל...

רוף איך מיך אָן:

— שאַ, לאָזט מיך! איכ'ל אים אָנלערנען, דעם פֿערד, אַז ער וועט אונדז שוין האָבן צו געדענקען.

אַלע רוקן זיך אָפּ אַף אַ זייט, קעדיי צו מאַכן פּלאַץ פאַר דעם געשלעג. איך פאַרקאַטשע די אַרבל און — נעם אַרויס פון קעשענע די לעצטע פינף דאָלאַר מיינע (איך האָב אַף זיי שווער געאַרבעט אַ וואָך!) און דערלאַנג עס דעם קעלנער טרינקגעלט... און זאָג גוואַלטיק העפלעך:

— אַ גוטע נאַכט!

דער קעלנער איז געבליבן שטיין מיט דער אַסיגנאַציע אין האַנט ווי אַן אויסגעפּאַטשטער, איז געוואָרן רויט־און־טויט. האָט זיך געמינעט אין אַלע קאָלירן, געשמייכלט ווי איינער וואָס מ'האָט אים איבערגעשניטן דעם האַלדז...

רייזען האָט מיר (מיסטאָמע) ניט פאַרגונען דעם „קריסטלעכן זשעסט", איז ער אַוועק און האָט געכאַפּט דעם ערשטן און בעסטן „באָס", וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען, און אים אָנגעשטופּט אַ פולע זשמעניע מיט געלט...

דער „באָס", מיט אַ שטעכיקער באָרד און מיט פייערדיקע האָר אַף די גרויסע הענט, האָט געקוקט דאָ אַף דער זשמעניע מיט זילבער־שטיקלעך, דאָ אַף רייזענען, און געפרעגט, בעאיים ער האָט צו־געטראָגן דאָס געלט צום מויל און אַרויפגעהויכט דאַרויף:

— פאַרוואָס גיט מען דאָס מיר?

— גלאַט אַזוי, — האָט געזאָגט רייזען — מיר גיבן עס אייך, ווייל... ווייל אייער פּנים געפעלט אונדז...

דער טרעמפּ האָט זיך אַ גלעט געטון די באָרד מיט גרויס זעלבסט־ליבשאַפט און געזאָגט מיט געזונטע פאַרגעלטע ציין, דורך וועלכע עס האָט זיך געזיפּט אַ טעאַטראַליש שמייכעלע:

— דאָס איז עמעס. אַ פּנים האָב איך אַ גוטס!...

ער האָט פאַרקלאַפּט די אַנדערע האַנט־פלאַך אַף דער ערשטער — ווי מ'קלאַפּט קריק צו אַן אויפגעמאַכטע וועלשענע נוס און איז

אוועק.

די מראקע האָט אים איינגעשלונגען, ערגעץ אַרום דער בויערי און דילענסי סטריט.

:: :: ::

דאָס פּאָנים אימגאַנצן אָפּגעקערט פונעם אַרבעטערקלאַס, פּראָ־ווען מיר אונזערע לומפּנפּראָלעטאַרישע קערמעשלעך און מיר זינגען מיטן נוסעך פון „מיר ווערן געהאַסט און געטריבן״:

„מיר טרינקען זיך אָפּטע באַנקעטן
און טרינקען אויס בעכערס אַ יאָם,
דערפאַר ווייל מיר זענען פּאָעטן
און קענען די קונסט פונעם גראָם.״

אַלע באַנאַכט — אַ באַנקעט.

ס׳איז אין יאָר פון גאָט־און־מאָשיעך־זוכעניש. סי ליטעראַרישט זיך בא אונדז. איבערגעשראָקענע הינער (דער קריטיקער־האָגאָדל האָט אַ וואָרף געטון מיט דער יאַרמולקע אַף זיי און אַ מאַך געטון „אַ־הוש!״) הויבן־אויף די פליגלען און ווילן פליען. גוגערן דער־ווייל, מאַכן קוילעס. שאַרפן זיך די פּיסקלעך: ליטעראַרישע קלובן, שולן...

בא די קריטיקער־כירורגן איז אין דער מאָדע סעקציע־אַרבעט: איינער צייכנט אָן אַפן בויך דעם שניט, איינער שמעקט צו דער מאַטעריע. אַ דריטער גראַבלט מיטן שטימפּיקן מעסער אין דער וואונד, וואו סי מאַכט זיך — מאַכט אַליין אָן די וואונד, וואָס ער דאַרף היילן. בא דעם בעסטן אַפילע ציטערט די האַנט, קיין דערפאַרונג נישטאָ. די וואָרט־כירורגיע איז נאָך אַזוי יונג. דער פּאַציענט, אָפּט אָן איינענער מענטש... אַ ברודער. גיי מאַך אַ גערעכטענע אָפּעראַציע אַף אָן אייגענעם ברודער. (נישט מיט ליב־שאַפט, מאַכט ער היילט מען וואונדן, נאָר מיט וויסן, מיט קענען!).

ס׳איז פּאַרע און טשאַד און סי זידט — דער קוימען שאָקלט זיך אַפן האַלב־לײדיקן סאַמאָוואַר. דאָס וואַסער איז בלאָטיק... וועט קיין טיי נישט ווערן... אַ פליג שלעפט אָן עלפאַנט בא אַ פּוס... דער גראָבער אַמביציע׳ס אַ פעטער שלאָגט רייפן מעשענע אַף אַ פעסל, וואָס איז געמאַכט פון לייוונט.

גייען־אַרום די פּאָר ערלעכע „כמוראַקעס״־שרייבער, וויסן נישט וואָס צו טון מיט זיך אַף דעם יאָר־יאַריד פון טוירע און סבוירע און געפּוצטע שטיוול, קענען דעם יאַריד נישט פאַרטראָגן און נישטאָ קיין פור אַף אַוועקפאָרן. הענג איך אַרוים אַן עפּיגראַמ־

שילדל: „קלוגע לערנען זיך אליין — אידיאטן לערנען אנדערע", א רעמעז קעגן די „יונגע איידימלעך", וואס באלאגערן א בידנע גלעזל קאווע און באשליסן: די ליטעראַרישע שול, יענע שול... יעדער נייער גראם איז א נייע שול, יעדער שוואכער קריי, איז א גוואלדאווער האן.

שולן — ווי קאזענע ביבקעס...

איטלעכער קלינגט מיט די פאר פרוטעס אין קעשענע — די רייכקייט פון אן עוויען! פוילישער ייכעס בלאזט זיך... ווי אן אינדיק. ליטווישער סייכל — וואלגערט לאקשן אף א ליטעראַריש לאקשנברעט... לירִיק גיסט זיך פון די גלאנציקע בלעכענע נייע טעפלעך אינעם אייביקייט־צעבער אריין — הימל דערבארעם דיך!

ווי א באלעבעסל מיט אן ערשט קינד, אזוי שטופט יעדער זיין אניוועס פאראויס אין א קינדער־וועגעלע.

די „נעשאמע" פארהאלעט זיך און ווייזט וואס פאר א גוואל־טיקער פארשוין זי איז!

דער צייטגייסט שטייט ווי א אינגל מיט א פארהויבן העמדל און מאכט פיילנבויגנס איבער א לאכנדיקער לעוואנע.

איך נעם צענויף די פאר „אויסגעפרופטע" שטילע שרייבערס און מאלערס און שפילערס און גלאט שיינע מיידלעך און מיר גייען א קאדריל אפן כורבן פון באיעס־שלישי... אף דעם זיסן „אונטער־גאנג" פון אונדזערע שיפן, וואס פירן „הייליקן בוימל" צום קונסט־טעמפל...

דאס ליטעראַרישע רוים ברענט, און — מיר שפילן קימאט פידל.

אלע נאכט א באנקעט — אין סטרונסקי'ס קאפע אף דער צווייטער עוועניו, צו פייערן דעם יאנטעוו פון „קינסטלערישן אומעט", פון אויפגעבלאזענעם, בעז־פרוכטנעם וועלט־שמערץ...

דארף מען אבער טערוצים: אינדערוואכן עסט מען קיין קוגל נישט. — עסט מען אים יא, איז מען א מעשוגענער, אן עקס־צענטריק...

מוז מען זוכן טערוצים — פאר די בענטשלעכט.

געפינט מען. —

דער קאלעגע עליע האלט באם פארטראכטן עפעס גאר א גרויס ווערק.

דעם קאלעגע ב. האט דוד פינסקי בעפייריש געזאגט... (מיט די־א רייד!): בא ברודער גימל האט דאס קינד אראפגעשלונגען א קנעפל. און עס איז בעשאלעם ארויס — קריק.

און אזוי קעסיידער.

אָבער אַפילע די מילכיקסטע פאַנטאַזיע מעלקט זיך דאָך אוים, ביפראַט, אז דאָס גראָז אַף וואָס זי פאַשעט זיך, איז אזוי שיטער, קוים־גרין...

איז געקומען א נאכט, ווען די טישן אין סטרונסקי׳ס קאַפיינע זענען געווען געדעקט, די פיסקלעך פון די פלעשער באַשטעקט מיט בלומען. די אונגערקעלעך צעשניטן. די פּאַמידאָרן — אַן אוים־געצייכנטער „נאַטור־מאָרט" — די גיך־גועל־געוואָרענע סעלערי־בערשטלעך זענען אין די גלעזער, און די לאַנגע איטאַליענישע ברויטשטעקעלעך שטייען און בענקען נאָך קעסטלעך ציין, וואָס זאָלן זיין טון זייער רעכט...

און קיין טערעץ פאַרוואָס צו מאַכן א באַנקעט איז — נישטאָ.

זיצן אַלע באַ די טישן פּאַראומערט — און מ׳ווייסט נישט וואָס צו טון... און מ׳קוקט אַף זוני מאוד׳ן.

זאָגט מאוד אַף א קאָל, וואָס קומט ווי פון א גענדזענעם ווײשעט:

— איך גיי מיך אַביסל דורך, עפּשער וועל איך געפינען עפּעס א טערעץ פאַרן היינטיקן באַנקעט.

עס געדויערט נישט קיין צען מינוט, קומט ער קריק מיט אַן עלטערן אידן, וואָס איז דריי־פערטל באָרד־און־פּייעס, און ס׳איבעריקע א שאַמעס אין א שולכן.

וואו האָט אים מאוד דערטאַפּט?

אין א שולכן אַף דער 8טער גאַס. אים אַריינגעשטופּט א רעכאַשל אין יאַד אריין, אים קוים איינגערעדט — ער זאָל זיך לאָזן „פּייערן".

מ׳זעצט די פּרעמדע באָרד אויבנאָן, מען מאַכט איר א וויוואַט, און איך טו א שטעל פאַר:

— א מענטש, ווי איר זעט, וואָס האָט שוין אָפּגעלעבט 58 יאָר מיט דריי וואָכן, מיט.... ע.... (איך בויג־צו ס׳אויער, דער שאַמעס זאָגט מיר אונטער) מיט א טאָג, מיט א... (כ׳בויג ווידער צו ס׳אויער) צענטהאַלבן שאָ! — 58 יאָר, אַז אונדזער שאַמעס זאָל לעבן לעבט טאָג־איין, טאָג־אויס, שאַבעס און זונטיק, יאָנטעוו און רייש־כוידעש — און איך מיין, אַז פאַר דעם אַליין איז ער ווערט, אַז מ׳זאָל אים מאַכן א באַנקעט. איך טרינק צום געזונט פון אַלע וואָס לעבן 24 שאָ א טאָג אומזיסט־אומנישט. לעכאַים!

דער שאַמעס איז ביסלעכווייז אריין אין דער שטימונג. מיר

האָבן צענויפגענומען געלט און אים געקויפט אַ זשמיט בלומען — דער איד האָט זיי צוגענומען. כעוורע האָבן געהאַלטן דראַשעס נוסעך „קאַפּריזנע קינסטלער" און געלויבט די „באָרד" און איר אָפּגעגעבן גענוג קאָוועד...

דער שאַמעס האָט געגאָסן „הייסן בראָנפן" הינטער די דעבלדיקע וואַנטשעס און איבער דער באָרד אַריבער געשמייכלט מיט מאַצייווע־דיקע ציין, זיך צעזונגען אַף אַ הייזעריק קאָל און — עס איז געווען ווי אַ געוויין.

צום סאָף האָט מען אָפּגערעדט פירן דעם אידן אַהיים אין זיין אָרימער וואוינונג — ערגעץ לעבן „איסט ריווער" (מענדזשין סטריט, דאַכט זיך). דער שאַמעס איז געווען שיקער און קוים געפּלאָנטעט מיט די פיס. איך האָב פאָרגעלייגט מ'זאָל אים אַרויפזעצן אַף אַ בענקל און אים אַזוי טראָגן איבער די איסטסיידער גאַסן — אַהיים, מאַיסע כינעזישער צערעמאָניאַל. מ'האָט אַזוי געטון. פיר אידישע שרייבער, וואָס זענען באַרימט פון איין עק וועלט ביז דעם אַנדערן, האָבן געטראָגן דעם איד אַף אַ בענקל איבער די גאַסן פון ניו־יאָרק... איך בין געגאַנגען פאָראויס און — געטראָגן די בלומען. די פּראָצעסיע איז געווען אַ פרומלעכע, אַ מאָרע־שכוירעדיקע, אַ שיקערע, אַ פייערלעכע...

מער פון אַלע האָט זיך געטומלט א. רייזען:

— אַ גרעסערער מענטש פון אונדז אַליין! בעעמעס, זעט ווי ער האַלט זיך. אָפּער מיר צי מיר וואָלטן זיך געקענט אַזוי האַלטן.

דער שאַמעס מיט אַ פאַרנעצטער באָרד און אין דער הוילער יאַרמולקע האָט זיך שיקערהייט געשאָקלט אַפן טראָג־בענקל און איז שיער אַראָפּגעפאַלן.

מיט ה. ד. נאָמבערגן

איך געדענק אים נאָך ווען ער איז ס'ערשטע מאָל געקומען קיין אַמעריקע. ס'איז שוין אַ שיין ביסל יאָרן אין דעם. איך בין נאָך דעמאָלט געווען „זים און קוטשעראַווע", האָב מיך געריסן צו ליטעראַטור ווי צו עפּעס רעכטס, האָב אַרומגעפּלאָנטערט אַרום דעם, ווי אַ בין זשומעט אַרום דעם דאָרנבוים.

ה. ד. נאָמבערג איז געווען פון די ערשטע אידישע שרייבער, וואָס איך האָב ליב געקראָגן. ער האָט מיך פאַרכאַפּט מיט דער ציכטיקייט פון זיין סטיל, מיט זיין אומעטיקער קלוגשאַפט.

ווייוואויל איך אַליין בין נאָך דעמאָלט געווען זייער אַ ביטערער שרייבער, האָב איך אָבער געטראָגן מיט זיך מיין אייגן וואָגל אַף צו ווענן די שריפטן פון אַנדערע. איך האָב שוין דעמאָלט געהאַט די טעווע אַפּצואווענן נישט דאָס פונט „פּערל״, נאָר אויך דאָס פונט אַליין, האָב געפונען, אַז ס׳ראָוו ליטעראַטור-וואָגלעך זענען נישט אַקוראַט. און נישט אַזוי די הענג-וואָגן, אַף וועלכע מ׳וועגט דאָס דרויב, ווי די שטיי-וואָגן, אַף וועלכע מ׳וועגט די ליטעראַרישע „שאַראַבאַרס״. דאָ ווערט קימאַט שטענדיק געשאַכערט: דעם וועגערס פוס איז ב׳גנייווע אַף דער וואָג. דער קריטיקער איז אַליין אַ שטיקל מעקלער...

אַ טייל „מעקלערס״ טוען דאָס נישט אַזוי צוליב׳ן אָפּנאַרן, ווי צוליב דעם וואָס ס׳שטייט זיי נישט אָן צו פאַרקויפן סכוירע, וואָס וועגט ווינציקער ווי זיבן פוד מיט אַ פערטל... זיי זענען גרויסע סאָכרים, פאַרשטייט איר מיך, פּערווי-גילדע קריטיקער.

מיט ה. ד. נאָמבערג׳ן קענען זיך די „וועגער״ (צו יענער צייט) קיין אייצע נישט געבן. אַף אַ הענג-וואָג איז ער צו שווער, און נישט אַזוי שווער, ווי לעבעדיק. ער וואַרפט זיך אַף צען מייל — מ׳קען אים נישט כאַפּן אַפן האָקן ארויף.

אַף דער שטיי-וואָג איז ער (פאַר זיי) צו גרינג. דאַצו דאַרף מען אים „שינדן און פּאַקן״.

און מער וואָלט איך נישט געפעלט, נאָר איר זאָלט נאָמבערג׳ן בינדן. ער וואָלט אייך אויסגעזעצט די ציין.

גייט נאָמבערג אַרום אין אונדזער ווייננאַרטן, קימאַט נישט קיין געוואויגענער. אַז ס׳קומט צו רייד, דערמאָנט מען אים צישן פּרצ׳ן און רייזענ׳ען, עטלעכע מייל הינטער אַש׳ן, און סי הייסט: איר זעט דעם שאַראַבאַר שלום אַש? האָט ער אַ „פריינט״, נאָמבערג, וועגט ער אויך עפּעס!...

איך לייען נאָמבערג׳ן און האָב האַנאָע. ביפּראַט פון זיין זשורנאַליסטיק. עס איז קלוג און פריש, עס איז נישט פאַרפומירט, און סי שמעקט אויך נישט מיט באַטלאָנעס.

אַז איך קוק היינט אַף נאָמבערגס אַרבעטן, טראַכט איך, אַז דער קוואַל פון זיין טאַלענט איז נענטער צו בערגלסאָנ׳ען ווי צו עמיצן אַנדערש. זיין קויעך איז אַ סאָכרישער, טאַכלעסדיקער. ווי בערגלסאָן, איז ער דער גרויסער באַל-כעשבן. צו וואָס שרייבן פינף ווערטער, אַז מ׳קען זיך באַגיין מיט פיר? ווי בערגלסאָן, גיט ער אייך צוויי געדאַנקען און נעמט דריי געדאַנקען רעשטע.

אברהם רייזען איז א גרויסער „באוואונדערער" פון נאָמבערג'ן. דערציילט ער מיר אַנעקדאָטן פון נאָמבערגס „אָרגינאַליטעט", פון זיינע קאפריזן. לעגענדעס גייען ארום וועגן נאָמבערג'ן, אז ער איז א צעטראָגענער „קאָסמאָפּאָליט", אז ער גיט קיינמאָל נישט אוועק וואשן קיין העמד. אויסגעטראָגן א העמד, ווארפט ער עס אוועק און קויפט זיך א נייס. עס הייסט, אז ער איז קיינמאָל נישט לאַנג געגוג אַף איין אָרט, צו האָבן צייט קריק־צו־באַקומען זאכן פון דער וועשעריי. נאָך איינע פון די לעגענדעס איז, אז בא נאָמ־בערג'ן איז גרינג צו כאַפּן א האַלוואַע, אָבער מיט דעם תּנאַי, אז איר מוזט אים זאָגן, אז דאָס געבאָרגטע געלט גייט אַף „ליבעס־צוועקן", אַף עפּעס אַנדערש באָרגט ער נישט.

:: :: ::

וואו האָב איך אים ס'ערשטע מאָל געטראָפן? אהא, איך געדענק שוין. עס איז געווען אין ערשטן אידישן ליטעראַרישן קלוב, אַף הענרי סטריט. איך געדענק: א נידעריקער, זאמדיק־בלאָנדער מענטש, מיט א קאָפּ וואָס איז דריי־עקיק (ברייט פון אויבן, שמאָל פון הינטן). די אומרואיקע אויגן — וואַסערדיק־גרוי און פאַר־טרערט. אַף דער הינטערשטער ליפּ, דאָרט וואו עס קלעפּט שטענדיק א פּאַפּיראָס — א שטיקל בערגעלע. אויפגעשפּיצטע אויערן, ווי בא א האָז, מיט צוויי קליינע קאַלך־פּלעקן אַפן רעכטן לעפּל. גיין גייט ער ווי א צעגויפגעשטעלטער, אַף שפּינדלדיקע דינע פיסלעך. שטענ־דיק מיט א צעשפּרייטן גאַנג, און שטענדיק מיט אָנשטרענג און מיטן קאָפּ אַראָפּ, ווי ער וואָלט זיך דורכגעריסן דורך א גרויסן ווינט.

רויכערן רויכערט נאָמבערג אָן אַן אויפהער. אז ער האַלט באַם סאָף פּאַפּיראָס, נעמט ער אַרויס פונעם שאכטל א ניי ציגאַרעטל. פאַררויכערט אינעם אַלטן, שטייט א ווײַלע מיט ביידע פּאַפּיראָסן אין ביידע הענט און קוקט א פאַרטאַיעטער דורך דעם פענצטער...

דערנאָך גיט ער א זאָג:

— יאָך האָב זייער ליב פיינאַפּל!

ער לאָזט זיך אוועק אין א מיזמער־שיר לעפּיינאַפּל. ער דער־קלערט, אז דאָס וואָרט פיינאַפּל איז שענער ווי „אַנאַנאַס". ער רעדט פון דער זאַפט, וואָס רינט פון א רעפּטל פיינאַפּל, אז מ'באַשיט עס מיט צוקער און מ'לאָזט עס אַזוי ליגן א צען מינוטקעלעך. ער צע־ווארימט זיך און דערקלערט, אז האַלב־צוגעפוילטע פיינאַפּלס זענען בעסער ווי געזונטע. איך געדענק אַפילע ווי ער זאָגט:

„בעאיים א מענטש האַלט אין פאַלן פון א גרויסער הויך און

דער טויט קוקט אים אין די אויגן אריין, זעט ער אין 1 מינוט מאין (מער) ווי עמיצער אַנדערש זעט אין אַ יאָר. דאָס אייגענע איז מיט פֿיינאַפּל. אַז אַ פֿיינאַפּל האַלט באַם שטאַרבן, באַם פֿוילן, ווערט ער צוגעלאָזט צום מענטשן און גוט אויס די נאַטור".

נאָמבערג האָט אָפּגערעדט עפּשער 10 מינוט וועגן עסן ביכלאַך און וועגן אַנאַנאַס ביפֿראַט. בישאַס מאַיסע מעוואַטל געמאַכט די גאַנצע אידישע ליטעראַטור. אַז איך האָב דערמאָנט דעם נאָמען פֿון אַ גרויסן אידישן שרייבער, האָט ער אַ מאַך געטון:

— גאַי שיין אָוועק! ווי קומט ער צו פֿיינאַפּל?

דערנאָך געדענק איך, האָט ער גערעדט וועגן . . . ביליאַרד, זיך געהיצט וועגן דעם, אַז „אַמעריקאַנישע ביליאַרד־טישן טויגן נישט... ווי גלייך מ'זאָל זיי נישט שטעלן, שטייען זיי אַלץ קרום, ווייל דאָס לאַנד אַליין איז אַ קרומס".

דערנאָך, געדענק איך, האָט ער אָנגעהויבן געניצן, אַזוי טיף, אַז דאָס מויל האָט זיך אים שיער צעריסן... אַף אים קוקנדיק האָבן געגעניצט די שויבן פֿון די פֿענצטער, די שראַנקן מיט ביכער, דער נייער בעזים אין ווינקל פֿון ליטעראַטן־קלוב. צייטונגס־בלעטער אַף די הענג־שטעקנס האָבן געגעניצט. עס האָבן געגעניצט די ווענט, עס האָט געגעניצט די סטעליע.

— אַה... לאַנגווייליק. לאַנג־עה־עה־עה־ווייליק!

— קימטס, ווי האַיסט איר? יצחק רייז?—איר שראַבט אויך? אַז איר'ט מיר צוזאָגן, אַז איר'ט מיך נישט נידען וועגן ליטעראַטור, וועל איך אייך מיטנעמען אַף ווײַן, אין פּאַרסייט סטריט. קימטס!

:: :: ::

מיט אַ 18 יאָר שפּעטער טרעף איך אים ווידער. ער האָט זיך בלויז אַ קליין ביסל געענדערט. דאָס זאַמדיקע קעפּל מיט האָר איז דינער. דאָס גולקעלע אַף דער פֿייכטער ליפּ־הויט איז העכער. איצט שניידט ער שוין נישט קיין ווינט אין גאַנג, נאָר ער גייט ווי ער וואָלט געפֿאָרן אַף אַ ביציקלעט.

געקומען קיין אַמעריקע איז ער, דאַכט זיך מיר, מיט עפּעס אַ „מיסיע". איך געדענק נישט אַקוראַט וואָס. ער וואוינט אַף דער 16טער גאַס, אין אַן אַלטמאָדישן פּאַנסיאָן. אַפֿן טישל ליגן באַ אים ביכלעך אַלערליי. ער לייענט לי־טײַ־פּאָ, רעדט וועגן אים אָן אַ שיר. דערמאָנט די אינדישע יאָגאַ־פֿילאָזאָפֿיע. גאַנדי'ן. דער־ציילט מיר, אַז אין אינדיע בוקט מען זיך צו בעהיימעס, און ער

טיטשט אוים: „אווּדע, פאַרוואָס זאָל מען זיך נישט בוקן צו קאַ בעהיימעס? דער מענטש לערנט אַף זיך אַרויף הערגער. דער אָקס האָט עס בעירושע פונעם טאַטן"...״

אין נאַמבערגס צימערל איז גאָר קיין אָרדענונג נישט. אָפּ־שניצלעך פון ציגאַרן און פּאַפּיראָסן ליגן דערדישעטע אין זייער אייגענעם אַש — אַף אַלערליי ערטער: אַפן דיל, אַפן טיש, אַפן פענצטער־געזימס, אין שפּייקעסטל. פון דער נאַטור אַ נישט־פאַרזיכטיקער, האָט ער פונדעסן קיינמאָל קיין לעבעדיק שטיקל פּאַפּיראָס נישט אַוועקגעוואָרפן.

דאָס נעמלעכע צימער האָט געשמעקט מיט שיף. נאַמבערגס צעבראָכטעט רענצל איז געלעגן האַלב־אָפן אין אַ ווינקל. פון דאָרטן האָבן אַרויסגעשפּאַרט ביכער. די טיר פון זיין וואַטערקלאָזעט איז געווען ווייט־אָפן.

— קים אַראָהן, זעץ דיך, מאַך דיך באַקוועם! זאָ־ניש אַזוי...

נאַמבערגס הייזעריקלעך קאָל איז אַנגעוויקלט מיט לייכעץ. עס איז ווי דאָס קאָל פון אַ שוואַך קינד. עס וועקט ראַכמאָנעס.

איך זעץ מיך. ער זעצט זיך אויך, אין אַ געפלאָכטן בענקל מיט אַ נידריק פּרענטשל. זיין קליינער קאָפּ איז איצט דעם בענקל׳ס. אַ פּרעכטיקער גראַטעסק.

נאַמבערג רעדט מיט גלאַנציקן סאַם. ער איז מעוואַטל די גאַנצע שרייבעריי, — אַלע קונסטן, ביפּראַט די אידישע. „ווייסעך, מיר־זעמיר מעלאַמדים, לאַטישע מענטשן לעבן אינטערעסאַנטע לי־טעראַטור. מיר שרייבן קונסט. ווייל מיר קענען נישט די קונסט פון לעבן. מאַמיר ניש קאַ טעכניק. משה נאַדאַה, מיר זעמער ווייסטע קאַליקעס. דאָס לעבן שטעלט אונדז אוים די באַק, ווי אַ געליבטע, און מיר קושן אים אין ט..., ווי קנעכט.״

נאַמבערג פּאַטשט זיך מיט דער לינקער זייט פון זיין האַנט אַפן מויל, שטופּט קריק אַ געניץ וואָס האַלט שוין די פּיס אין דרויסן.

— פּשטאַיסט, משה נאַדאַה, יאַך בין אַ טעכניקער. יאַך גריבל מעך ניש. יאַך גאַי אַרוים אין דרויסן אַרוים און יאַך לעב. יאַך שטעל מיך ניש אַוועק גריבלען איבער אַ פּליגנפּינטעלע, וואָס איז עפּשער אַ „געדרוקטער יוד״ און עפּשער ניש... יאַך קראַץ מיר ניש דעם נופל מיט קאַ גופל, קעדיי עס זאָל זיין צום גראַם.

ער פאַרטראַכט זיך, לייגט איבער אַ פוס איבער אַ פוס, העלפט מיט דער האַנט דעם פוס איבערלייגן — איך זאָל נישט מערקן.

— די צאָרע מיט ענק אַלעמען איז, וואָס עז זענט קליינ־

שטעטלדיקע יונגען. יאָך בין אַ קאָסמאָפּאָליט. אַז יאָך קיק אַפן הימל מיט די שטערן, טראַכט עך פון אַ גוטער גאָלדענער יויך און פון אַ כופּע. אַז יאָך גיי שלאָפן, גרייט איך מיר אָן די כאַלוימעס, אינאיינעם מיט אַ פלאַש וואַרעם וואַסער צו די פיס. יאָך כאַפּ ניש אינמיטנדרינען און יאָך כאַלעם. יאָך האָב אַ טעכניק...

ער האָט געכומען הוסטן מיט אַ בריפּ, אַריינגיין אַלע ווײַלע אין טואַלעט־צימער אויסשפּייען, קריק־קומען און רעדן פון עסן, פון טרינקען, פון לעבן, פון טאַנצן. ווי שטאַרק נאָמבערג האָט ליב געהאַט טאַנצן! די האָר פלעגן זיך אים קלעפּן צום קאָפּ, די אויערן זענען רויט געוואָרן, דער שמאָלער ברוסט־קאַסטן זיינער האָט געסקריפּעט, ווי אַ קאַליע פידל, און ער האָט געטאַנצט, געטאַנצט. געריוכערט און געטאַנצט, געטרונקען שוואַרצע קאַווע און געטאַנצט. זיין אַפּעטיט פאַר „לעבן", פאַר פרייד איז געווען נישט צו דערזעטיקן. נישט דאַפאַר, ווייל ער איז געווען אַזאַ זוילעל־וועסייוועניק, נאָר ווייל די פרייד האָט זיך אין אים נישט געהאַלטן. עס איז געווען ווי מ'זאָל גיסן אין אַ קיילע, אָן אַ דנאָ.

נאָמבערג האָט געקענט מענטשן און זיי נישט געטרויעט, זיין געשראָקן פאַר דער מינוט, ווען ער וועט דאַרפן אָנקומען צו מענטשנ'ס לאַסקע. געשראָקן זיך פאַר דעם פּראַצעס פון אויסלעשן־זיך, מוירע געהאַט אַז עס וועט לאַנג געדויערן. האָט ער זיך געוואָלט באַ־וואָרענען מיט געלט, וואָרין אויך געלט האָט ער ליב געהאַט מיט אַ טיפער סינע.

אַ קאָפּ ווי אַ שפּיאָן אַף אַ טורעם. ווייל נאָר אַרויסגעבן צום פיינט. מי דאַרף אים היטן. מיט וואָס? קען מען זיך אַף דעם האַרץ פאַרלאָזן? דאָס איז דאָך גאָר אַ קאָשער בעהיימעלע.

:: :: ::

נאָמבערג איז דאָ־הי זייער עלנט. ער איז אָפט געקומען אין מיין דירע אַף דער 17טער גאַס. איך בין אָפט געגאַנגען צו אים, האָב אים אפילע געפּרואווט אויספלאָנטען פון זיינע פאַלשע אָנ־קניפּנזיך מיטן „פאָרוועטס". נאָמבערג האָט געציטערט פאַר אַ באַרג־אַראָפּ, נאָר פאַרן באַרג־אַרויף איז קיין מוט נישט געווען. האָט ער אַפילע הויך נישט געוואָלט אַרויפּבליקן, געקוקט אַלץ אַהין, אַהין, און געזען ברעגן, ענדונגען, סאָפּן.

„איז אַמעריקע אַן אָנהייב צי אַ סאָף? אַן אידייע צי אַ טאַט?"

דאָס איז געווען דער קערן־טעזיס פון עטלעכע לעקציעס, וואָס ער האָט געהאַלטן אין אַמעריקע. ער האָט געגלויבט אין פּרצ'ן.

מעקאנע געווען אש'ן. גערן געהאט רייזענ'ען. געבענקט נאך ריא־דע־זשענערא. ליב געהאט „פיינאפל" און געגלויבט, אז דער גרעס־טער אויפטו פון ניו־יארק איז... די ברוקלינער הענג־בריק.

— פשטאיסט, ניו־יארק איז א ריז פון לויטער פאנים, דאפאר האט ער קא פאנים ניש... דאס איז דעם טאהפל'ס טעכניק...

:: :: ::

שטיל, שטיל איז נאמבערג צום לעצטן מאל אפגעפארן פון אמעריקע.

זיין „שיקלען מיט די אויגן", קאסאקע: אי אף רעכטס אביסל, אי אף לינקס אביסל, האט אים קיין טויווע נישט געטון.

בלויז אין קליוולאנד, דאכט זיך, האט ער געהאט וויפיל־נישט־איז דערפאלג מיט זיינס א לעקציע, געבראכט פון דארטן אביסל געלט, עם אויסגעביטן אף „אמעריקען עקספרעס טשעקס" און אפ־געפארן פון דאנען מיט עטלעכע טעג שפעטער פון מיר.

מ'האט מיר געשריבן פון ניו־יארק קיין פאריז: „נאמבערג הוידעט זיך שוין אפן וואסער. צום שיף האבן אים באגלייט בלויז דריי מענטשן. נישט מער."

אזוי גיך ווי נאמבערג איז געקומען קיין פאריז, האט ער זיך פארקליבן אין אן אלט האטעלכן, א פאר שריט פונעם „קאפיי דע לא ראטאנד". דא אין קאפיי פלעגט ער פארברענגען ס'ראוו פון זיין צייט. באנאכט פלעגט ער גיין טאנצן אין „זשאקי" — זיך אנ־האלטן מיטביידע הענט אן א הויך מיידל'ס היפטן און טאנצן ווי א מאריאנעט, טאנצן ווי עמיצער וואלט אים געצוואונגען דערצו. די געל־שאטינענע האר זיינע קלעפן זיך צום שטערן. ער פאכט אף זיך מיט דער האנט און מאכט צו מיר:

— כ'וואי, האסט ניש קא סייכל... דעם מענטשנ'ס סייכל ליגט אין די פיס, ניש אין קאפ. פאקטיש: ער גייט פון הינטן ארויף, אז ער קומט ביז צום הארץ — הערט ער אויף... גאי טאנצן מיט מאן שיקסל, נאדיר, יאך רעקאמענדיר זי. זי האט א פיינע טעכניק!

אף מיין אוונט אין פאריז (אין זאל „לאנקרי"), וואס איז ארגאנזשירט געווארן פון די ארטיקע אידישע קאמוניסטן, איז ער געקומען, געהאלטן א דראשע וועגן מיר מיט אזוי פיל לויב־געזאנגען, אז איך ווייס שוין נישט וואס מי קען זאגן וועגן איינשטיינ'ען, אדער וועגן שעקספיר'ן... א כויך דעם האט ער אויך גערעדט מאיסע גרויסע באקי וועגן אמעריקע ביכלאל.

אז עס איז געקומען די צייט צו האלטן מיין רעדע, האב איך אנגעהויבן אומגעפער מיט די ווערטער:

„איך וועל אייך נישט אפמאלן אמעריקע, נאר פראנקרייך. איך קען פראנקרייך עפשער נישט ערגער, ווי קאלעגע ה. ד. נאמבערג קען אמעריקע. פארגעסט נישט, אז איך בין שוין אין פאריז 4 טעג!"

אביסל צוליב מיינע שטעכווערטלעך און אביסל אויך דאפאר, וואס שלום אש האט אים אריינגעשושקעט אין אויער, אז סי פאסט נישט פאר נאמבערג'ן זיך צו פריינטלען מיט „יענער כעווריע", זענען מיר איינגיכן אפגעפרעמט געווארן איינס פון ס'אנדערע.

איך פלעג אים טראקטירן מיט פריקרע רייד, וואו איך פלעג אים נאר טרעפן. ער, אן עלנטער, פארשלאפענער, וואס גיסט אין זיך גאנצע צעבערם מיט פרייד און סי רינט אוים, האט ער זיך געלאשטשעט צו מיר, מיך געמוסערט און געשלעפט עסן מיטאג אדער נאכטמאל אף זיין כעשבן, מיך געלערנט ווי אזוי צו האלטן מ'גאפל אין דער האנט, ווי אזוי צו קייען דאס פלייש, ווי אזוי צו מישן עסיק מיט זענעפט פארן ארטישאק, ווי אזוי אויפצועסן דאס ארטישאק־הערצל, ווי אזוי צו פארזוכן דעם וויין מיט א שפיץ צונג, דערנאך א שמעק טון, דערנאך א קוק טון דורכן גלעזל, באם שיין פון ליכט, דערנאך ארויפגיסן א פאר טראפן וויין אף דער דלאניע און אנטאפן די קוואליטעט, דערנאך א קלויצע טון די פלאש קעדיי צו הערן דעם וויין־רויש אזוי, אז אלע כושים, אן אויסנאם, זאלן האנאע האבן פונעם מאלצייט.

נאמבערג טרינקט די זון דורך א שטרוי, ווערט דאפון שיקער... פארשיקערט אפילו דאס געפיל פון שיקרעס. בלייבט דאפון גארנישט. געניצט ער צו דער סטעליע, געניצט די סטעליע צו אים... ער שרייבט זיין לאנגווייל נישט ארוים פון זיך (ווי אן אנדערער), ער באפרייט זיך דאפון קיינמאל נישט. ער זאגט שטענדיק מיט א פארוויינט קאל:

— יאך בין זייער ליסטיק!

אדער:

— יאך בין א פראכטיקער טענצער, נאדאה. קים טאנצן! קים שפילן ביליארד. יאך האב זייער א גוטע ביליארד־טעכניק.

שאען לאנג טאנצט ער. שאען לאנג שפילט ער ביליארד. שאען לאנג זיצט ער אין „ראטאנד", איינגעוויקלט אין רויך ווי אין א קאלדרע, זופט גרין־ברוינע קאווע, שרייבט, קלעפט באלד ארויף מארקעס אף די קאנווערטלעך, צעשיקט די סבוירע קיין ווארשע, קיין ניו־יארק, קיין קאוונע, קיין בוענאס־איירעס.

ארום אים טומלט דאס סקוטשנע קאפּיטאַלישע לעבן, די „ווייסע ווייבער", וואס ראטן־רוסלאנד האט אויסגעשפּיגן אהער, האבן שוין צו פארקויפן, בעטן א פּאַפּיראָס, כאפּן א זופּ פון אייער פלעשל וויין.

נאמבערג היט זיך פאר זיי. ער קויפט זיך אויס מיט א פלעשל ביר, מיט א פידעלע ציגארעטן. רעדט מיט זיי וועגן „יאַץ" און „בלעק באטאם" און וועגן — אמעריקאנישן גרייפּ־פרוט. נאר אנ־רירן רירט ער זיי נישט אן. „יאך האב פיינט אז סי קומט אן גרינג".

אין דרויסן שטייט א פרי־זומערדיקער פאריזער טומאן. די לופט איז פייכט און שעדלעך פאר נאמבערגס לונגען. ער הוסט און... לערנט זיך רעדן פראנצויזיש. דאס רעדן אליין קאסט אים א שטיק געזונט און ער האט ליב רעדן. איר האט דאס געפיל: דער מענטש וויל זיך אינגאנצן אויסגעבן, נישט לאזן פון זיך גאר־נישט פאר די ווערים...

פון אונדזערע מענטשן איז ער דער איינציקער, וואס זעט קימאט אלע נאכט ווי פאריז לעשט אויס אירע פאנארן.

:: :: ::

נאמבערג אין ווארשע. דארטן איז ער ארומגערינגלט מיט א סאך באקאנטע, „פארערער" און אפילע אביסל פריינט.

אין טלאמאצקע נומער 13, וואו דער אידישער ליטעראטן־פאראיין איז, פלעגט ער פארברענגען האלבע טעג און שטיקלעך נעכט, אנדרייען דעם גראמאפאן און טאנצן „יאַץ", אדער לויפן אין וואדעוויל, אדער טומלען זיך מיט פאלקיזם.

:: :: ::

אין מאסקווע טרעף איך נאמבערגן ווידער אין יאר 1927. ער איז א קארעספאנדענט פון „פארווערטס".

עס ברענט א פראסט פון ארום 36 גראד אונטער נול. איך וואוין אין הויז פון „קאמער־טעאטער קאלעקטיוו", לעב אף „מיכיעס" (אזא מאיכל פון הארט ברויט און הייסע מילך מיט וואסער), און ס'איז מיר ביטער ווי גאל.

געהאט אביסל געלט אפן וועג, האט'ן עס בא מיר צוגעגאנוועט. בין איך געבליבן נאקעט. שרייב איך צו־ביסלעך און לעב פון האנט אין מויל אריין, און ס'איז מיר זייער נישט גוט.

דערוויל הער איך: נאמבערג איז אין מאסקווע און ער איז נישט געזונט.

גיי איך אים מעוואקער־כוילע זיין אין זיין האטעל. זיצט ער

אפן בעט, איינגעוויקלט אין גוטן טוליפּל, הוסט און רויכערט און טרינקט טיי פון אַ סאַמאָוואַר.

— וואָס מאַכסטו?

— מי מאַכט. און די?

— אויך אַזוי.

— נו, געפעלט דיר, נאָמבערג?

— וואָסיך, אַ לאַנד וואָס מי טאַנצט ניש. נישטו קא פרייד. סי טויג ניש...

— ביזט דען ערגעץ געווען?

נאָמבערג קוקט מיך אָן:

— וואו האָב איך באַדאַרפט זאַהן? יאָך געב אַ שמעק, וואָס עך!

— אַזוי מישפּעט מען אַ נייעם וועלט־איינפיר, נאָמבערג? מעגסט דיך שעמען!

— נו, שעם עך מעך. די קאָלאָניעס זענען נישקאָשע, טויגן זיי אויך ניש... אָבער וואַטער —

— האַקלאַל, — זאָג איך, — לאָמיר שוין בעסער טרינקען טיי. ער גיסט מיר אָן טיי, באַשטעלט ברויט מיט קעז. איך עס מיט אַפּעטיט און האָב צו אים טאַינעס און זידל אים.

ער טאַינעט זיינס:

— מי איז דאָ דערשלאָגן. קיינער לאַכט ניש... קיינעם איז ניש פריילעך...

— און אַז דו טאַנצסט, איז דיר דען פריילעך?

— וואָדען, סי מיר ניש פריילעך? הער־נאָ כ'בעט אַך...

נאָמבערגס אויגן זענען ווי בלויע בלאָטערן.

פאַרגייט אַ שאָ צוויי. קומט דער באַדינער פונעם האָטעל נאָכאַמאָל אָנגיסן דעם סאַמאָוואַר. פרעגט בא אים נאָמבערג אָן אייצע, וואו מי קען צעבייטן „אַמעריקען עקספּרעס טשעקס". דאַביי נעמט ער אַרויס אַ פּעקל מיט טשעקס אין סומעס פון 10 דאָלאַר — גוטע 100 טשעקס, אויב נישט מער.

אַז איך האַלט באַם אַוועקגיין, זאָג איך אים:

— נאָמבערג, עפּשער קען מען בא דיר אַנטלייען אַ 50־ער?

— צו וואָס דאַרפסטו?

— איך דאַרף.

— וועסט אָפּגעבן?

איך קוק אים אָן און זאָג:

— אָפּגעבן? א סאַך כּוויוועס האָב איך דיר שוין אָפּגעגעבן ביז היינט? וואו איך וועל דיר נעמען אָפּצוגעבן? פון דעם „מאָסקווער גאָלד", וואָס די „פרייהייט" קריגט?

נאָמבערג נעמט ארויס ס'טשעקל־ביכל און זיין פען און נעמט מיר אויסמאַכן עקספרעס־טשעקס אף 50 דאָלאַר.

יאַכהאָ געמאַינט, אז ד'עסט זוגן, אז ד'עסט אָפּגעבן, וואָלט איך געוואוסט, אז דו ביזט א בלאָפער. אָבער אַזוי... נאָ, ווארג דעך!

:: :: ::

מער האָב איך נאָמבערגן נישט געזען.

געבליבן איז מיר פון אים בלויז עטלעכע בריוו, א פראַקטיקע קאַריקאַטור פון אים (געצייכנט פון ב. אַראָנסאָן), א פאָטאָגראַפיש בילד פון אונדזביידן אין פאַריז, און א פאָטאָגראַפיע פון באָדליער'ס קייווער, וואָס נאָמבערג האָט אראָפּגענומען מיט זיין אייגענעם אַפּאַראַט.

מיט משה לייב האַלפּערן

מיין טאַטע איז געקומען פון דער שטאָט זלאָטשעוו. באַזעצט געהאַט (ווי עס איז) מיט מיין מאַמען, געקומען און באַזעצט זיך אינעם וויים־לייטיקן האָפּן־שטעטל נאַראַיעוו, וואו איך בין סאָף־קאָל־סאָף איינמאָל פאַר אַלע מאָל געבוירן געוואָרן.

קיין גרויסע קונץ פון מיין זייט איז דאָס נישט געווען. אָבער א שטיקל אויפטו — יאָ. דאָס ענגע שטעטל האָט מיך אביסל ארונטערגעבויגן, אנישט וואָלט איך געווען געוואַקסן נאָך לענגער ווי איך בין.

נאַראַיעוו איז אין א טאָל. זומער — אין א גרינער, בלאָטיקער שיסל. דאָרן־און־קראָפּיווע בליט איבער די פּלויטן. דער טייך איז שמאָל און לויפט קעסיידער אוועק בא די לאָנעס, ווי ער וואָלט אונדזער פּאָנים נישט געוואָלט אָנקוקן. פאַרוואָרלאָזטע ווינטן קומען אַהער זיך א קראַץ־טון אָן די הארטע געוויקסן און קרייטיכער און דעכער, און צעפּאַלענע שטאַכעטלעך.

דער פּורפּורנער דאָרנשטיין בליט דאָ שטיל און פילאָזאָפיש, ארום אים זשומען בינען, גרינגע, אָן גיפט.

דער מאַרק איז פול מיט הענער־געקריי און מיט בעהיימע־מיסט. די הינטערגעסלעך האָבן גערטנדלעך, מיט קוקורוזע־בערדלעך, מיט ציגן־בערדלעך, מיט כּאַסאַנים־בערדלעך, וואָס מען קעמט זיי ארונטער,

הינטער די געמבעס, און זענען אַזוי שוואַרץ אַז זיי זענען אַזש בלאָ. די יונגען וואַקסן אַלע הויך ווי סלופּעס, און ווילד, ווי שוועמלעך אַף אַ דאַך. מיידלישע בריסט קרעכצן און סקריפּען אין די מאַרי־נאַרקעס. די גלוסטונג שלאָפט אין ליב, ווי פייער שלאָפט אין נאָך־נישט־אָנגעצונדן האָלץ. עס ליגט אַ שטילקייט אין אַ שטילקייט. אַ שייד אין אַ שייד.

און ווי איך האָב ליב מיין נאַראַיעוו! פון מיינע שריפטן קענט איר עס זען. איך לאָז דאַרויף קיין פלעק נישט פאַלן. היס־טאָריקער, געאָגראַפיקער — רוקט זיך אוועק פון דאַנעט! איך שטיי אָנגעלענט אַף דער ריטער־האַק, גרייט צו גיין אַף טויט און אַף לעבן פאַר דעם קאָוועד פון דעם פלעק ערד, אַף וועלכן מיין וויגל האָט זיך געהוידעט.

אַז מ. ל. האַלפּערן דערהערט, אַז איך בין געבוירן געוואָרן, וואַרט ער אָפּ אַ יאָר (מאַכט זיך נישט וויסנדיק, דער יונג!). דער־נאָך כאַפּט ער און ווערט אויך געבוירן און ליינט זיך אוועק אין אַ צעבראָכן וויגל און טראַכט בא זיך אַזוי:

— אויב יצחק וועט שרייען אין נאַראַיעוו, וועל איך גוואַלדעווען אין זלאָטשעוו. וועלן זיך אונדזערע קוילעס צענויפמישן, וועט די וועלט מיינען, אַז מיר זענען אַ צווילינג, וועט זי אונדזביידן געבן איין גרויסן מעדאַל פון ציבעלע־שאַלעכץ...

משה ליב, משה ליב, וואו ביזטו? אהער גיי! באוואָפן דיך מיט שפּאָרן, זאָטל און פּאַנצער און קום אַרויס און לאָמיר פירן מילכאָמע מיט די זלאָטשעווער פלישטים, מיט די נאַראַיעווער מידיאָנים!

די וועלט איז אונדזערע, משה ליב! איך און דו וועלן מיר זי באַזינגען... אַרויסטרייבן פון דעם וויינגאָרטן די אַלע פרעמדע „אירע". און מיר וועלן אַליין אַרומגיין נאַקעט און בלויז און עסן זיסע, פּוילבלעכע האָריקע אַגרעסן פון שקאַרמיצן אַרויס און קריגן בויך־ווייטיק און זיך קאַטשען אַף דר'ערד און שרייען „מאַמע!" און שפּילן אַף אַ דודע מיט טרויעריקע לעבלעך!

ווערט מ. ל. אַ שילדן־מאָלער, מאָלט זיך אַליין אויף — די וואָרשטלעך וואָס ער דאַרף עסן... די מיידלעך וואָס ער דאַרף שלאָפן מיט זיי. ס'איז אַ פאַרב־און־לייוונטענע, טינט־און־פּעדערדיקע וועלט! אָבער אַלץ בעסער ווי זלאָטשעוו... די טרייסט ליגט אָפן אויער, ווי אַ פליג:

„מען וועט דיך נישט באַגראָבן
אין איר, דיין היים, דיין זלאָטשעוו."

ער מעקט אָפּ ס'שטעטל, שטרייכט עס אויס פון זיין געדעכעניש, איך מעק־אָפּ זיין אויסשטרייכן, לעב עס קריק אויף... שלעפּ זיך אַרום מיט מיין שטעטל, ווי מיט אַ פּלוי אַף אַ שטריקל.

עס איז אַ האָרב אַף די פּלייצעס — אַ וואווילער האָרב אָנגעפּילט מיט ראָזשינקעס, און די לעוואָנע קאַלכט אים מיט אירע ליכטיקע, ברייטע באַרשטן.

אינדערהיים. אונדזער מישפּאָכע איז קליין. גאָרנישט קיין איינגעפונדעוועטע. כאָטש וואוינען וואוינען מיר אין אַ געיאַרשנטער „האַלבער־שטוב". אָפּט הער איך אַזוינע ווערטער ווי „טאַבילאַציע". צוויי פּעטערס שלאָגן זיך איבער אַן אַלטער יערושע, מ'פּאַרהויבט די פּאָלעס פון די לאַנגע בעקעשעס און מען הייסט זיך איינס ס'אַנדערע קושן...

אונדזערע האָבן זיך געבראַכט צושלעפּן אַהער פון אַלע עקן וועלט. פון רוסלאַנד, פון דייטשלאַנד, און פון אונגאַרן... איך האָב פיר שוועסטער, ברידער איינעם — מוז איך מיר אַליין באַשטיין מיין שטעטל — אַליין זיך שלאָגן מיט סאָנים, אַליין צוליגן ברויט־מיט־פּוטער צום קאָפּ, נאָך אַ געשלעג — איך בין אין שטענדיקן געיעג נאָך שמעטערלינגען, און נאָך באַנבאָנעס אין רויטע פּאַפּירלעך.

איך בין אַ קליין, גרעבלעך אינגל, מיט געלעקלטע האָר, און מיט „בען־יעכידסקע" קאַפּריזן. דער טאַטע איז אַ „דאַטשער לערער" באַ די „פּראָשעס" אין הויף. דער טאַטע נעמט מיך מיט אין הויף אַריין — צום לערנען, צום העלפן לערנען, צו ווייזן די „אינגען" אַ מוסטער פון שטילקייט, פון דרערך־ערעץ. איך האַלט מיך קליין ווי וואַסער אין אַ פינגערהוט, גיי שטיל איבער די געוועקסטע גלי־טשיקע דילן, וואָס פינקלען ווי פריש־אָפּגעשמירטע כאַלעס, קוק מיט וואונדער אַף די געלבלאַ־טאַפּיצירטע ווענט פון דער סאַליע. דאָס געוויין איז מיר אין די וואַסערדיקע, ברוינע אויגן. איך האָב פיינט די „פּראָשעס" — איך רוף זיי (אין געדאַנק): זשאַבעס, זשאַבעס! אָבער פּראָשס דיקע גאָלדענע קייט אַפּן קאַמזויל, דער העלער, בלענדנדיקער גערודער פון זיינע זין און טעכטער (זיי זענען אַלע אַזוי שרייענדיק געזונט) — טרייבט מיין נעשאָמע אין דער נידער, צו די אונטערשטע העלפט ווענט, צום געוועקסטן דיל אַראָפּ.

עס שרעקן מיך די רינגל־לאָקן, וואָס פּאַרצירן פּראָש'ס קיילעכדיקע האַרטע באָרד, דער דאַמפּיקער אָטעם זיינער, וואָס איז ווי דער

אַטעם פון אַ רויטן, הייסן שטיק פלייש וואָס מ'שלעפּט אַרויס פון אַ באַרשט... זיין אַרומגיין אַרום די פערד ווי איינער פון זיי, דאָס האַלטן די פערדישע, צעפּרידענע מאָרדעס אין זיינע הענט באַ יעדער געלעגנהייט, זיין שטייפער הינטן, וואָס זעט אויס ווי אַנגעזאָפּטלט און נוסיק צעטיילט. איך בין צעטומלט פון דעם איבערבייט פון אַ שטילער „האַלבער שטוב" מיט הויכע, בייזע, ציכטיקע פעטערס, וואָס רעדן שטיל ווי מעסערס — אַף אַ „הויף", וואו עס סקריפּען טויערן און עס קלאַפּן טירן, און עס שמעקן בערד און סאַמעט־קליידער און ענגלישער וואָל־שטאָף און פערדישע פעלן ציטערדיקע, וואַרימע, און קאַווע־בעבלעך וואָס בראָטן זיך אַף קוילן אין אַזאַ מין בראַט־קעסעלע, וואָס זעט אויס ווי אַ בלעכענער שטורקאַץ.

עס פערעט אַפן טאַטן, וואָס אַז ער קומט אַריין אין הויף אַריין נעמט ער אַראָפּ דעם סאַמעטענעם קאַפּעליש, און הייסט מיר אויך טון ס'אייגענע מיט מיין ווינער הוט. עס בליפּעט אין מיר דער פאַר־דראָס אַפן טאַטנס גורל — אַזאַ גאָלדענער, גאָלדענער, גאָלדענער טאַטע, מיט אַ רויטלעכער, גוט־געפּילעוועטער באָרד, מיט אַזוינע שיינע, שטילע ליפּן (אַ טויער פאַר אײדעלע זיפצן!), און זיין האָגט זוכט מיך שטענדיק אין אַ פאַרשעמטער מינוט.

איך בין נאָך אַ טיפוס־קרענק. האָב איבערגעלעבט אַזוינע שרעק־לעכע און זיסע פיבערס. איצט איז דאָס געזונט־ווערן אין מיר ווי אַ רוישנדיקער טייך פון בלאָער פרייד מיט גלעקלעך. אין יעדן טראָפּן בלוט — אַ גלעקל, נאָר מיין לאַנג פּאָנים איז בלייך ווי נאָך אַ פריען אַפּוויאַנען, וואָס פאַרכאַפּט אַמאָל אַ רויט ווײנבלעטל אינ־מיטן זומער... אַף מיין פינגער דער „שקאָלע־רינג" (אַ מאַטאַנע פונעם פעטער איציק צו מיין „שקאָלע־גיין") איז איצט לויז. וויקל איך אים אַרום מיט וואַטע. דאָס האַרץ — אַ ביטערער ציטראָן, וואָס לעגט אונטער מיין שוואַכע, צום טויט פאַרבענקטע נעשאָמע, איז אויך אַף מיר גרויס געוואָרן (פון דער טיפוס־קרענק), נאָר אַרומוויקלען זי מיט וואַטע קען מען נישט.

איך בין צוויי, דריי, פיר יצחק'ס.

אין פראַש'ס „הויף" בין איך שטיל און אונטערטעניק, אין דרויסן „ברען איך אַ וועלט"... נאָר דאָ בין איך דעם „לערער'ס אינגל דאַרטן".

דער טאַטע גייט מיט מיר באַנאַכט פון „הויף".

פונעם הימל וואַרפט זיך אַראָפּ אַ פּאָדעם פייער פון אַ שטערן. טאַטע, טאַטע, דיין מאַזל!... מיר גייעןביידע שטיל, פון דעם

טאַטנס געטרייער האַנט פּלייצט צו מיר אַריבער אַ וואַרימער אָטעם אין די ווייסע ווינטער־נעכט, ווען מיר גייען פון פּראַש׳ס הויף. כאַלעם־שפּענדלעך גליען־אויף אין שמעקעדיקן דימענדינעם שניי.

מיר איז אַזוי אומענדלעך וואויל און ביטער, — וואַרעם און קאַלט, ווי אַז מ׳לייגט אַריין אַ האַנט אין דעם צעריבענעם שניי, וואָס איז איבער אַ טייך מיט אייז.

איך לערן און לערן — אָבער נישט דאָס לערנען אַליין לערן איך, נאָר דאָס געזאַנג פונעם לערנען, דעם ניגון. (ווי אין די שפּעטערע יאָרן, ווען איך פלעג גיין צו סימפאָנישע קאָנצערטן, צו זען דעם ריטם פון די פידלבויגנס. ווייל איך הער קיין מוזיק נישט, פאַרשטאָפּ איך מיר די אויערן און קוק און זע דעם עמעסן ריטם פונעם אָרקעסטער!)

איך זאָג צו מיר אַליין: ווער דו זאָלסט נישט זיין אין דער וועלט, אָבער אָפּקלינגען וועסטו. מען וועט דיין קאָל מיט אַ מעסער נישט אָפּשניידן. און די פּראָשעס וועלן דיינע טריט נישט איבער־שרעקן מיט געוועקסטע דילן.

דעמאָלט האָב איך עס — פאַרשטייט זיך — געזאָגט אַ סאַך אַנדערש. דעמאָלט האָב איך נאָך נישט געוואוסט, אַז ווערטער זענען אַזוינע מויל־קעמלעך, אַף וועלכע מ׳קען אויסשפּילן אַלערליי זאַכן, וואָס מ׳רופט ליטעראַטור.

:: :: ::

אין נאַראַיעוו, אַז מע דאַרף קויפן אַ פּאָר שלייקעס, גייט מען נישט גלאַט־אַזוי אַוועק און מ׳כאַפּט און מ׳גיט זיך אַ קויף אַ פּאָר שלייקעס. וואָס פעלט אייך איין?! אין נאַראַיעוו, אַז מען דאַרף קויפן די מינצטע זאַך, גייט מען אַוועק און מען זוכט אויס אין דער מישפּאָכע איינעם וואָס איז מיווין אַף דער זאַך וואָס מען דאַרף קויפן, מ׳גייט מיט אים אַוועק אין אַ געוועלב אַריין, און מ׳טאַפּט איבער הונדערט גאַטונגען פונעם זעלבן אַרטיקל, און מ׳דינגט זיך און מ׳שווערט זיך און מ׳גייט אַוועק ערגעץ אַנדערש, און מ׳קומט קריק און מ׳סטראַשעט און מ׳בעט זיך, און מ׳דינגט זיך, און דער מיווין מאַכט כויזעק פון דער „וואַרע", און דער מיווין קלייבט סאַף־קאָל־סאַף אויס, און דער מיווין גייט מיט אייך אַהיים און באַווייזט אייך, אַז איר האָט געקויפט אַ מעציע, און אַז די וואַרע איז נומער איינסער וואַרע, און קיין בעסערע וואַרע איז נישטאָ און סי קען נישט זיין...

טאָמער דאַרפט איר אַמאָל קויפן עפּעס אַ ניי־אַרויסגעקומענע

זאך — קויפט איר זי נישט, ווייל איר האָט נישט קיין „אייגענעם מייווין", וואָס איר זאָלט זיך קענען פאַרלאָזן אַף אים...

מיין שוועסטער דבורה האָט זיך געוואָלט קויפן אַ ציטערנעדעלע. זי האָט דאָס געלט קוים אָפּגעשפּאָרט אין „רויטע העלערס" און גע־וואַרט אַף פּאַר־פּייסעך אוועקצופאָרן קיין ברעזשאַן און זיך איינ־האַנדלען דאָס ציטערנעדעלע. האָט די מאַמע געזאָגט, אַז אירס אַ מומע אין פּרעמישליאַן איז אַ מייווין אַף ציטערנעדעלעך. האָט מען געשריבן צו דער פּרעמישליאַנער מומע, האָט די פּרעמישליאַנער מומע געענטפערט, אַז זי איז נישט געזונט און קען נישט קומען. האָט די באָבע געזאָגט, אַז אירס אַ שוועסטער'ס אַ שוואָגער איז אַ מייווין אַף ציטערנעדעלעך, ווייל ער האָט ערשט מיט פיר יאָר צוריק גע־קויפט אַזאַ נעדעלע. האָט מען געשריבן צו דער באָבע'ס שוועסטער'ס שוואָגער, אַז ער'ט זיין אין לעמבערג, זאָל ער זיך מאַטריעך זיין און אַריינגיין צו אַ גאָלדשמיד און קויפן אַ ציטערנעדעלע. האָט דער באָבע'ס שוועסטער'ס שוואָגער געענטפערט, אַז אַמאָל האָט ער טאַקע עפּעס געוואוסט וועגן ציטערנעדעלעך, אָבער היינט געדענקט ער שוין נישט... און אַ כּוץ דעם, וואָס פאַר אַ ציטערנעדעלע וויל מען? — ער וואָלט געראָטן, אַז מען זאָל איצט איינגאַנצן נישט קויפן קיין ציטערנעדעלע. מען זאָל ליבער צוואַרטן אַ יאָר צוויי, ביז זיינס אַ קאָזעין וועט קומען פון אַנטווערפּן, וועט ער אים בעטן, ער זאָל דאָרטן אַ שמעק־טון די פּרייזן אַף ציטערנעדעלעך...

איך דערצייל דאָס וועגן דעם לעבן אין מיין שטעטל — אין משה ליבס שטעטל...

ער האָט געכאָלעמט: גרויסער דרויסן! די וועלט מיט אַ רויט סטענגעלע אין די האָר. בולוואַרן... צירקן, הייסע טעפּלעך גליק, ביר פונעם פעסל אַרויס (מ'ליגט מיטן פּאָנים אַרויף און פונעם געעפנטן בירפעסל־שפּונט רינט דיר ס'ביטערע ביר אין מויל אַריין), קאַטשקעס אַף אַ בראַט־שפּיז. זידנדיקער וויין, וואָס מ'טרינקט־אויס מיט זינדיקע ליפּן און מען פאַרוואַרפט דאָס גלאָז הינטער זיך און — מען צעברעכט עס. ער האָט געכאָלעמט: מיידלעך מיט פוטערנע שויסן. פעלדער מיט קאָלאָטעס שטרוי — הארבסטענע. (פאַרהאַנגלעך, פאַרהאַנגלעך, לאָזט זיך אַראָפּ!)

מיין כאָלעם:

איך פאָר אַף אַ הויך פערד. מיט אַ ביכל אין האַנט, מיט אַ וואַזאָניקל אין קעשענע, און איך וואַרף פּאַמפּלעטן צו די אָרימעלייט און האַלט טויט־שטילע דראָשעס דורך אויגן מיט דיקע ברילן.

ווי משה־לייב זינגט אַף אַ געלעכטער:

„מיר, די לעצטע צוויי נאָבל־לייט..."

מיר וועלן אַריינטרומייטערן אין דער טויבער וועלט'ס אויערן אַריין אונדזער וואָרט.

משה לייב איז אָבער נאָך דערווייל אַ „מיידל" ערגעץ אין לעמבערג. ער שרייבט דאָרטן אין אַ בלאַט אונטערן נאָמען „פרידאַ האַלפערן". איך ווייס נישט ווער דאָס איז. מיר געפעלט אייך ליד זיינס. איך געדענק שוין נישט די אַלע בליצהייסע שורעס. איך געדענק נאָר:

„... האָב איך מיין נאַכטהעמד צעריסן,
נאָך איידער געוואָרן איז מאָרגן."

און עפּעס אַ געזאַנגיק־וואָגיקע זאַך, ווי אַ שווער־זילבערנע יאַרמיקע אַפן קאָפּ פון אַ קוקלע.

נעם איך און שטעל מיך אַוועק (אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע") באַם אָמעד און גיב אַ זינג־אָפּ אַן אַנאַים־זמירעס צו אים, צו איר, צו פרידאַ'ן, צו משה לייב'ן, אַשער ב'אַנדערע זייט יאַם, ב'מדינאַס לעמבערג!

די ברידער פון „פאַן־גאַליציאַנער פאַראיין" האָבן צו מיר טאַינעס:

— סטייטש, פאַרוואָס דאַווקע אים? פרידאַ'ן?

מיר קומען זיך צענויף באַ ה. סעקלער'ן אין שטוב, און טרינקען קאַ־קאַ־אָ... און רעדן וועגן דינער האַסקאַלע, מיט דינע שטימעלעך, און מיט זיידענע טאַשנטיכלעך באַ די ליפּן. מיר הערן פון דער „היימאַט". סעקלער וואַרפט פון זיך אַרויס שאַרפע געלעכטערלעך, ווי פון אַ שיסנדיקן רעוואָלווער, און שטעלט אויס זיין „האַסקאַלע" ווי געשליפן גלאָז אין אַ „טשייני־קלאָזעט". עס פינקלט און גאַדלעסט מיט מיסנאַגדישער קילקייט...

אַלע לאַכלען צעביסלעך איבער מיין „קריטיק", טאַינען אַז איך וואָלט געדאַרפט אָפּוואַרטן אַביסל. דערווייל ווייסט מען נאָך נישט צי פרידאַ האַלפערן איז טאַקע אַ טאַלאַנט, און אויב יאָ — עפּשער וועט „זי" זיך נישט האַלטן?...

שפּעטער אַביסל, אַז מ. ל. קומט קיין אַמעריקע, שרייבן מיר ביידע האַסטיק, פיבערדיק. מיר פאַרברויכן אַ פעסל טינט אַ וואָך. אַנדערע שרייבער זענען אַן אָנהויב פון אַ קינסטלערישער מישפּאָכע. מיר זענען — ווייזט אויס — דער סאָף. אונדזערע עלטער־זיידעס

האָבן שוין געזאָלט שרייבן, נאָר זיי האָבן נישט געוואוסט ווי אַזוי... דערפאַר שטופּן זיי אונדז אונטער, טרייבן אונדז — טויטע פּעטערס, זיידעס, מומעס, שווענערינס שרייבן דורך אונדז, פירן אונדזערע הענטל־פּענעס אַפן פּאַפּיר, שטייען אין אַ שרענגע און וואַרטן מיר זאָלן פאַר זיי שרייבן דאָס, וואָס זיי האָבן פאַרשפּעטיקט. מיר האָבן נישט קיין צייט די נאָז זיך אָפּצעווישן.

איך טרינק קאַ־קאַ־אָ, פאַרביים מיט פייגנפלעצלעך, שווייג מיט גרינטלעכן דערעך־ערעץ פאַר די „בעסטע זין פון אונדזער פאָלק". איך באַוואונדער דעם יונגן ש. מאַרגאָשעס קענטעניש אין ענגליש, גמאָרע, לאַטיין און סטאַטיסטיקע! ביפּראַט: סטאַטיסטיקע. ער רעכנט אויס, אַז ווען מ'זאָל אויסלייגן אין דער לענג די שאָלעכץ פון אַלע אָפּגעשיילטע מאַראַנצן, וואָלטן זיי פאַרנעמען אַ שעטעך פון „צירקאָ" —

מיר רופן אים צישן זיך „שמואל גימל", צוליב זיין ביבליש אויסזען. ער איז באַ אונדז גאַליצישע שרייבער ליהיי אַ מין דאָקטאָר זשיטלאָווסקי — וואָוילקענעוודיק ביז גאָר. פון מויל שיטן זיך אים פּערל. יעדער פּערל איז גרויס ווי אַ הינערן־איי.

איך אַליין טראָג נאָך דערווייל דעם „ליטעראַרישן וויין" אין — די קעשענעס, אָדער אין די זשמעניעס. קיין שפּראַך נישטאָ, קיין געפעם נישטאָ פאַר דעם ביסל „וויין", וואָס יעהרט ערגעץ אין מיר און ווערט באַלד־באַלד אויפגעריסן.

איך שרייב ווי אַף פּאַפּיר, וואָס איז פעט פון אייל — סי כאַפּט נישט. אָדער סי קלעקט.

איך אַרבעט דערווייל באַ פענצטער־פּוצערײַ. בינד זיך צו מיט אַ שטריק צו הויכע פענצטער, פאַל פון צייט צו צייט אַביסל אַראָפּ און דערהאַרגע מיך שיער.

איך זע דאָס לעבן פון „די הויכע פענצטער" — נאָר פון דעם דרויסן זייט, פון דעם זייט, וואו די געפאַר לויערט.

משה לייב האָט געבראַכט פרישע קויכעס פון לעמבערג, האָט ער „גרינערהייט" געפּרופט אַ פּרעס־טון אַביסל הויזן, האָבן זיי (מ'ווייסט נישט, צי פון זיין טעמפּעראַמענט, צי פונעם הייסן ביגלאייזן!) קעסיידער געסמאַליעט. האָבן די שיער־צעשמאָלצענע ברילן זיינע אים אַריינגעקוקט אין די אויגן אַריין און געזען, אַז — טעמנע איז אים זיין לעבן און וויסט איז אים זיין וועלט. האָט ער געפּרופט ווערן אַ קעלנער, זענען אים די טעלער געפאַלן פון די בערישע הענט.

האָט ער באַשלאָסן, אַז ער טויג נישט צו קיין „איידעלער אַרבעט", און ער האָט זיך גענומען — שרייבן זיינע לידער.

אין דרויסן פייפן — און אַז אַפילו נישט קיין נאַכטיגאַלס? אָבער די זון איז דאָ, און סי שמעקן פעטע, רויטלעכע באַנאַנעס פונעם אינדזל יאַווא, און גרויסע ווייטרויבן, און אַנאַנאַס.

זענען מיר ביידע אַוועק און זיך באַקענט און מיט אַ פּאָר „ווייבערשע קאַטלעטן" (ווייל זיי קומען פון אַ דערפל „קאָטלין", האָט זיי מ. ל. אַ נאָמען געגעבן „קאָטלעטן"), וואָס זענען געווען פריש און סאַניטאַריש און האָבן געוואוינט אױף הענרי סטריט. איינע איז געווען אַ לירישע. די אַנדערע — אַ סאָלידע, אַ זשאַנדאַרישע, מיט צוויי אָרעסטירטע בריסט, ווי האַרטע פאַרברעכער, און מיט אַ בלאָנדן צאָן פון סאַמע פאָרנט, און מיט אַ „צוויקער" אױף אַ בענדל, און מיט אַ גוואַלדיקן כיישעק פאַר זויערע אוגערקעס און פאַר ליטעראַטור...

האָבן מיר אַ נעם געטון אונדזער לאַגע, הינטער אַ פאַרגרעסער־גלאָז, און זי באַטראַכט: אַ מיעסע לאַגעלע!

און צו עסן איז נישטאָ וואָס!

זומער באַנאַכט גייט מען אַוועק אין סעוואַנט סטריט פּאַרק אָדער אין שטויביקן דזשעקסאָן סטריט פּאַרק. אַ העפטל אין דער האַנט, מען פאַרשרייבט אַלצדינג וואָס סי פאַלט איין, דערנאָכדעם פאַרלירט מען עס, אָדער מ'שפּרייט עס אונטער אױפן גראָז, און מ'זעצט זיך דאַרויף אַוועק, און מ'אַנטליט באַ די צוויי ווייבערשע קאָטלעטן די שויסן און — מ'גייט אַוועק, אָפּגעשוואַכט און מ'האָט אַ בייז האַרץ אױף דער זון, וואָס פלאַמט און טרייבט־אונטער מיט אַ הייסער בייטש. (וואָס פלאַמט זי אַזוי? וואָס טרייבט זי אַזוי אונטער? וואָס האָט זי קיין צייט נישט, די שאַדכנטע?)

אַמאָל גייט מען באַנאַכט צום „דאָק" (דער ווערף אױף האוסטאָן סטריט). אונטן קלינגען אַנקערקייטן, אינדערוויט זעען זיך די „פערים", וואָס בלאָנקען באַנאַכט ווי פאַרקישעפטע. די קאַפּעליע מוזיק אױפן „דאָק" פאַרלישעט דעם קאָפּ מיט מעשענע סימפאָניעס. מיר טאַנצן, מיר טאַנצן.

קיילעכדיקע וואַלצערס און „צוויי־טריט". אַ פייכט, אָפּגעאַרבעט ווינטל בלאָזט אױפן פאַרשוויצטע העמד, ווי אַ שרעטעלע אױף אַ קאַלכאויוון...

אױף דער באַרזש, וואָס איז געאַנקערט צום „דאָק", לויפן אַרום קינדער קימאַט נאַקעט אױפן דעק פון זייער ברייט־צעכראַסטעטער

קאסטן־שיף. שטעקן ארוים די צונגען און רופן זינגענדיק צו אונדז אלעמען ארויף: „שיני, שיני". די מאמע זייערע שטייט און קוועלט אין די קורצע, דיקע באקעס אריין. דער טאטע, מיט א בערדל אן וואנטשעס, ווי א פארטוכל אף אפצעווישן ס'מויל, רויכערט א קורץ־פארברענט ליולקעלע, געמאכט פון א פאפשוי־קאטשן, טרייבט פון זיך די פליגן, גלאצט מיט א פאנים, וואס סי דאכט זיך, אז ס'איז נישט שיין עס צו האלטן אויפגעדעקט, און — שמייכלט.

באם אונטערשטן ראנד פון „דאק" זיצן נעגער־קינדער מיט די פיס אין וואסער, האלטן שטריקלעך צישן זייערע פיס־פינגער אף צו כאפן פיש...

מיר זיצן אפן אפענעם „דאק" און שעפן לופט מיט יונגע, לעדערנע לונגען — פריש פון גאליציע.

משה לייב דעקלאמירט זיין „מיכל אין פראק בא דעם דאק" — מיט אן אפגעגלאנצטן און געשוואלענעם טענאר... איך שטרענג מיך אן צו מאכן אן איינדרוק מיט וואס איך קען. קיין סאך קען איך נישט! א כויץ דעם געדענק איך נישט קיין איין שורע מיינע אף אויסנווייניק. אבער איך שרעק איבער מיט צעפלאכטענע שטיקלעך לאגיק, מיט אפאריזמען, וואס מ'קען זיי נוצן אףביידע זייטן, ווי מאדערנע מאנזשעטן... איך באווייז, אז דאס קאפוירנע פון קאפויר איז אויך קאפויר... און אז גאט האט אונדז געשטעלט אף די פיס, ווייל ער האט געמיינט, אז שטעלן זיך אפן קאפ וועלן מיר אליין סייכל האבן... (און ענלעכע עפיגראמען).

סי רירן זיך זומערס און ווינטערס.

אמעריקע פירט דערווייל מילכאמע מיט שפאניען. איך עס מיר קאמימבערגער קעז און פארטרינק מיט ביר און סי ארט מיך נישט. משה לייב'ן אויך נישט.

מיר זענען דיכטער, פשטאיט איר מיך, אונדזער „קיניגרייך איז נישט פון דיזער וועלט", מיר מוזן פלאנצן דעם וויינגארטן! די כאסן־באכערישקייט פאלט צו. דאס פאנים איז פארפרישטשעט. שלעכט!

דערווייל האבן מיר די „קאטלעטן" פון הענרי סטריט. און אביסל עסן פאלט אויך אמאל אריין אין מויל. נאר — ס'איז נישט גענוג.

מיר זענען גרינטלעכע פעסימיסטן און ציניקער. מיר לייענען דייטשע ביכלעך און זאגן איינס ס'אנדערע נייוועס, אז די וועלט וועט זיך לאנג נישט האלטן. אונדזער גרעסטע האפענונג איז אף אן

ערד־ציטערניש. אין „ענגע טעג", ווען די נויט נעמט אָן באַם גאָרגל ווי אַ נערוווייאישער ראַזירער, וואָס דאַרף אויסגאָלן די לעצטע פּאָר האָר אַפן קנאַפּ, זעצן מיר זיך אַוועק אַף אַ באַנק, ערגעץ אין אַ שטאָטישן פּאַרק, אָדער אין אַ שטוב און מיר שרייבן אָן בעשוטפעס עפּעס אַ ווילד ליד און מיר טראָגן עס אַוועק צום „גרויסן קונדעס", און מיר לאַכן אַ סאַך, און מיר נעמען־מיט אַ פּאָר כאַוויירים זיי זאָלן העלפן לאַכן, און מיר פאַלן אַריין אין רעדאַקציע מיט אַ גרויס געלעכטער. לאַכט שוין דער רעדאַקטאָר אויך פון אונדזער געלעכטער און ער לאָזט זיך דינען... און מיר נאַרן בא אים אויס אַ צוויי דאָלאַר, אין מעזומען געלט, און מיר גייען אַוועק און מיר צעטרענצלען עס אין עטלעכע טעג, און מיר בלייבן ווידער אָרעמע, אָבער עסטעטישע דיכטער, וואָס סי ליגט זיי נאָר אין זינען שיינקייט און קונסט, און ווייטער מעג די גאַנצע וועלט איינגעזונקען ווערן ווי קוירעך!

אין די ליטעראַרישע קרייזן דרייט זיך דעמאָלט אַרום אַ בלאַס־ליפּנדיקער, שוויינגדיקער, סימפּאַטישער באָכער, הייסט ער ב. רעדט ער שטיל, ווי ער וואָלט מוירע געהאַט, אַז ער וועט איבערשרעקן דעם אייגענעם געדאַנק... ער האַלט זיך זייער פריינטלעך צו אונדז, און שטעלט אַוועק זיין דערעך־ערעץ אינמיטן, ווי אַ קלאָץ. ער האָט אַן אייגן געוועלבל, און פאַרדינט צו־ביסלעך. אים געפעלן נישט אונדזערע „קאָטלעטן"! נעמט ער און באַקענט אונדז מיט אַ ביר־בלאָנד מיידל, וואָס וויל פאַרשטיין ס'לעבן, און זי איז הייזעריק, און ווייך, און הינטער די אָרעמס איז בא איר שטענדיק פייכט און פאַרפלעקט.

ב. אַרבעט און שרייבט לידער, וואָס האָבן אַ מילדן און „אָפּ־פירנדיקן" טאַם, ווי ליפּאָווע־צוועט, אַ שטייגער.

מאַכן מיר ביידע אָפּ צווישן זיך — איך און משה לייב, אַז ב. זאָל זיך נישט „באַדערן", מיר'ן זיך שוין אַליין איפּאָרען מיט די לידער און מיט די אַלע זאַכן. זאָל ער בעסער „שטייען אין גע־שעפט" און אונדז שטיצן אין אונדזער גרויסער נויט. מיר קענען שוין ווייטער נישט. —

און מיר גייען טאַקע באַלד אַוועק און מיר טראָגן אַריבער אונדזערע רענצלעך צו אים אין צימערל אַריין, ערגעץ אַף סאָפּאָלק סטריט לעבן העסטער.

דאָס צימערל איז קליין און ציכטיק. ב. איז אַ באַלעבאָסטע — וואָס קיין בעסערע דאַרף מען זיך גאָרנישט ווינטשן. אַ גאַנצן טאָג

אַרבעט ער אין זיין „סטאַרקע" און מיר — שלאָפן. אַ האַלבע נאַכט קאָכט ער וועטשערע און מיר — עסן. די איבעריקע צייט וואַשט ער געפעס, ביגלט פורהעננגלעך נייט אונדז אַריין קנעפּלעך, וואו מ'באַדאַרף, און מיר ליגן אויף די בעטלעך, מיט די קניעס אַרויף, ווי קראָקוועס, און מיר העקלען לידער און מיר בויען כידושימדיקע מאַיסעס, און מיר לאַכן פון דער וועלט — דורכן פּיצל פענצטערל אַרויס צו העססטער סטריט צו, פונוואַנעט סי קומט אונדז אַקעגן אַ רייעך פון פוילע עפּל, און נאַפט און זויערקרויט און קויטיקע זון.

זאָל דאָס אונדזער „פּאַרנאַס" זיין? אַוואָדע אונדזער „פּאַר־נאַס", וואָס דען נישט אונדזער „פּאַרנאַס"?

פונדעסן איז ברייט און שיין די וועלט — טאַקע דורכן זעלבן פענצטערל אַרויס. ווייל יונגע לאַשיקלעך זענען מיר, און „סאַמע־טענע פּלאַנקען" אונדזערע ציטערן אין דער מיסט־שטאָל, פונקט ווי פון פרייען פעלד. פּייסאַזש: אויפן פענצטער שטייט אַ וואַזאַניקל, עס העננגט אַ פייגעלע. אויפן גאַז־אויוון פּרעגלט זיך אַ הערינג אין אַ שלאַכטפעלד פון ציבעלעס... אויפן טיש שטייט אַ בלעכענער טאָפּ מיט קאַלטן, שוימיקן, ברוינעם ביר.

מיר לאַכן מיט אַפּעטיט, און טרינקען (ציישן מענטשן) הייסע קאַ־קאַ־אָ און טראַכטן הייסע זאַכן, און לייענען ביכער און באַרעדן זיי און פאַלמעסן זיי.

משה לייב לייענט לידער, מעסט זיי איבער, וועגט זיי אָפּ אויף אַ גאָלד־וואָגל. דער פּסאַק־דין איז קומאַט שטענדיק: „דער שלאַק זאָל אים טרעפן, דעם שרייבער — ער קען ניש!"

ב. איז בײַ אונדז „אין דער לערע", ער זעט ווי מיר מאַכן עס מאַמזעריש, און ער קען נישט פאַרשטיין, וואו נעמען מיר קיין־איין־אָרע אַזוי פיל טאַלאַנט, געזונט זאָלן מיר זיין?!

ס'איז בײַ אונדז גאָרנישט — מאַכט משה לייב — מיר זעמיר גאַליציאַנער!... גאַליציאַנער קענען אַלדינגס. און דו, ב., מאַכט ער, לויפט בעסער אַראָפּ און כאַפּ אַרויף אַ פּאָר זעמעלעך און אַ צוויי־דריי פלעשלעך ביר... און אַ פּאָר מאַראַנצן... און אַ שטיקל רויטן יקעז... און אַביסל מאַסלינעס...

ב. שמייכלט און באַדינט אונדז!... און אַז מיר עסן אָפּ און טרינקען אויס אַ פּאָר פלעשלעך ביר, גיבן מיר זיך (ביידע) אַ צעזינג און אַ צעפייף און אַ צעשרייב און אַ צערויכער. — און די קאַטלעטן זיצן אויף אונדזערע בעטלעך, און וואַלגערן זיך אין רויך און אין אָנגעשריבענע בלעטלעך ליטעראַטור...

ב. כידעשט זיך:

אן אייזערנע גוואורע, קיין־איין־אָרע!

ער מעסט נישט לויט דער גוטסקייט, נאָר לויט דער שנעלקייט. מיר זענען אַזוינע מוירעדיקע בעריעס — סי ברענט אונדז, קיין־איין־אָרע נישט, אונטער די הענט...

— משה ליב, — זאָג איך צו משה ליב'ן, — עס איז גוט וואָס דו ביזט משה ליב און נישט קיין פרעמדער מענטש...

— יצחק רייז — זאָגט האַלפּערן צו יצחק רייז'ן, — ס'איז גוט וואָס דו ביזט יצחק רייז און נישט — דער רואך ווייסט ווער.

און מיר גיבן זיך די הענט און מיר שווערן זיך צו, אַז דאָ (בא ב.'ן) וועלן מיר וואוינען, דאָ (בא ב.'ן) וועלן מיר עסן, דאָ (בא ב.'ן) וועלן מיר פאַרברענגען מיט דעם ביסל מיידלוואַרג, ביז גאָט וועט אונדז העלפן, מיר'ן אַליין אויפגעריכט ווערן, מיר'ן געפינען אַן אויצער אָדער אויסשפּילן אין דער לאָטעריי, אָדער יאַקאָב שיף וועט שטאַרבן און אונדז איבערלאָזן די גרויסע ירושע.

ב. טאָרעט אונדז:

— זאָגט מיר אויס דעם עמעס... וואו נעמט איר אַזוי פיל אינספּיראַציע, קיין־איין־אָרע?

זאָגן מיר אים עפּעס אָפּן אויער.

צעשמייכלט ער זיך מיט זיינע שטילע ליפּן, און זאָגט:

— טאַקע? נו, אויב אַזוי, וועל איך זיך אויך מוזן פאַרליבן!...

אַף צעמאָרגנס קומט ער פון דער אַרבעט און ברענגט עפּעס אַ שטיקל מיידל.

זאָגט מ. ל.:

— דאָס מיידל טויג נישט!

— פאַרוואָס טויג זי נישט?

— זי איז צו סקיצענהאַפט!

— וואָס הייסט סקיצענהאַפט?

— סקיצענהאַפט ווייסט ער נישט וואָס סי הייסט! (מ. ל. צו מיר אַזוי).

ב. האָט זיך פאַרשעמט און געטאַינעט, אַז סי קען נישט זיין... אָבער דאָסזעלביקע שטיקל מיידל האָט ער נעבעך שוין מער נישט געבראַכט.

ער האָט שוין געבראַכט אַן אַנדערע — דאַווקע זייער אַ שיינע. ברונעט און שקאָצעוואַטע, ווי אַ כיידער־איינגל. און ער האָט זי אונדז פאָרגעשטעלט און געפרעגט מייוויינעס. מיר האָבן אים גע־

זאָגט אַז זי געפעלט אונדז. מיר האָבן אים געשיקט נאָך ברויט און נאָך וויינטרויבן. אַז ער איז צוריקגעקומען, זענען מיר שוין געווען מיטן מיידל ערגעץ אין פּאַרק אַף אַביסל גראָז, און מיר האָבן זי אַרומגעקושט, און איר אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל ליימאַן־האַשעם נישט פאַרליבן זיך אין ב.ין, ווייל ער איז באַ אונדז ערשט דעם דריטן כוידעש אַף דער לערע, און מיר ווייסן נאָך נישט צי ער איז אַ פּאָעט, צי נישט...

מיט שלום אַש'ן

„שלום אַש זעצט אַוועק דעם קוטנער יונג אַף אַ בענקל און ער ווייסט גורנישט וואָס ער זאָל טאָן מיט אים, ווי אַזוי ער זאָל'ן אונגעבן קאַוועד."
(פון אַ שמועס מיט ה. ד. נאָמבערג).

שלום אַש איז דאָ.

זיך אַראָפּגעלאָזט פון דער הויך, פון דער ווייט, פון דער פרעמד.

פּאָראַוים — פאַר אים, גייט זיין נאָמען, און רויכערט ווייריך — פון אַ וואַוויליאָנגערישן ציגאַר אַרוים. עס גלאַנצן די „גאָלדבלאַכן און זילבערבלאַכן", פון די ליטעראַרישע מעדאַלן וואָס ער טראָגט אין די גרויסע אויגן זיינע.

אַש'ס וויינגערטנער זענען פול מיט שווערע טרויבן (יעדער טרויב איז אַזוי שווער און פעט קימאַט ווי אַש'ס אַ זאַץ!), זיינע ציגן קומען אַראָפּ פון בארג גילאָד מיט מילך־קריג צווישן די פיס און זיין „קאַשערער מירר און נארד און באַלזאַם" — פאַרשמעקן ס'גאַנצע נאַפט־קרעמל פון אונדזער באַלעבאַטישער ליטעראַטור, מיט אַ קאַשערן רייעך פון אַ לעבעדיקער „שעכטיאַקטע".

פּרץ האָט געבראַכט דעם בליץ, אַש — דעם פליוך־רעגן...

אַ פּאַרדאַרטער דעמב איז געווען אונדזער ליטעראַטור. דער עוויוניזם (נעבעכ'יזם) האָט אויפגעגראָבן אַלטע וואָרצלען און זיי געלאָזט נאַקעט און הויל, — ביז עס זענען געקומען די יונגפרישע, דינע, ווײנשל־ריטלעך, וואָס האָבן געוואַקסן באַ דער זייט פונעם דעמב, פון נייער ערד אַרויס.

קעמט די באָרד אַהער, קעמט די באָרד אַהין, ווי יל"ג און יואל לינעצקי ווילן אין זייערע „שטראָפּערישע" ווערק. צעליגט

אף טעלערלעך אונדזער ביסל פארביק אָרימקייט — לעכטיקער ווערן ווערט נישט דאפון.

ביז י. ל. פרץ.

פרץ טוט־אָן אפן בייטש־שטעקעלע א לאנגן בליץ און עס ווערט לעכטיקער אין דעם שטיקל ארומגעוויינטן „גאָלעס". אייראָפּע שטעלט אריין א פענצטער אינעם הוילן דרויסן, פרץ טראָגט מיט זיך מיט די אייגענע טיר...

שווארצזעענדיקע מאסקילימלעך שלאָפן אין ברילן, קעדיי בעסער צו זען די פינצטערע דאָליע וואָס מיר האָבן באם „סאר־צוואָעס".

אף דער זייט פון דער אטלאנטישער „מיקווע" שמירט מען די רעדער פון „פּראָגרעס" מיט געלן ליטערארישן זענעפט.

אף יענער זייט פון זאלץ־מיקווע נעמט מען דעם בידנעם ישראל'יקל ארוים די קויכעס, מ'טרייבט אים אין באָד אריין, אין אוניווערזיטעט אריין.

די פאליעס לויפן פון ביידע זייטן — פון ווארשע־ווילנע און פון ניו־יאָרק־בראָנזוויל, קומען זיך צעגויף ערגעץ אין דער מיטן און ברעכן זיך פאנאנד אף שרייענדיקן גאָרנישט...

אמעריקע איז נישט דאָס צוגעזאָגטע לאנד, וואו סי רינט מילך־און־טרערן — דאָס לאנד פון גרויסע אינדוסטריען און טעכנישע דערגרייכונגען. נאָר „אמעריטשקע גאנעוו" — ס'לאנד פון „קענדי־סטאָרס", „גראָסערים", „עללען סטריט", „קעסלגארדן", „מיסעס־מיט־באָרדערס"!... — דער אָנהויב פון „פּאָרוועטס"עריי...

אידישע דיכטער טראָגן לאנגע האָר, לאנגע נעגל, עסן לאנגע לאָקשן און רעדן מעסוקן לאנגע רייד וועגן דער קונסט „אָלס אזעלכע פון איר זייט".

יהואָש זיצט אפן בוידעם־טורעם און בעאָבאכטעוועט, און דרייט דעם שלייפשטיין פון דערפארונג, און שלייפט מאצע־רעדלעך — פאר שפּאָרן... און פּלוצים דערזעט ער ווי „פון בלויען וואָלקנשימער קריכט ארוים א פרויענצימער!"...

די ליבשאפט פון די ערן צו די זי'ן, דאָס נאטורל מיט אירע בלעטערלייז, וועוויקעס, פּיפּערנאָטערס — גרינע פעלדער און וועל־דער... נויט און פּראצע, אמעריקעס ברייט־און־ליינג־געוועב פון שעפע, בראָכע און האצלאָכע, די אומענדלעכע מיילן מיט וויינטרויבן און ברויט און קוילן און גנייווע און גזיילע און רעציכע — זעט קיינער נישט... דאָס פעלד איז נישט אויסגעמאָסטן, האָט עס קיין מאָס נישט.

מ׳זיצט אין „קענדי-סטאָרקע״ אין בראָנזוויל און באַקענען זיך מיטן לאַנד וויל מען נישט, מ׳איז דאָ אַף דערוויל, וויל מען נישט אָנטון קאָלאָמבוסן די ליב און ארויסגיין אין זיין דרויסן ארויס און אַ קוק טון...

מאָרים ראָזענפעלד טראָגט איבער זיין טינטאָרין פון איין רעדאַקציע אין דער אַנדערער, און וואו ער קומט פּאַקט ער אויס זיין זאַק מיט ווערטער און טרעסעט עס די קאָנקורענטן אין די אויגן אריין, אין דער נאָז אריין, אין מויל אריין:

„ווי ביזטו אַ שרייבער,
וואָס האָסטו פאַרפּאַסט?
ווי קומסטו צו פירן אַ פעדער?
און ווילט זיך דיר שמירן —
טאָ שמיר ווי דיר פּאַסט:
מיט סמאָלע אַף טרוקענע רעדער!״

אַנישט גיט ער אַ טרעסע דעם ארבל און עס פאַלן ארויס אַזוינע גראַמען, ווי:

דיכטן,
שמיכטן,
סטאָם געשיכטן,
צו פאַרניכטן
אַ געבריכטן!

די אידישע שרייבער זיינען אין דער ליטעראַטור ווי אַף אַ אינדזל... שטופּט איר אים אַראָפּ פון דער „סקיצע״, נעמט ער זיך טרינקען און שרייט „גוואַלד״.

זיצט מען אַזוי אין קענדיסטאָר אַ יאָר און צוויי און דריי און זיבן און מ׳פאַרקויפט סאָדעוואַסער און מ׳שעלט קאָלאָמבוסן און מ׳זינגט פון דער היימאַט און מען הוסט אונטער מיט אַ כריפּ, און מען שפּייט אויס און מען קוקט אַפן טאַשנטיכל...

זאָגט דער דאָקטאָר (אַף רוסיש, פאַרשטייט זיך. אַלע אידישע דאָקטוירים האָבן דעמאָלט גערעדט רוסיש): — איר מוזט בייטן דעם קלימאַט... אוועקפאָרן אַף לופט... (דעמאָלט האָט מען נאָך נישט געוואוסט, אַז אַ שפּאַן-וועגס פון ניו-יאָרק זענען דאָ פּראַכטיקע בערג און וואונדערלעכע לופט!)

פאָרט מען אוועק קיין דענווער, אָדער קיין לאָס-אַנדזשעלעס, און מ׳דערזעט צום ערשטן מאָל, אַז:

„די זון גייט־אויס אין מאירעוו־זייט,
מיין הארץ גייט־אויס מיט איר,
ווי גאלדנער ערץ, א העלער שמערץ —
עס פינקלט טיף אין מיר.״

דאס איז דער אנהויב פון אונדזער לירישער פאעזיע, — דער קוואל איז דענוועער... די סיבה איז: אויסצערונג! וואס א ליטע־ראטור קען שוין, מישטיינס געזאגט, האבן פון א בארכענער ליריק, וואס איר מאקער איז — שווינדזעכט!

דער „אוי״ זיצט פון פארנט, דער „אוי״ זיצט פון הינטן — די פלייצע לעבט נאר צוליב דעם, זי זאל קענען טראגן ם׳הויקער...

קומט צופארן פון קוטנע א יונג ווי א „בריטאן״ — מיט פאר־שארצטע ארבל און מיט א קאל ווי א לעמפערט — און נעמט דער־לאנגען פראזע, אז עס זאל א רואך אין דער וועלטס טאטנס מאמען זיידן אריין! עס איז א גרויסע קימפעט. עס שמעקט לעקעך און „שיר־האמאילעס״ — און נייגעבוירנס, און פעטע יאכלעך, און בלוט און יוגנט... און אומריינקייט. דאס טיפל־קויט אף אונדזערע מאכיקע דעבער דערשרעקט זיך און פאלט אראפ, די טייבעלעך אליין הערן אויף זינגען זמירעס. פוטערגעבעקס־משיכים טוען אוים די גרויע בערד, און הויבן זיך אן צו לערנען שווימען אין קוני־איילאנד... גוט־באצאלטע „אידעאליסטן״ ליקווידירן זייערע „ביזנעס״ און צאלן נישט מער ווי 15 פראצענט פון די כוויוועס! דאס „קוילער־געסל״ — גייט אף אונדז, און גייענדיק גייט עס דערוויל צו־קינד. אש איז אליין די הייבאמע. ער בייסט אפ דאס אייגענע קינד פון זיך — מיט די ציין. קיין שערל ווייסט ער נישט ווי אזוי צו נוצן. ער איז נישט געלערנט.

ניו־יארק — „קאלאמבוס־גאנעוו״, רייבט זיך די אויגן מיט דער פויסט, טרעסעט די לידיקע הארקע אויערן: וואס איז געשען? דער קריטיקער־שויכעט ווארפט אוועק די הון א האלב־דערשאכטענע, און לויפט ארויס אין גאס און וויל וויסן:

ווער גייט דאס צו־קינד אף אזא הויך קאל?

— סאיז׳ גארנישט. דער קוטנער נעמט אפ בא זיך אליין א קינד — מיט די ציין!

— אזוי גאר! א מאן א קימפעטאר? סי זאל מיר אויסגיין צו — —

דאס קוילער־געסל שרייט אריבער זיין ערלעך געשריי און זינגט

אריבער זיין לעבעדיק געזאנג, און „ראטגערס סקווער“ שטייט טאמע־וואטע, ווי א ביקל, און לויזט זיך דאס בערדל, און טראכט פון יארדן, און זעט נישט דעם האדסאן. איר ווייסט דאך: — „די ביימער פארשטעלן ס׳וואלד“.

אש קומט קיין אמעריקע, און איך בעזים אים אביסל ארום אין „קונדעס“ — איך געדענק שוין נישט פארוואס. זוכט ער מיך ווי מיט לעכט און וויל מיך שלאגן... לאז איך אים וויסן, אז מיינע שלאג־שטונדן זענען צישן דריי און פיר יעדן מיטוואך. כ׳בעט צו קומען פינקטלעך.

קומט ער. קוקן מיר זיךביידע אן און מיר צעלאכן זיך, און מיר טרינקען קאווע... און מיר דוצן זיך שוין טאקע, און מיר זידלען זיך שוין אויך — ווי אייגענע מענטשן...

:: :: ::

שפעטער.

ס׳איז זומער.

אש מיט זיין פרוי און צוויי זין (מאזעס און נאטאן) פאר־ברענגען בא אונדז אפן פארם.

אש ליגט מיטן נאקעטן הארץ צו דער ערד צו, אדער מיט דער נאקעטער פלייצע צו דער גרויסער סאסנע, דא־אונטן אין וואלד.

אש׳ס מויעך איז א צירונג־קעסטל פול־געפראפט מיט אלטע ביים־יעהודישע מאטביייעס, מיט „קרוינדימענטן“, מיט „שיימעס“, מיט גאלדענע באנוקע־לעמפלעך...

מיר שפאצירן לאנג און ווייט. דער אויסגעפוצטער אומעט איז מיט מיר. די געשפארנטע פרייד איז מיט אים.

ער גייט רייטנדיק אף א הויך פערד... הייסע אמביציעס שלעפן אים נאשפיץ. ער כאלעמט פון ווערן „דער קיניג פון יעהודע“.

און איינמאל: ס׳איז סאף זומער. אש זיצט אפן גאנעק פון אונדזער הויז, הוידעט זיך — אין פרייע פערזן — אף א וויג־שטול און זיפט לופט, און לייענט — פון אויבנאויף — עפעס זייער אן אלטע צייטונג, און האט איידל האנאע פון דער אלטקייט.

ברענגט זיך צו שלעפן א שאכן — אן אונגארישער איד, און שטעלט זיך אוועק מיט די גראבע פינגער אין די שלייקעס, בא די אקסלען, קייט ס׳הוילע מויל.

— גרים איהנען, גאט! — מאכט ער צו אש׳ן.

— אַלרייט! — ענטפערט אַש און קוקט נישט אַרויס פון דעם אַלטן בלאַט־צייטונג. ער איז שטאַרק פאַרנומען מיט זייער אַן אַלטער, שוין לאַנג אויסגעלאַשענער סריפע...

— זי וואוינען דאָ הינע?

— הינע! שמינע! לאָזט מיך געמאַך!

— וואָס זענען זי אַזוי אויפגערעגט?

— ווייל איר זענט אַן אַלט פערד... וואָס רעדט איר דאַטש, קאָ אידיש קענט איר נישט?

— אַ ביסכען!

— אַ פינצטער יאָר אַף איך, מיט אייער ביסכען!...

— פון מענדעלי'ן האָט איר געהערט?

— וואָס פיר איין מענדעלי?

— מענדעלי מויכער ספאָרים... אָקס, בעהיימע!

— זי באַליידיקן מיך, מיסטער!

— אָקס איז באַליידיקונג? נו, און פון פרץ'ן האָט איר געהערט?

— וואָס איז דאָס פּערעץ?

— אייזל, פערד! נו, און פון שלום־עליכם'ן האָט איר געהערט?

— אַ ביסכען געהערט...

— אידיאָט! נו, און שלום־אַש'ן —

— שלום אַש — יאָ. אַבער דער איזט שאָן טאָהט!

אַש האָט אַף אים אַ שפרונג געטון — אים דוירעם צו זיין.

— יאַך בין טויט? פּאַסקודניאַק! יאַכ'ל נאָך איבערלעבן דיינע איניקלעך! גייטס אַוועק פון דאַנען, אַלט פערד, אַז נישט זעץ איך ענק אויס אַ צאָן...

איך האָב קוים דעם אונגאַרישן אידן אַוועקגעכאַפּט און אים באַהאַלטן אין שטאַל...

:: :: ::

אַש האָט ליב אַנטיקוואַרג. זיין שטוב איז אַ קליינער מוזיי, אָנגעהויפט און צענויפגעשלעפּט פון אַלע עקן וועלט. ס'ראַוו מיט אַן אויג פאַר — מיסכער. מ'קומט קיין אַמעריקע, ברענגט מען „אַזוינע זאַכן", מ'פאַרקויפט מיט אַ זיפץ „דאָס לעצטע כאַנוקע־לעמפּל" און מי מאַכט דאַביי אַ טוהלער.

אַש איז אַזוי ווי אַ שוואָם: אַריינגעמען נעמט ער אַריין גרינג,

נאָר אַף אַרויסגעבן קריק דאָס אָנגעזאָפּטע מוז מען אים שוין אַ קוועטש טוען !...

מער ווי אַלצדינג האָט אַש ליב אַלטע מעבל. ער קאָכעט זיך אין דעם ווי אין מי־יודייע־וואָס. קען זיך אויס אַף אַלע סטילן. ווייזט אים אַ פוס פון אַן אַלט בענקל, וועט ער אייך באַלד זאָגן, צי דאָס איז פון סאָף דריטן, צי פון אָנהויב עלפטן יאָרהונדערט. ער קען די נעמען פון די „פּעריאָדן" — ער מאַכט קיינמאָל נישט קיין טאָעס אין די קיניגלעכע נומערן פון די לודוויגס און פון די טשאַרלסעס און לואיסעס.

איינמאָל :

איך גיי פאַרביי אין אַ ליציטיר־געשעפט ערגעץ אַף נאַסאָו סטריט, ניו יאָרק. ליציטירט מען דאָרט אַלס מעבל.

די קראָם איז געפּאַקט. עס הענגען טעפּיכער טייערע... זיי הענגען נישט אַף די ווענט, נאָר אַף שפּאַנישע ווענטלעך, וואָס זענען צעשטעלט איבער דער קראָם.

ווי איך שטיי אַזוי און קוק אַף דעם געזעמל מיט מענטשן, הער איך, ווי דער ליציטאַטאָר רופט :

— אַ קאַנאַפּע פון לודוויג דעם... — וויפיל גיט איר ?

מ'הויבט אָן מיט הונדערט דאָלאַר, עס גייט אַלע מאָל העכער, העכער.

מיטאַמאָל הער איך עפּעס אַ באַקאַנט קאָל :

— אי גיוו טרי הונדערט !

איך גיב אַ קוק אַפּיר פון הינטער אַ טעפּיך. זע איך : ס'איז שלום אַש.

ער שטייט, אַ פאַרציטערטער. די אונטערשטע ליפּ איז באַ אים אַ פאַרגעסענע, די אויגן הענגען אים אַרויס אַ האַלב מייל פונעם שטערן.

ער מיך קען נישט זען, איך בין פאַרשטעלט מיטן שפּאַנישן ווענטל, וואָס איז איבערגעצויגן מיט אַ טעפּיך.

לעבן אים — זע איך — שטייט ש. ס. (דער וואָס האָט מיר — שפּעטער מיט יאָרן — געדינט פאַר אַ מוסטער פאַר מיין „געניאַלן אידיאָט"), דער באַרימטער אַנטיקן־סויכער... „פּאַרטרעטער פונעם בעלגישן קיניג"...

ש. ס. שטייט זיך אָנגעלענט אָן זיין טייערן שטעקן... שמייכלט דין און שפּאָרעוודיק, ווי סי וואָלט אים אַליין געקאָסט טייערער. ער איז, ווייזט אויס, ווינציק פאַראינטערעסירט אין דער קאַנאַפּע...

אַש — הער איך — מונטערט אים:

— קויף!

— וואָס דאַרף איך עס?

— קויף, בעהיימע, קויף!

— אַז איך האָב דאַפאַר נישט קאַ אַפּזאַץ.

— קויף עס פאַר מיר!

דערווייל האַלט שוין די קאַנאַפּע באַ 480 דאָלאַר...

אַש גייט אויס ווי אַ לעכט. דאָס פּאָנים איז אים גרין. ער ברעכט די הענט, און גיט 490... עמיצער גיט נאָך מער. ער באַקומט שיר דעם שלאַק, מיינע סאָנים... העכער קען ער, אַפּאָנים, נישט גיין. ער האָט נישט קיין געלט... און ער מינטערט דעם „געניאַלן אידיאָט" — ער זאָל אים צו־שטייער געבן...

ווער איך געררט דאַפון, טרעט אַרויס פון מיין באַהעלטעניש, גיי־צו צו אים, ווייל אים טרייסטן.

אַש זעט מיך נישט. ער זאָגט מיר „העלאָ — האַ?" און קוקט אַלץ אַהין, אַהין, צום טיש, וואו דער „אָקציאָנער" שטייט און קלאַפּט מיטן האַמער... „צום ערשטן מאָל, צום צווייטן מאָל און צום — —"

שוין עטלעכע מאָל, אַז יענער האָט שיר נישט געזאָגט „צום דריטן מאָל"... איך פּיל, אַז ווען ער זאָגט דאָס כאָלילע אַרויס, איז אַש אַ פאַרפאַלענער. זיין לעבן שטייט דאַרויף!

גיי איך צו צו ש. ס. און זאָג אים:

— זיי נישט קיין פּאַסקודניאַק. זעסטאָך אַז דער מענטש גייט־אויס — גיב צו־שטייער און קויף אים די קאַנאַפּע...

דער סאָף איז געווען, אַז — די קאַנאַפּע פון קיניג לודוויג דעם אזוי־פּיל־און־אַזוי־פילטן איז געקויפט געוואָרן.

אַש האָט זיך געפרייט ווי אַ קינד. זיין נאָז (אַ כאַווערטע פון מיין נאָז!) איז אים געוואָרן קירצער... די שוואַרצאַפּלען האָבן זיך אויסגעלייטערט... די זון איז אויפגעגאַנגען אין זיינע שיינע אויגן.

מיט אַ טאָג שפּעטער בין איך געקומען צו אַש'ן אַהיים, ערגעץ אין פלאַטבוש.

איך האָב אָנגעקלונגען. זיין פרוי האָט מיך געטראָפן באַ דער טיר.

— וואו איז שלום?

— שלום איז באַ זעך אין צימער, אויבן. גאַיטס אַרויף, זאַטשעמויכל!

איך קום ארויף, זע איך — אש ליגט אין די הוילע הויזן, אָן א העמד, אף דער קאנאפּע פון קייסער לודוויג דעם אזוי־פיל־און־אזוי־פילטן, לייענט א ביכל און שמייכלט.

— וואָס מאכסטו, שלום?

— יאך ליג אף דער קניאפּע...

— ס'איז עפּעס גוט צו ליגן אף אזא טייערער קאנאפּע?

— גוט? — מאכט ער — און פּרופט ארייגרייבן אין זיין נאקעטער פּלייצע דעם גאנצן טאם פון דער זעקס־הונדערט־דאָלאר־דיקער זאָפע — גוט?... גאי אוועק — אז יאכ'ל דיר זאָגן, וועסטו דען ווייסן? קענסט דען פילן דעם טאם?... אנו, לאָיג דעך אומיסן אנידער.

איך האָב מיך „אומיסן אנידערגעלייגט". די צעפּאָרענע ספּרו־זשינעס האָבן מיר שיר געמאכט א לאָך אין די שולטערבלעטער. דער רייעך פונעם איבערציגעוואנט איז געווען א קאטא — ווי זאָגט איר — קאָמבישער.

איך האָב זיך צעלאכט.

אש איז געוואָרן שטארק אין כּעס:

— גאָי, האָיב דיך אויף! דו האָסט נישט קא סייכל ווי אזוי צו ליגן... לאָז מעך!

ער האָט זיך ווידער אנידערגעלייגט מיטן פּאָנים ארויף און איך האָב באשיינפּערלעך געזען, ווי ס'קומט אים צו א שטיק געזונט; ער און די קאנאפּע האָבן זיך צענויפגעוואקסן אין איין שטיק — אלטע היסטאָריע.

:: :: ::

ס'איז אין דעם יאָר פון דעם ליד „בעדיליא" (דאכט זיך) — א ליד, וואָס האָט מיך שיר פון זינען געריר‏ט. די ווערטער „בע־דיליא, אָה, אי'ד לאַיק טו סטיל יו!" האָבן מיר געהאקט ס'אויער ווי מיט א האקמעסער. נאָך א גליק, וואָס דער ראדיאָ איז נאָך דעמאָלט געווען אין דער צייטעכעס געבערמוטער, אפילע דער פּאָנאָ־גראף איז נאָך דעמאָלט נישט געווען אזוי אזעסדיק ווי היינט — ער האָט נישט ארויסגעשטעקט זיין האָרן־נאָז דורך א לופטשיק און ארויסגעשריען אין דרויסן ארוים.

אש האָט נאָך אַלץ געוואוינט אין פּלאטבוש, ניט ווייט פון א גרויסן ביים־אוילעם, וואָס „נעמט אויף" סיי אידישע, סיי נישט־אידישע מייסים. פארשטייט זיך, יעדער רעליגיע באזונדער: קיין אויסגלייך איז נישטאָ אפילע אין טויט.

אַז אַש גייט פאַרביי דעם בוים־אוילעם האָט ער ליב צו בלייבן שטיין באַם פאַרקען און באַטראַכטן די אַלטע מאַציוועס.

אַז ער האָט צייט, נעמט ער אַ שפּאַציר דורכן אָפענעם בוים־אוילעם. קיין פאָרכט פאַרן טויט איז בא אים נישטאָ. ער איז פאַר־כאַפּט פון דער מאַציווע־קונסט פון אַלטע צייטן, פון דער אידישער אַרכיטעק...

דאָס בוים־אוילעם איז בא אים לאַנדשאַפט, אַן אָרט וואו אַלטע שטיינער וואַקסן, וואו מאַמעס וויינען, וואו אידן זאָגן קאַדעש, וואו „אייל־מאָליי־ראַכמים־פּעדלער" נעמען זיך אונטער צו זאָגן פאַר אייך אַ גוט וואָרט באַם „אידישן גאָט" פאַר בלויז 75 סענט...

אַש זעט פּאַנאָראַמע, אָרנאַמענטיק, אידישן סטיל אַף מאַציוועס, שמייכלט איבער די „פּוטערנע שניידערלעך", וואָס פאַלן אַראָפּ פון די קוואָרעם־ביימער און קריכן אַרום אַף די מאַציוועס, מאַכן שטעפּ־טריט מיט די צענדליק פּוטערנע פיס.

ס'איז (עפּשער) אָנהוים אָסיען אין ברוקלין. דער טאָג האָט קיין זון נישט. אָבער די לופט איז טרוקן און טערפּקע מיט נעכטיקער זון, וואָס איז ערגעץ געבליבן אין די פאַלבן פונעם וועטער.

אָדער עפּשער, האַ? — עפּשער איז יאָ דאָ די זון. זי לויפט דורך די אָדערן פון די בוים־פּעבערם — צעוואָרפענע רויטע האַרבסט־בלעטער צייכענען אַן אַ וועג אַפן שליאַך, ווי דער זומער וואָלט אַ פאַרוואונדעטער אַפּגעטראָטן פאַר דעם ווינטער און בלוט־שפּורן געלאָזט.

אַש איז היינט אינדערפרי געפאָרן אַף אַ פערד, געפאָרן רייטנ־דיק און אַראָפּגעפאַלן אַזוי נאָבל, ווי דער פּרינץ־אָוו־וועילס... טומט אים אַ האַנט ווייַ, פּעסטעט ער זיך בא דער וועלט ווי אַ פּרימאַדאָנע. ער וואָלט געוואָלט, אַז גאַנץ ניו־יאָרק מיט „זיינע אידן" (אין דעם איניען פון אידן איז ער קימאַט אַזוי ווי טאָמאַשעווסקי: „מיינע אידן!"), זאָלן אים גלעטן דעם שטערן און אים לייגן שלאָפן.

— פּשטאַיסט? אַז יאַך רייט אַף אַ פערד, מיין עך, אַז יאַך דאַרף עס לאָזן גיין, ווי סי וויל, ווייל איך בין אַ דעמאָקראַטישער מענטש. וואָרפט עס מעך אַראָפּ... פּ'שטאַיסט? אַ צאָרע זאָל קומען אַף דער גאַנצער מענטשענהייט!

(אַש זאָגט שטענדיק „מענטשנהייט". פּונקט ווי ער האָט ליב פּעטע און היימישע מאַיכאָלים, אַזוי האָט ער אויך ליב פּעטע און היימישע ווערטער...)

אַש לערנט זיך זיין אַ נאָווי „אין פּאָלען זינען דעם וואָרטעם".

אביסל קען ער שוין דאָס פאך... אביסל איז דאָס אין זיין בלוט, אביסל שפּילט ער טעאַטער — אָבער ער איז שטענדיק פון יענע „פאַנאַטישע ליגנער" וואָס נארן נישט אָפּ אנדערע פריער ווי זיי האָבן נישט אָפּגענאַרט זיך אַליין...

דער „קוטנער יונג" גרייט זיך ארויסצופירן די אידן פון מצרים... נאָר אים אַליין איז באַנג דאָס ביסל ראָסל־פליש, די גוטע „פיש מיט פעפער"...

— פשטאיסט?... ערציסרועל איז א שאַין לאַנד, ווען סי זאָל נאָר זיין פארנוסע און הייסע און קאַלטע טושן...

דאָס דערמאָנט אים אין זיין נייער היים אין פלאַטבוש. די וואַסערלייטונג איז עפּעס קאַליע.

— וואָס האָב עך געדאַרפט זיין א לענדלאָרד? מ'האָט מיר ארייגעשטופּט א שטוב מיט א גאָרטן...

ער ווערט עלעגיש:

— זייער א שאַינער גאָרטן... סי וואַקסן דאָרט... טעמעס פאר רייזען'ען. נאָר יאך קאָן נישט שראַבן קיין לידער. פאר מיינע ביכער דאַרף עך האָבן גאַנצע פעלדער.... פשטאיסט? קום, עמיר גיין אהיים, עסן פיש.... דו מעגסט דיך שוין וויצלען, משה, אז „עך עס פיש בא מיר אַלאין", ווי די אַקטיאָרן זאָגן... קום, ווערמיר נעמען די קאַר. דו האָסט בא דיר קליינגעלט? (אַש טראָגט קיינמאָל נישט מיט זיך קיין געלט. ווען איר טרעפט אים האָט ער בא זיך נישט קיין פעני. עפּעס שעמט ער זיך צו האָבן צו טון מיט דער וואולגארער זאַך, וואָס הייסט געלט. אריינשטעקן די האַנט אין קעשענע איז בא אים אַן אָפּקומעניש!)

אַש'ס היים איז א כאָצע־טעמפּל: אָרען־קוידעש־עפעקט. מיז־ראָכים, העג־לייכטערס, כאַנוקע־לעמפּלעך. טייערע געמעלדעס, וואָס מאָלערס האָבן אים געלאָזט מאַטאָנעס.

אַש בויעט א „דינאַסטיע", פלאַנצט־איין אין זיין הויזגעזינט א דערעך־ערעץ צום שטאַם...

ער פירט מיך צו צום פענצטער און זאָגט:

— נו, געפעלט דיר מיין פּייסאַזש? (אין זיין מויל קלינגט עס אזוי ווי „ביים־אַש").

— זייער פיין.

ער ווייזט מיר די אַנטיקן זיינע. קויכעט זיך ווי א קינד אין די אַלטע פורים־פּאָנען, רייזעלעך, מעגילעס...

אז איר נעמט זיינס אַן אַלטע מעגילע אין דער האַנט אריין,

שטייט ער איבער איך און ציטערט, איר זאָלט זי כאָלילע נישט פארפלעקן.

— דו וואיסט, אידן דארפן האָבן א קעניג. יאך וואָלט געקענט זיין א קעניג, ווי מאַינסטו, משה לעבן?

— נישקאָשע...

— סי פאַסט מיר?

— פארוואָס זאָל דיר נישט פאַסטן? לויט דיין סייכל פאַסט דיר צו זיין — א קיניג...

— קיביצט, הא? יאך מאַין נישט אזא קעניג, ווי דו מאַינסט. יאך מאַין —

ער פארגעסט וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן. ער נעמט פונעם טיש א פוטערגעבעקסל, הויבט אָן קייען...

איך דערמאָן מיך וואָס נאָמבערג האָט מיר אמאָל געזאָגט וועגן אים, א איך האָב אים דערציילט, אז אַש ווייזט מיר אוים צו זיין זייער א צעטראָגענער.

— א צעטרוגענער? — מאַכט נאָמבערג. — גאַי שוין אוועק! ווי צעטראָגן ער איז, אז דו וועסט'ן אונטערטראָגן א טאַץ מיט „סענדוויטשעס” וועט ער שטענדיק אויסקלויבן דאָס פרישסטע זעמעלע מיטן בעסטן שטיקל לאַקס...

אַש גיט זיך א דריי־אוים צום שפיגל און זאָגט אומעטיק־קינדעריש, ווי צו זיך אַליין:

— איאַ, יאך בין א שאַינער? דער קאָפּ טוט מיר וואַי... מאַדזשאַ (ער רופט זיין פרוי) גיב מיר עפּעס צו עסן א גוטע זאַך, אָדער גיב מיר א האַנטיך צום קאָפּ... מאַדזשוכע טייערע (האַלב אין שפּאַס), גאָלד מיינס — גיב מיר א קוש! ניין, מ'דאַרף שוין גוניש. גיב מיר טינט און פעדער. יאַכ'ל היינט ניש שראַבן. לאָמען גאַיען עסן! וואו איז דאָס מאַידל אונדזערס?

— וואו זאָל זי זיין? אין קיך. זי גרייט אָן עסן...

— גיב טאַקע עפּעס עסן. מאַדזשוכע, איך שטאַרב פון הונגער... שפּיל מיר עפּעס אַף דער פּיאַנע, משה. דו קענסט ניש?... על'ך אַלאַין שפּילן...

ער שפּילט א מינוט אַף דער אויטאָמאַטישער פּיאַנאָ. מאַכט אַלע זשעסטן פון אַן עמעסן שפּילער, ווערט באַלד מיד.

— דער קאָפּ ווערט מיר צעשאָסן! יאך האָב היינט א שלעכטן טאָג.

ער פארגעסט באלד אין „צעשאָסענעם קאָפּ", אין שלעכטן טאָג, און גיט א רוף:

— מאַדזשאַ, דערלאַנג מיר ס'קאַפּל!

— וואָס טויג דיר ס'קאַפּל, מעשוגענער?

— יאך וויל מאכן קידעש... היינט איז פראטיק, צי דאָנערשטיק?

— פרייטיק.

— אָלרייט, על'ך מאכן קידעש. די זון איז שוין אונטערגאַנגען? גיב נאָר א קוק, משה לעבן, כ'בעטיך, צי די זון איז שוין אונטער־גאַנגען... דער קאָפּ טוט מיר וואי... מאדזשא, פארוואָס איז דאָ פליגן אין שטוב? גיב מיר דעם קידעש־בעכער, מאדזשא לעבן. —

מ'גיסט אים אָן דעם קידעש־בעכער (פונעם 16טן יאָרהונדערט), ער האלט זיך צו דעם קאָפּ, שטעלט זיך אוועק באַם טיש, באַ די לעכט, וואָס מ'צינדט שטענדיק אין זיין שטוב, לעקאָוועד דעם „הייליקן שאבעס", וואָס די „נאַציאָנאַלע ראדיקאַלן" באהאנדלען ווי א טעאטער־רעקוויזיט.

— יום השישי, ויכולו השמים והארץ וכל צבאם —

:: :: ::

— פע, יאך קען ניש לאדן קא טשאַט פון לעכט... קום, עמיר גאַין שפּאַצירן, משה לעבן. קיין וועטשערע ווילסטו נישט?

— איך זאָג אים, אז — ניין. אוואדע וויל איך נישט.

— יאכ'ל דיר געבן מאנס א בילד.

ער האָט מיר געגעבן זיינס א פאָטאָגראפיע און אָנגעשריבן מיט זיין האנט: „איך לאָז דיך גריסן אָהנע וויצן".

— קום שוין... דערלאַנג מיר זאַלץ, משה לעבן, וועל איך באַ־שיטן... צי א ביבולע... מאדזשא טייערע, כ'גאַי אביסל ארוים מיט נאדירן...

ער גיט זיך וואָוויליוונגעריש א ציִ־אויס, זיין שיינעם קאָפּ פארוואָרפן אף הינטן — דעם קאפּעליוש צענויפגעקנייטשט און ארויפגעוואָרפן אף אַן אויער. באַ דער שוועל קרימט ער נאָך:

„בידיליא,
אי ליאַק טו סטיל יו".

:: :: ::

ס'איז שוין נאכט.

אַש האלט מיך אונטערן אָרעם און דערציילט מיר זיינע פּלענער פאַר א גרוים ווע—ריק: פ'שטאַיסט, רייזען וויל איינגעמען איסט־בראָדוויי.. באַ מיר איז דאָס אף איין צאָן... יאך דארף די גאנצע

וועלט אַף איבערצודרייען זעך אַף דער אַנדערער זאַט. אַנישט איז מיר ענג...

אַש שפּאַנט פּאַראויס און רעדט צו מיר פון דער ווייטן:

— אַז עבֿ׳ל ענדיקן מאַן וועריק. וואָס טויג מיר צו שראַבן ווערק? — כ׳האָבּ׳ס אין דר׳ערד! טעמעם העגגען אַף אַלע ביימער. מ׳קאָן זיי אָפּרייסן, נאָר אַז זיי פאַלן אַראָפּ אַף דר׳ערד זענען זיי ווי עפּל. זיי מאַכן זיך אַ וואונד, און אויסהיילן קען מען נישט. וואָס שראַבסטו דו, משה לעבן? דו שראַבסט עפּעס?

נאָך איידער איך ענטפער, מאַכט ער:

— אַ שאַינע נאַכט. קיק אַרויף צום הימל... אַז יאָך קיק אַרויף צום הימל, הויבט מיר אָן קלאַפּן ס׳האַרץ. קום, עמיר טרינקען זאָדעוואַסער... האָסט באַ זעך עפּעס געלט?

באַם טרינקן דאָס זאָדעוואַסער מאַכט ער צו מיר:

— פאַרוואָס מאַינסטו מאַך עך קידעש? יאָך מאַך קידעש פאַר מיין דינסטמאַידל. זי איז אָן אונגאַרישע, און זייער אַ גוטע קעכין... זי מאַכט היימישע מאַכאָלים ווי אַ קינסטלערין. יאָך זאָל אַזוי האָבן אַלדיסגיץ, אַז זי איז אַ „שעפערין" — זי שאַפט פּאָטעמס פון קוגל־מעל... באַלאָדן פון — קליסקעלעך מיט באָבעלעך... זי איז זייער אַ פרומע. מוז עך איר מאַכן קידעש...

און ווידער דערמאָנט ער זיך:

— דו אַליין שראַבסט עפּעס? יאָך מאַין ניש דאָס דרויב, וואָס דו שראַבסט... ס׳איז גייסטיקע קישקעלעך אָנצופילן האָלופּטשעס — פּשטאַיסט נו, יאַבֿ׳ל שוין גייען אַהיים, יאָך בין שוין מיד...

איך בין אַוועק אַף מיין זייט פון דעם גלעזל זאָדעוואַסער, ער איז אַוועק אין דער ריכטונג פון זיין גלאָז „וואַניליאַ" און צישן אונדז ביידן האָט שעמערירט דער לאַנגער ברוקלינער בויס־אוילעם, אָנגעטון אינגאַנצן אין פרישע, רואיקע, דורזעכטיקע טאַכריכים פון לעוואָנע־שטאַף...

:: :: ::

שפּעטער.

אַש איז שוין אין אַמעריקע דאָס דריטע מאָל(?). שוין יובילייען געפייערט. שוין מיט אַנטיקן געהאַנדלט, שוין אין הויז פאַרקויפט און געקויפט אָן אַנדערס און אַביסל פאַרדינט דאַביי...

ס׳איז אָנהויב וועלט־מילכאָמע.

אַף דער „אידישער גאַס" רודערט זיך. ראַדיקאַלן זינגען דאָס

לידל „יאנקל דוהדל”. יאנאווסקי קאָוועט זיך אַ שווערדל צו גיין אין מילכאָמע אַריין מיט די „הונען”.

דער „פּאַרוועדטס” איז פּראָ... — וואָס איר ווילט, אַבי דער טיראַזש זאָל נישט פּאַלן... אידישע שרייבער פּאַרדינען אַ גרינגע פּעני בּאַ מילכאָמע־ליטעראַטור... ביכער פּאַרקויפן זיך אין די הונדער־טער... די „וועלפּעיר־אידן” צעטיילן צווישן די אידישע זעלנער — סידורימלעך, מאַיסע־ביכלעך... לידער מיט „אידישער פּאַטרי” — אַבי די איסט־סיידער קעלבלעך זאָלן נעבעך נישט זיין אומעטיק אַפן וועג צו דער שעכטיאַטקע.

לעקציעס? ווער ס'איז נאָר נישט אימגאַנצן פּאַנפּעוואַטע און האָט יאַסלעס און איז נישט קיין „סלעקער” — דאַרף זיך אַ מעלד־טון צו יאַנקל קירשענבוים, קריגט ער אַ „דזשאַב” — צו האַלטן לעקציעס אין די מיליטערישע „קעמפּס”. וואָס איר הערט? ! נישט גלאַט אַזוי לעקציעס, נאָר טאַקע „סעריעס” — אַ סעריע פון 12 אָדער 15 שטיק, פּאַר אַ מזומענער פּעני... (פּלינג, פּלאָנג, פּלאַנג, — האַרפּנשפּיל!)

איך (און עפשער נאָך אַ צענדליק אידישע שרייבער) טויגן צו דעם אויך נישט. יאַנקל קירשענבוים זאָגט טאַקע: „וואַיסיך וואָס — זאָלן זיי זיין אידעאַליסטן, די בעהיימעס!”... און צו די אייגענע „לעקטשורערס”, וואָס שטייען אַרום אים, אַלע מיט שטעקעלעך, ווער מיט ברילן, און ווער גלאַט אַזוי מיט קאַליע אויגן:

— קימץ, קינדער — האידאַ!... מ'דאַרף כאַפּן די „טרעין” (אָדער „קעטשן די באַן” —„נעמען די באַן” קען ער נישט זאָגן, ווען איר דערהאַרגעט אים.).

אין יענער צייט באַווייזט זיך אַף דער איסט־סייד אַ איד, אַ קליידל־פאַבריקאַנט. הייסט ער: האַלצמאַן. אַ וואוילער מענטש, אַ באַל־צדאָקע, וואָס דער „צאַר פון גאָלעס” מאַכט אים הערנער אַפן קאָפּ. ער וויל, אַז אידן זאָלן נישט „בלאָפן”... זיי זאָלן אַרויסגיין און זאָגן דעם גאַנצן עמעס... אָן שום „פעיקס”... ער האָט נישט ליב קיין „פעיקס”.

דערהערט אַזאַ מין זאַך, האָט אים אַ איד אָן אַגענטל געגומען אין די הענט אַריין און אים איינגערעדט ער זאָל אַרויסגעבן אַ נייע אידישע צייטונג. הערמאַן בערנשטיין וועט זיין רעדאַקטאָר, וועט ער שוין זאָגן דעם גאַנצן עמעס, אָן בלאָפס, און סי וועט זיין אַי וואויל צו אייך (צו מר. האַלצמאַנ'ען, הייסט דאָס), אַי וואויל צו אונדז — דעם אידישן פאָלק, הייסט דאָס. נאָר וואָדען? מאָני!

א 100 טויזנט דאָלאַר האָט ער? מיט ווייניקער ווי א 100 טויזנט דאָלאַר קאָן מען נישט אַרויסגיין און זאָגן דעם גאַנצן עמעס. דאָס הייסט (מאַכט ער) קענען קען מען מיט 50 טויזנט דאָלאַר אויך, נאָר סי וועט זיין בלויז א האַלבער עמעס... און דאָס איז דאָך צו־ווינציק, האַ, ווי מיינט איר, מיסטער האָלצמאַן?... דאָס הייסט: אין ערגסטן פאַל קען מען זיך א קוועטש־טון מיט 50 טויזנט דאָלאַר אויך... און דער עמעס זאָל נישט דאַרפן ליידן, נאָר בעסער וואָלט געווען —.

דער קליינער מר. האָלצמאַן האָט פאַררוקט ס'דאַרע היטל אַפן שטערן, זיך פאַרטראַכט און געזאָגט:

אָדער דעם גאַנצן עמעס — פון אויבן ביז אַראָפּ, ווי די מאַמע האָט אים געהאַט, אָדער גאָר נישט... (פויזע) שאַ, איך ווייס שוין וואָס איכ'ל טון... איך וועל צונעמען א שוטעף צום געשעפט — ווען מ'קאָן נאָך קריגן שלום אַש'ן אויך... איך הער, אַז שלום אַש שרייבט דעם „גאַנצן עמעס"... און דער, ווי הייסט ער? דער וואָס האָט געהאַט „טראָבל" מיטן טעאַטער? דער משה נאַדיר? מ'האָט מיר געזאָגט, אַז ער שרייבט אויך דעם עמעס...

— מ'קען זיי אַלעמען קריגן, — פאַרזיכערט דער אַגענט, — אַבי איר'ט נאָר האָבן 100 טויזנט דאָלאַר.

:: :: ::

עס איז געוואָרן א צייטונג. די צייטונג האָט געהייסן „היינט". דער רעדאַקטאָר איז געווען הערמאַן בערנשטיין. שלום אַש איז געווען די הויפּט־שילד. איך האָב אויך געשריבן דאָרטן.

די צייטונג איז געווען ברוטאַל־קאָמיש. מ'האָט אַף שנעל אויפגעקלאַפּט דעם ערשטן נומער, נישט געהאַט קיין צייט צו באַ־שליסן אַקוראַט וואָס פאַרא נומער ריינעם עמעס מיר ווילן זאָגן.

איך האָב געטאַינעט אַז מיר דאַרפן אַרויסקומען מיט א לייט־אַרטיקל און זיך באַראָטן מיט די לעזער, וואָס מיר זאָלן וועלן: ציוניזם? פּועלי־ציוניזם? טעריטאָריאַליזם? עפּשער עפּעס אַן אַנדער גאַטונג עמעס — א פרישערס, אַזא וואָס קיינער האָט נאָך נישט פאַרכאַפּט?

דער פאַרלעגער אונדזערער (שפּעטער האָבן מיר אים א נאָמען געגעבן „דער גרויסער „דערלייגער") מיסטער האָלצמאַן, האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין א טייער מענטשל, ווי א גאָלד. אינדערפרי קומט ער אין רעדאַקציע אַריין (ערגעץ אַף דער 10טער סטריט, לעבן

דער צווייטער עוועניו), קערט אויס דעם שאפּ, גיסט אָן טינט אין די טינטאַרינס, שטעקט אריין נייע פּענעס אין די הענטלעך — אַלץ קעדיי מיר זאָלן קענען גרינג און שיין זאָגן דעם גאַנצן ריינעם עמעס, אָן שום „בלאָפס".

זיין שוטעף (א מר. פּ.) איז שוין געווען אביסל „מער מענטש". יענער האָט אויך געוואָלט מיר זאָלן שרייבן דעם גאַנצן עמעס. נאָר וואָדען? ער האָט געהאַלטן דעם עמעס פאַר א קאַבצאַנישער זאַך, וואָס אים אַליין פּאַסט נישט צו האָבן צו טון דאמיט... צע־שטייער געבן אביסל געלט, מעהייכע־טייסע. אויך — נישט קיין סאַך. אָבער גריסן זיך מיט די שרייבערלעך — אזאַשע!...

נאָר איינער פון די שרייבער איז אים יאָ אביסל געפעלן: דער הויכער מיט די ברייטע פּלייצעס און מיט דעם שטעקן פון מאַלאַגע־האָלץ... שלום אש?... יעסיר, דאַטס די גאַי. העלאָ, מיסטער!

אש וויל אים ניש געבן די האַנט:

— יאך קען ענק ניש. אז ענק פּאַסט ניש צו רעדן מיט אַלע שראַבערס...

דער „היינט" איז זיך אַזוי פּאַוואָלי געגאַנגען א 4 וואָכן, גע־זאָגט דעם גאַנצן עמעס אונטער הערמאַן בערנשטיינ׳ס רעדאַקציע... דער מיסטער האָלצמאַן האָט אַזוי לאַנג אונטערגעגאָסן פרישע טינט, געקערט דעם דיל, ארויסגעשלעפּט די אַלטע פּענעס און אריינגע־שטעלט נייע — ביז וואַנעט ער האָט דערלייגט זיין אייגנס א 75 טויזנט דאָלאַר און א 25 טויזנט דעם שוטעפ׳ס...

די שרייבער פונעם „היינט" איז דאָס עמעס־זאָגן נישט אָנגע־קומען שווער. פאַרקערט. זיי האָבן געהאַט „פעטע קאָנטראַקטן"... יעדער איינער פון די שרייבער האָט אָפּגעזאָגט זיין ביסל עמעס אַף איין פוס און איז אוועק שפּילן דאָמינאָ אָדער ביליאַרד. בא א סאַך פון זיי האָבן גענומען וואַקסן בייכלעך... זיי האָבן געלויבט און געדאַנקט גאָט, וואָס ס׳איז דאָ א „אידישער עמעס" אַף דער וועלט, און א משוגענער, וואָס לאָזט זיך צוליב אים קאָסטן 100 טויזנט דאָלאַר...

אַף דער 5טער וואָך האָט די צייטונג קוים קויעך געהאַט זיך אָפּצושטעלן. דער „גאַנצער עמעס" איז געווען, אז — דער מיסטער האָלצמאַן איז נעבעך ארויס נאַקי, ווי די מאַמע האָט אים געהאַט.

מיר אָבער — די מיטאַרבעטער — געוואוינט שוין איצט צום „גאַנצן עמעס", האָבן געהאַט טאַינעס: מיר האָבן קאָנטראַקטן אַף א יאָר...

נאָר אז דער קליינער מר. האָלצמאַן האָט זיך גענומען בעטן און באַווייזן, אז ער האָט שוין מער קיין געלט נישט, איז געבליבן, אז ער זאָל אונדז אָלעמען ארויסצאָלן פאַר 4 וואָכן פאַראויס.

אָבער מר. האָלצמאַן האָט זיך געשוואוירן בּאַ זיין „אידישן עמעס", אז ער האָט מער קיין געלט נישט. ס'העכסטע, וואָס ער קען צענויפשקראָבן, איז צוויי וואָכן סכירעס פאַר אונדז. דאָס איבריקע, זאָגט ער, וואָלט געווען אַ יוישער, אז אַש זאָל אומקערן אביסל פון דער „קאָוציע" וואָס זיי (די פּאַרלעגער) האָבן איינגעלייגט אים צו גאַראַנטירן זיין קאָנטראַקט אַף אַ יאָר.

מיר האָבן „געמיטינגירט" און באַשלאָסן זיך צו ווענדן צו אַש'ן. כאָטש מיר זענען געווען זיכער, אז ער'ט אָפּזאָגן.

אַש האָט געענטפערט:

— יאָכ'ל זען...

מיר האָבן פאַררופן אַ מיטינג פונעם גאַנצן „שטאַב" מיטביידע באַלעבאַטים, און אויך אַש'ן.

איך האָב מיך אַוועקגעשטעלט און גענומען מאַכן אַ העצע אַש'ן, ער זאָל אָפּשטעקן אביסל געלט, צוליב דעם קאָוועד פונעם אידישן פאָלק. צוליב זיין קאָוועד אָלס קינסטלער!

בעאיים איך האָב גערעדט האָט אַש שיער צעביסן ס'קעפּל פון זיין שטעקן. דערנאָך האָט ער גענומען ס'וואָרט און געזאָגט:

— יאָך גיב אַפּ... (איך געדענק שוין נישט וויפיל). נאָר יענער מענטש (ער האָט אָנגעוויזן אַף מר. האָלצמאַנס שוטעף, וואָס איז געזעסן ווי אַ באָק, מיט ביידע הענט אַף די קניעס, און געלאָזט רואיק פינקלען זיינע דימענטן) — נאָר יענער מענטש זאָל אויך צעשטייער געבן...

אַש האָט זיך אָנגעצונדן ווי אַ שטורקאַץ, זיין אונטערשטע ליפּ האָט גענומען ציטערן, ווי צום אַראָפּפאַלן. ער האָט אָנגעוויזן מיטן שטעקן אַף דעם כאָצע־באַלעבאָס מיט די דימענטן אַף די הענט, וואָס איז זיך רואיק געזעסן און אויסגעהערט דעם גאַנצן (לעצטן) עמעס:

— איר אַזוינער און אַזוינער! לײדאַק וואָס דו ביזט! איר טראָגט בּאַרליאַנטן... און זיי (ווייזט אָן אַף אונדז), זיי שטאַרבן פון הונגער... קוקט זיי אָן! גיטס אַהער די רינגען! זאָרעז זאָלט איר אויסטון די פינגערלעך מיט די דימענטן... און די קראַוואַט־שפּילקע! איר הערט? דערעך־ערעץ פאַר אידישע קינסטלער! הויבט זיך אַף, אז אַ אידישער קינסטלער רעדט צו אייך, פשאַקרעווסאָבאַטשאַ!!!

דער איד האָט זיך נעבאַך דערשראָקן אַף טויט. געוואָלט אַראָפּ־שלעפּן די דימענט־פינגערלעך פון זיינע ווייסע פינגער... נאָר מיר האָבן אים געזאָגט, אַז ס׳איז נישט נויטיק. ער קען געבן מזומען־געלט. ס׳איז פּונקט אַזוי גוט...

אַש׳ס וואונדער איבער זיין אייגענעם „שיינעם זשעסט" איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט גאָרנישט געוואוסט וואָס צו טון מיט אונדז — פון גוטסקייט. ער האָט אונדז דאַפאַר אַלעמען אַראָפּ־גערופן אונטן אין רעסטאָראַן און געזאָגט מיר זאָלן באַשטעלן וואָס מיר ווילן אַף זיין כעשבן.

נאָר איידער מיר זענען געווען פאַרטיק מיטן עסן, האָט אַש באַקומען אַ שרעקלעכן קאַפּווייטיק און געמוזט אַהיימגיין...

מיט ל. שאַפּיראָ

נישט די „מאָדערנע נייוויאַיִם" — פאַרשטייט איר מיך, וואָס גיסן אויס אַ פּייסעכדיקן בוריקע באָרשט פאַר דער שוועל, און זאָגן: דאָס זידט אַזוי מיין בלוט. נישט פון יענע, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט קרענצלעך אידיִע וואונדן, ווי מיט געטריקנטע פייגן אָדער גריבקעלעך צום פּאַרקויפן; נישט פון די „בייזע אַפּאָסטאָלן", וואָס באַקן אַריין זייער קאַס אין פּוכענע איבערבעטן. אויך נישט פון יענע, וואָס לאָזן זיך אומיסנע ס׳האַרץ אויפעסן פון אַ מאָנאַרכישן אָדלער, קעדיי זיך צו קענען פאָטאָגראַפירן מיט אַ צעבלוטיקט האַרץ.

ווער איז אַ שרייבער? דער איז אַ שרייבער, יענער איז אַ שרייבער — פאַרוואָס נישט, זאָלט איר געזונט זיין? ס׳איז אַ גרויס באַקוועמלעכקייט, מ׳קריגט קאָווער־לעקיכלעך. מ׳וואַרפט דיר קימאַט אין מויל אַריין — ראָזשינקעס־מיט־מאַנדלען... מאַלאָכים אַף צו קלעטערן דאַרפן טרעפּ — מיר דאַרפן בלויז פּיס... מ׳שטעלט זיך אַף די שפּיץ־פינגער און מ׳זאָגט: איך ווער העכער. מ׳שניידט זיך אונטער די הויזן און מ׳קערצט זיך אַביסל אונטער די אַרבל פונעם לעטניק און מ׳זאָגט: איך וואַקס!

דאָס לעבט לעשט זיך אויס אין ווינט — צוליב דעם, אַז דער ווינט זאָל זאַטער ווערן מיט פייער. געמאָלטע מענטשן, שלעפּן אַליין דעם ציילעם, אויפצוהענגען אַף אים זייערע פאַטרעטן. שווענקען אים אַרום מיט טרערן. פאַלן אַפּן פּאָנים פאַר די הענט, וואָס רייסן זייער לייב. אָדער שיטן זיך אַליין האַרטן זאַלץ אַף די רויע

וואונדן... רעדן צום צאַר'ס טאַליאַנים גאָט'ס וואָרט, מישן־אויף דאָס כומעשל און ווייזן אַז מען טאָר נישט... גיט אַ קוק אַף דאַף יוד־גימל, פאַני!

די צעבלינעטע ציילעם־כאַיע טראָגט אָפּגעריסענע אויגן — אָפּן מויל. נאָר דאָס האַרץ אויסצושפּייען, און אַרויפטרעטן דאַרויף מיטן פוס...

ווי אַ פרוי שמירט־אָן אירע ברוסט־ניפּלען מיט פּאַלין, קעדיי אָפּצוגעוואוינען ס'קינד, אַזוי שמירן מיר די ניפּלען פון אונדזער שאָוויניזם מיט זעלבסטביטערקייט.

על נהרות פּסקאָוו. דער פידל העגגט אַף אַ ווײַנענדיקער ווערבע. אונדזער כאַלעם פאַרוואַרפט דעם ווייסן קאָפּ ווי אַ געקוילעטע גאַנדז. דיכטער זיצן באַ די זינג־וואַרשטאַטן און זינגען זיך לידלעך... און שניצן זיך אַ „כתר'ל", און כאַפּן אַ דרימל.

אין שאַפּיראָס קעלערל זיצן די דעמאָלדיקע „יונגע" (היינט אַלטע) און פאַרמעסטן זיך, ווע סי קען אַ נעם טון די העכערע צע... און ווער ס'האָט אַ רייכערע קאָלאָראַטורע... אַ לענגערע טרעמולאַ...

מי רינגלט אַרום דעם אייגענעם שטעקן, און מען זיצט הינטער דער וואָרימער פּאַרע פון טיי, און דאָס אייגענע נעשאָמע־שמאַלץ טשאַדעט און פאַרטשאַדעט דעם קאָפּ מיט „מאָשיעך־טרוימע"... דעם אָטעם נישט צו אָפּן!

ל. שאַפּיראָ שטייט באַם מעשענעם געלט־אָפּקלינגער... וואָס זעלטן קלינגט עס. סיידן אַמאָל, אַז ער דאַרף עמיצן צעבייטן אַ דאָלאַר. אַ נידריקער, מיט אַ קליין אויסגעמוטשעט פּאָנים, מיט אויגן, וואָס שלאָפן קיינמאָל נישט אין קיין וואַרים בעט, מיט צערוקטע אומפּריינטלעכע, שטאַרקע ציין און קוקט דורך די שווערע ברילן — איבער דער וועלט'ס אָפּגרונטן אַריבער...

אַלדינג איז באַ אים אַף יענער זייט אַקסל — עפּשער דאָרטן, האַ, העט דאָרטן ערגיץ! דערווייל שטופּט ער דאָס שווערע פּאַרנאָסע־וועגעלע, נאַבלעסיק, מיט איין האַנט. ער זיצט, דאַכט זיך, קיינמאָל נישט, נאָר ער שטייט הינטער דעם קאַלטן „מעשענעם קלינ־נערל", וואָס האָט איבערגענומען באַ אים אַליין די מידע פון שווייגן. ער לאָזט פאַר די אויערן אַדורכרוישן דאָס פליגן־געזשים, וואָס קומט פון די פאַרטשאַדעטע ליטעראַטור־מאַכערס...

הערמאַן גאָלד — מיטן נישט־שיינעם, פּראַכטיקן קוואַדראַטנעם פּאָנים, און אויפגעשטעלטע האָר ווי אַ האָר־באַרשט, און אַ גראָטעסק־לאַכעדיק מויל און אומרואיקע מייזלשע אויגן — גייט־נאָך מיטן

ביסל געטרייקייט, רויכערט קטוירעס אַרום שאַפּיראָס אַלטע שטיוועלעטן. די געטריישאַפט ווײַנט פון די אומרואיקע אויגן אַרויס, זיין גריפּאַן־מאַסקע טראָגט ער ווי אַ קלאָלע קענען מייסטער: דו, כאַשאַפּערל, קוק מיך אָן וואָס פאַר אַ פּאָנים דו האָסט. „אַ כאַליאַטשקע!"

דאָ, בא שאַפּיראָ'ן אין קעלער־קאַפּיי, טוט הערמאַן גאָלד אויס ס'אַנגעטוענע פּאָנים און טוט אָן אַ ווייכערע, מילדערע מאַסקע... דאָ פאַלט זיין שמאַטע־מאַנטל פון זיינע שטאַרקע פּלייצעס און דאָס מענטשלעכע הויט־און־פלייש הויבט זיך אָן אַדורכזוען...

אַמאָל פאַרגעסט ער זיך און פאַלט אַריין אין דער איינגעריבענער ראָלע פון אַ שלעפּער, אַ טעלער־כאַפּער, אַ מוילמאַכער: — „העי, יונגאַטשיק דו, גיב אַהער אַ קרעפּל... אַ כאַליאַטשקע!"...

און ער כאַפּט פון טעלער. לײַדיקט־אויס פרעמדע גלעזער. דאָס באַליידיקט און אונטערהאַלט די דאַמען פון דער „בעסערער וועלט", וואָס פאַלן אַמאָל אַריין אין די אָרימע קינסטלער־קאַפּייען.

אָבער שאַפּיראָס אַ בליק איז גענוג צו פּענטען דעם אַזעס פון דעם יונגן ה. גאָלד. ווערט ער דעמאָלט פּלאַסטיש, גיט זיך נאָך — ווערט קליין, ווי אַ שטאַרק־אויסגעצויגן גומיבענדל נאָכדעם ווי די האַנט לאָזט עס אָפּ...

ל. שאַפּיראָ איז איבערגעטריבן־דרואיק, ווי אַ וועזוף־קראַטער, וואָס האָט שוין זיינס אויסגעשפּיגן... „דער ציילעם", „דער קוש" און די אַנדערע שאָוויניסטישע פּיערדיקע שפּייען אין סוינע'ס פּאָנים, זענען אַריין אין סאַמע מיטן אויג־פּינטעלע, און האָבן אָפּגעטון צוויי זאַכן: האָבן באַצאָלט דעם פיינט און באַפרייט דעם פיינט־האָבער...

ווי נאָך אַ פאַרוויסטנדיקן האָגל אַף אַ טוואָוע־פעלד, איז איצט פריש און שטיל און שווער...

די קלאָמפּערשטע האָפענונג איז שוין מער נישט קיין ציג, וואָס איז צוגעבונדן צו דער שטוב־שוועל, נאָר אַ הויך, ווילד פערד — בלויז מוטיקע און הויכע קענען רייטן אַף דעם... נאָר דערהויבענע, קענען אַריבערקוקן איבער די אָפענע יאַם־ערטער צישן די קריעס אייז — און זען פון דער ווייטן דעם אינדזל.

די פּאָגראָם־ליטעראַטור איז ווי זאַלץ אַף וואונדן — סע בייסט און היילן היילט דאָס נישט. מען מאַכט זיך פאָרווערף: איך בין שולדיק, דו ביזט שולדיק... די האַק איז שולדיק — געווען באַדאַרפט אוועקכאַפּן די האַק...

די צאַרישע האַנט איז נישט שולדיק... זי איז די האַנט פון

גאָט... סאַר־צוואָעם אַליין פירט־אָן מיט די פּאָגראָמען. וואָס קען מען אים טון? „ווערטער, ווערטער, דעקלאַמאַציע". דעם האַלדז גייט מען דערווייל אַרומגעבונדן מיט א שאַליקל... מ'זאָל זיך נישט פאַר־קילן... מ'האַלט אינמיטן אַראָפּפאַלן און מ'טרייסט זיך מיט דעם, וואָס דערווייל פאַלט מען נאָך גאַנץ גוט... וואָס ווייטער וועט זיין — וועט'ן זען שפּעטער! כ'מיין...

:: :: ::

אין יענער צייט קומט צו מיר צוגיין א כאָשעווער אַמעריקאַנער, א רעדאַקטאָר פון דעם זונטיק־בלאַט פון א גרויסער צייטונג, און וויל איך זאָל פאַר אים שרייבן „פּריילעכע נאַרישקייטן". דער טנאַי איז: איך דאַרף שרייבן אומגעפער אַזוי ווי דער און דער (ער רופט אָן א נאָמען). דער איקער גייט עס אינדעם, איך זאָל שרייבן וועגן אַזוינע אידן, וואָס פאַרשאַפן שפּאַס דעם כוליגאַנישן לעזער — דאָס הייסט: וועגן אַזוינע „שינים", וואָס ס'איז א מעכאַיע צו וואַרפן אַף זיי א שטיין. די ענגלישע צייטונג־ליטעראַטור איז פאַרלויזיקט פון אַזוינע ליצאָנעס־טרייבער און וואַגאַנטן, וואָס שטעלן אַרויס אַלע אימיגראַנטישע גרין־און־געלע כעסרוינעס און ווייזן נישט א ברעקל פון זייערע מאַילעס.

דער גויעשער רעדאַקטאָר מיינט נישט כאַלילע קיין שלעכטס. ווי אַלע דרויסנדיקע זעט ער אונדזער לעבן בלויז אין דער פאַר־קרימטער און פאַרגרעסערטער פאָרם — אין דער קאַריקאַטור. א „גלייכן מענטשן" איז שווערער נאָכצומאַכן און אויך שווערער צו פאַרשטיין. גרויסע נעז איז, לאָמיר זאָגן גרינגער צו ווייזן, ווי גרויסע נעשאָמעס...

פאַרשטייט זיך, אַז פון דעם שידעך ווערט אויס שידעך. יענער גייט אָבער נישט אַוועק מיט קיין צעבראָכענער קני, כאַלילע, און מיר איז אויך גרינגער: מער פעלט מיר נישט, נאָר זיך אַוועקזעצן און האָבן פּאַרנאָסע!...

דערווייל פאַרברענגט מען אַזוי און מען שמועסט וועגן ווינציקער ווי אידישן הומאָר.

איך ווער געוואויר, אַז יענער איז אויסגעבונדן אין אַלע אידישע וויצן — פון שייקע פייפער ביז קאָוונער'ן: די פאַרשפּיצטע און די נודנע און די, וואָס ווייבער דערציילן זיך אין טערקישן באָד.

אַפּאָנים זיך אָנגעלייענט ווי א פויק, מיט דער־אָ סכוירע, קעדיי צו ווייזן מיר וואָסאַרא באָקי ער איז אין „אידישן הומאָר", און מיר אָנטון א נאָכעס־רואַך...

סי דרייט זיך א רייד־קארוסעל איבער די אמעריקאנער הומאָ־ריסטן: אַרטעמוס וואַרד, ביל ניי, עלליי פּוירקינס, פּיטער דולי, מאַרק טווען. איך האַלט, אַז אַרטעמוס וואַרד איז דער אַמעריקאַנישסטער, ווייל ער איז אַזוי קינדעריש־קונציק, טעמפּ־מאַראַליש, ווי די עסייען פון בינימין פרענקלין...

מיין גאסט איז שטאָל־און־אייזן פאר טווענ׳ען: א וואלקנ־בראָכישער גייסט, א פּראָגרעס־שטופּער, א וויסער פון מענטשלעכע וואונדן, א ברייט־וועלטלעכער ראכמאָנעס־האָבער, א שפּראך־גאָלד־שמיד.

ער ברענגט פאר א מוסטער טווענ׳ס אומזיניקע מאיסע, וועגן דער שפּרינגענדיקער זשאַבע („דהי סטאָרי אָוו דהי דזשאַמפּינג פראָג”). די מאיסע גייט אומגעפער אזוי: צוויי ניי־ענגלאנדישע פארמערס גייען אין א געוועט, וועמעס זשאבע ס׳קען פלינקער שפּרינ־גען... ווען איינער פארקוקט זיך (אָדער וואָס), נעמט דער אנדערער יענעמס זשאבע און פילט זי אָן מיט שרויט (אָדער וואָס), קען זי נישט שפּרינגען... געווינט ער (אָדער וואָס).

א סכעמישע קליינקייט, וואָס קויפט־אונטער דעם אמעריקאנער לעזער מיט דעם, וואָס סי האַנדלט זיך וועגן „ספּאָרט”. א זיכערע טעמע, ווי באַ פרומע אידן: ערעץ־יסראָעל...

איך שטעל אַרויס מיין גרעסטע קאָרט: שלום־עליכם. א ליב־טיקער, לירישער. מיט א שמייכל, וואָס מאכט א לאָך אין הארץ, — א לאכעדיק אויג, וואָס איז אליין א גרויסע טרער... דער הומאָר פון א העכערן שטאפּל, די געפּרווירענע טראגעדיע פליסיק געמאכט אין די פייערן פון ליבשאפט...

דער אַמעריקאַנער רעדאַקטאָר באַרעט זיך מיט מיר. ער נעמט אַרויס זיין טויז־טרומף: דזשעראָם ק. דזשעראָם.

צי איך אַרויס זיך אליין און... לאָז ער מיר עפּעס טון. דער מענטש איז געפּלעפט — און אז איך זע, אז ער איז געפּלעפט, הויב איך אָן שיסן מיט מיין אומבאַשיידנקייט, מאך מיר א פּיקסן־שטריימל פון דיקענס׳עס פאפּירענע מענטשן, וואָס סי קלאַפּט אין זיי א בלעכענער דויפעק, פון א קונסט־זייגערל, וואָס ער האָט זיי אונטער־געלייגט הינטערן אויער... איך מאך פון אים א טעל, דער גוטער יאָר ווייסט וואָס איך האָב צו דעם פיינעם מעכאבער פון „קאפּער־פילד” און „קוריאָזיטי־שאָפּ”!

דער רעדאקטאָר קוקט אָף מיר, ווי איך פּלוטעווע אזוי, איז

נישט געוואוינט צו אזוינע הארבע רייד... איז געוואוינט צו איידעלע מאניערן, צו בעקאוועדיקייט, און דא קומט צוגיין עפעס א „שיני־גאי" מיט א היפשער נאז און געקרייזלטע האר און שלאגט אים ארוים פון דער האנט דאס בייטשל...

ער הויבט זיך אויף, בעט דעם קאפאליטש, פליז, זאגט אף זיין פאסעכדיקן ענגליש, אז אידן זענען אן אלט, היסטאריש פאלק, נאר וואדען? — נישט אלע... ס'איז דא אזוינע אידן, וואס דארפן נאך א סאך, א סאך לערנען... און ער קוקט אף מיר.

— די „איזראעליטן" זענען א מאדנע פאלק. זיי פארשטייען אלעמען, שרייבן אין אלע שפראכן, וועגן אלע פעלקער... אבער זיי צו פארשטיין איז שווער... „זיי זעען און ווערן נישט געזעען". יא, וואס האט ער געוואלט זאגן? העם־יא. צי מיין איך טאקע ערנסט, אז שלום־עליכם איז גרעסער פון מארק טוועינ'ען?

— זייער ערנסט...

— „וועלל"... איך זאל אים געבן אביישפיל.

איך דערמאן זיך אן שלום־עליכמ'ס עפיזאד, וועגן דעם קלויז־באכערל, וואס גייט אין מילכאמע אריין, און אז מ'טרעפט זיך מיטן סוינע — און מ'הייסט אים שיסן, שיסט ער אין דער לופטן אריין. דערזעט עס דער פעלדפעבל (צי וועל דארטן), מאכט ער: „זשידא־טשיק, וואוהין שיסטו? אט אהינצו דארף מען שיסן"... און ער ווייזט אים אן אפן סוינע.

גיט זיך דאס באכערל א קראץ אין דער פריש־אפגעשוירענער פייע און זאגט: „אהינצו? וואס רעדט איר, גאספאדין פעלד־פעבל? — דארט שטייען דאך מענטשן!"...

דער רעדאקטאר האט אראפגענומען ס'היטל פון דער שפיץ־קני, וואו עס איז געזעסן רייטנדיק, עס אנגעטון אף דעם אטלעס־בלאנדן קאפ, זיך באטראכט די נעגל, און געזאגט:

— עפשער... אבער איך זע נישט דעם וויץ... בא מיר קומט דאס אוים עפעס אזוי... ווי זאל איך זאגן?... נאריש... וואס הייסט: דארט שטייען מענטשן, ווייל ער נישט שיסן... דאס איז א גוזמע... א בורלעסק...

מאך איך צו אים: קעדיי צו פארשטיין די ליטעראטור פון א פאלק איז ווייניק וואס מ'לייענט עס אין איבערזעצונג. — מ'דארף עס באנעמען מיט דעם אייגענעם „קויעך־האדאם". מען דארף באנעמען דעם טאם פון דער ערד, אף וועלכן עס וואקסט.

דאריבער קומט אויס, אַז אזוינע צוויי גאַנץ וואוילע שרייבער, ווי איך און ער — פארשטייען זיך נישט איינס ס'אַנדערע! האַלט איך זיין טוועינ'ס מאַיסע וועגן דער שפּרינגענדיקער זשאַבע פאַר אַ קוואַטש... ער האַלט שלום-עליכמ'ס שיס-אַנעקדאָט פאַר אַן — אומזין...

דער ריס איז אין אונדזער עטישן באַגריף פון דער וועלט און מענטשן: פאַר אַן אַלט-מאָדישן אידן (וואָס מ'האָט אים אַריבער-געפּאַטשט אַף דער זייט פון צעקראַכענעם יוישער) איז דער געדאַנק וועגן שיסן אַ לעבעדיקן מענטשן אַזוי נישט צו דערטראַגן, אַז ער זעט אין דעם באַכערל'ס „דאָרט שטייען דאָך מענטשן" עפּעס אַזוינס!

אָבער ער — דער נאָרמאַל-געזונטער „נאָרדיק" פאַרשטייט נישט: וואו איז דאָ די כאָכמע? מ'שיקט דיך שיסן מענטשן, שיסטו אין דער לופט?... דאָס איז — בורלעסק... קאַריקאַטור. וואָס איז דאָ צו לאַכן איבער אַ לוי-יוצלעך, וואָס קען אַ קויל אין אַ מענטשן נישט אַריינשיסן?...

:: :: ::

איז, גיי איך שוין ווייטער נישט ביז די קניעס אין גאָלד. דער פויגל האָט זיך נישט געלאָזט אָפּשיסן. דערווייל פויקט מען אין קאַפּיינע אַז איך גיי אַוועק צו די גוים... ווערן קריטיקער צו מיר ווייכער, די קאָלעגן — ווי אַ פּלאַסטער צו אַ געשוויר. מען פאַר-שרייבט דעם נומער פון מיין טעלעפאָן, און מ'זאָגט מיר אַן איך זאָל נישט פאַרגעסן, אַז איך האָב אַן אייגן פאָלק.

און וואָס טו איך? איך קום אַלע אינדערפרי אין „אינשורענס-אָפיס", שרייב מעלדענישן וועגן טויטע, ענטפער די פּאָסט, הער-אויס דעם שעפ'ס איבערגעוואַרימטע דראָשעס, וועגן איניאַנים, וואָס זענען אַזוי ווייט פון מיר, אַז ס'אַ פּאַכעד! סי גייט מיר פון איין אויער אַריין, פון אַנדערן אַרויס.

אַז איך בין פאַרטיק מיט מיין „קאַנצלעיי"-שרייבעכץ, נעם איך אַרויס אַ העפט און — שרייב מיר דאָרטן נישט-געשטויגענע, נישט-געפלויגענע מאַיסעס. שרייב האַסטיק, דער פעדערשטער טשוב האָר איז אַף מיר ווי דאַשעס, און די נאָז לויפט — אַף רעכטס און לינקס.

באַמערקט דאָס דער שעף, מאַכט ער זיך נישט-וויסנדיק. פאָרט אַ געפּעסטעטע קינד! אַביסל וויסנדיק, מער וויסנדיק, ביז ער הויבט-אָן צוערשט העמ...ן, דערנאָך וואָרטשען, דערנאָך ברומען, דערנאָך ריידן: — איך דעמאָראַליזיר אים דעם שטאַב... אַז איך וויל

שרייבן מיינע מאיסעס — איז ערשטנס, ווייסט ער נישט צו וואס דארף איך מיך אפגעבן מיט די־א נארישקייטן? דריטנס (צווייטנס, לאזט ער אויס, דער אנטיסעמיט!), דריטנס, קען איך שרייבן נאך דער דראשע... דאס איז נישט קיין — העידער („ביידער"), וואו מ'לערנט זיך שרייבן אידיש...

אזוי די מאיסע? נו, גוט... נאדיר דאס סידערל, דו הונט, און גיי דו אין ביידער אריין...

און איך גיב פון זיך א טלים אוועק דאס גאנצע פעקל קאנצעליי־פאפירן, און איך לויף אהיים.

:: :: ::

איך שרייב מאיסעס אין „טאג" — גרעבלעכע, הויכע, קיצלדיקע. האשעמיסבארעך זאל באטש העלפן סי זאל געפעלן דעם פאני־פאריץ רעדאקטאר, מיסטער אזוי־און־אזוי (מיט א „טאליע").

סי געפעלט בארעך־האשעם!

איך באשרייב „קלעזמערישע אינסטרומענטן" (א. לוצקי איז דעמאלט געפאלן אף דער נאז און עפעס געפונען!), באשרייב די לעבעדיקע פיגליעס פון דער טויטער וועלט... צאלט מען מיר א סאך מיט אביסל — אבער ס'איז גוט אזוי: איך האב ס'געפיל: איך בין רייך. יעדערער איז מיר א שטיקל באל־כויוו... בעסער ווי איך זאל יענעם שולדיק זיין... א געפיל פון רייכטומען גרויסע, וואס איך בין נישט מעכויעוו צו שלעפן מיט מיר... אנדערע וועלן שוין אויפפאסן אף דעם...

אין שאפירא'ס קעלערל איז גוט ווי די וועלט. — א קליין קיניגרייך, אבער פון לויטער מאלאכים... יעדער נעמט איין די וועלט!... און סי בלייבט נאך פונדעסטוועגן א שטיקל פארן שאכן אויך...

ל. שאפירא קוקט דורך זיינע „טאפל־פענצטער", פארנעמט זיך עפעס מיט א דערפינדונג וועגן קאלירטע קינא־בילדער, דרייט זיך ארום בא זיך אין קעלערל, ווי א פרעמדער פון ערגעץ זייער ווייט... האלט די דינע ארעמס פון הינטן, ווי ער וואלט וועלן זיי ערגעץ איבערלאזן, ווי אומניציקע זאכן, און — ווען מען דערמאנט ס'ווארט „קריסטנטום", שפייט ער אויס: דריי מאל...

ריידן — רעדט ער נישט. איז א סוינע פון רייד. האלט, אז די קירצסטע פארם פון ריידן איז — שווייגן. און שווייגן — זאגט ער — איז אויך צופיל. מ'דארף עפעס שטילערס. ער איז אנגע־

פּאַנצערט מיט עפּעס אַ שאַרף, מוירעדיק שווייגעניש, ווי אַ ריטער פון דער מיטל־צייט איז באַוואָפנט מיט אַ שטאָלענעם זשילעט און העניטשקעס, און קנאַכן־שלעסערדיקע קייטן־הויזן. זיין „פערדל" איז די קריסטענליבע — ער שטעכט אַריין די שפּאָרן, גראָבט אַריין די נעגל אין דער גריווע — סי גייט בלוט.

„מ'גיט דיר אַ פּאַטש אין איין באַק — שטעל־אויף די אַנדערע... מ'פּאַטשט דיר אויף ביידע באַקן — אַנטליי באַם שאָכן נאָך אַ באַק... ישׂראליקל... טאַטעלע... דו הערסט נישט וואָס מ'רעדט צו דיר: האָב ליב יעדן ווי זיך אַליין, אפילו דעם פעטן שאָכן... דעם גראָבן פּעמפּיק וואָס הענגט דיר הינטערן אויער ווי אַ פּיאַווקע. האָב אַלעמען ליב ווי דאָס לעבן, ווי זיך אַליין!... נאָר זיך אַליין האָב פיינט... כּו אָמר קריסטוס!"

און ער זוכט אַ ווינקל, וואו אויסצושפּייען...

אויף איסט־בראָדוויי, אין אַמעריקע דעם לאַנד, באַ די אינטעליגענטן, אידלט זיך — נישט קיין סאַך בעסער ווי עס קריסטלט זיך אין דעמאָלטיקן צאַרישן רוסלאַנד — דאָרטן פּאַטשט מען, דאָ גרייט מען צו די באַקן...

צו די אַלע גוטע זאַכן גיבן זיך נאָך אויף אונדזער אידישן ניו־יאָרק אַ לאָז אַ כאַפּטע מיסיאָנערלעך און — מ'פאַרשפּרייט די לערן פון דעם געקרייציקטן און מ'פאַרדינט דאָביי אַ גאַנץ שיינעם גראָשן, וואָס אַרט אייך!

קוצעדופּנע אידישע ליטוואַקלעך שטייען אויף די באַלעמערס, מיט צלאָמים אין די פאַרשטאָכענע אויגן, מישן דאָס כומעשל, וואָס איז פאַרשמירט מיט בלוט, און לערנען די טויב, אַז זי זאָל אַליין בעאיים זי שטרעקט אויס דעם האַלדז מאַכן אַ בראָכע איבערן כאַלעף, ווייל דער שויכעט קען נאָך פאַרגעסן...

אַמאָל — ווען די יעהאָוואַ־עט־זאָן־געשעפטן ווערן שלאַבריק — גיט מען נאָך צו אַ גלעזל קאַווע, מיט אַ בייגל אויך. כאַפּן זיך ווינטערצייט אַריין אָרימע אידישע פּעדלערס פון גאַס און — מ'עסט אויף דעם בייגל, מ'טרינקט אויס די קאַווע, און מ'הערט אויס אַ שטיקל דראָשע און מ'גייט אַרויס און מ'זאָגט:

— אַ וויסט, פינצטער, געשוואָלן יאָר זאָל אויסגיין צו זייערע קעפּ!...

אויף גרענד סטריט — נישט ווייט פון דעם סאַמע־אויבערשטן איסט־בראָדוויי, פּריידיקט איינער אַ וואַרשאַוויאַק: אַ כיטרע ליט־וואַקל, וואָס „האַלט זיך פון אויבן" און דרייט זיך שטענדיק באַם

ברעג פון זאכן. אז מ׳פרעגט אים עפּעס, זאָגט ער קיינמאָל נישט „יאָ״ אָדער „ניין״, נאָר „עפּשער״. „העם, סי קען זיין״ —. „מיט קריסטוס׳ הילף״...

אידן האָבן שאַרפע נעז, דערשנאָפּט מען, אז אָט־דער אָ איז דער געפּערלעכסטער פון דער גאַנצער כאָפּטע מיסיאָנערלעך. ווייל די טומע איז בא אים איינגעוויקלט אין קדושע, און מ׳האָט זיך גענומען אים דערגיין די יאָרן (אזוי ווי אידן קענען!).

אין מיטן דעם שאַבעסדיקן פּיירעק לוקאַס, ווען וואַרשאַוויאַק שטייט אפן באַלעמער אָנגעטון אין זיין שוואַרץ סורדוקל און הערט זיך צו מיט פּאַרקאַטשעטע אויגן — צו דער טוירע פון דעם אלטן יענקי מיט דער גראָער מעסושעלאַכדיקער בעזים־באָרד — פליט אריין א שטיין דורכן פענצטער אָדער א בינטל — מ׳טאָר נישט זאָגן וואָס, און סי ווערט א געשטאַנק ביז צום הימל...

איך גיי פאַרביי מיט שאַפּיראָ׳ן — דערזע איך דאָס שילדל אין פענצטער: „הייטע פּרעדיקט האַראָוו ר׳ וואַרשאַוויאַק״...

שאַפּיראָ שפּייט אויס, ווייל זיך נישט אָפּשטעלן. איך האַלט אים צו באַם אַרבל:

— לאָמיר אריינגיין...

ער וויל נישט.

...טינעף טשעפּעט מען נישט.

א צווייטער כאַווער, וואָס גייט מיט אונדז, זאָגט:

— קומט פונדעסטוועגן אריין... לאָמיר הערן וועגן וואָס דאַר־שענט מען דאָרטן!

מיר גייען אריין. שאַפּיראָ — ווייסט נישט וואָס צו טון מיט זיך אַן אויער איז בא אים פּייערדיק־רויט. ער זוכט אין אַלע קעשענעס — געפינט א רעשטל פון א פּאַפּיראָס, נעמט עס אין מויל אריין. נעמט אַלע מאָל אראָפּ די ברילן, ווישט זיי אַהער און ווישט זיי אַהין, ווי ער וואָלט וועלן אָוועקווישן די גלעזלעך אויך. קען זיך נישט דערוואַרטן אף דער דראָשע...

זיך דערוואַרט, „באָרעך־האַשעם״!

אפן באַלעמער באַווייזט זיך דער האַדרעס־פּאָנימדיקער יענקי מיט דער בעזימדיקער באָרד, זייעט־דורך דורך די ציין א טפילע... דערביי איז ער מודיע, אז — העיוים, אזוי ווי בא וואַרשאַוויאַק׳ן איז געשטאָרבן די מאַמע, וועט ער (וואַרשאַוויאַק) בלויז אַרויס־קומען זאָגן א פּאָר ווערטער...

עס קומט אַרויס וואַרשאַוויאַק. ער איז בלאַס ווי די וואַנט.

ער נעמט ארויס א צייטונג און ווייזט:

— איר זעט? דאָס זענען די נעמען פון די, וואָס זענען געפאַלן אין ...'ער פּאָגראָם... מיין מאַמעס נאָמען: חיה־אסתר... זאָל זיי גאָט פארגעבן — זיי ווייסן נישט וואָס זיי טוען!

אונדזער כאַווער וואָס האָט אין יענעם פּאָגראָם אויך פארלוירן א מוטער (און צוויי שוועסטער) האָט זיך די גאַנצע צייט אומרואיק געהויבן פון אָרט, און זיך געקנאַקט די פינגער. אַז ער האָט דערהערט דאָס וואָרט „מאַמע", האָט ער צעעפנט ס'מויל, ווי א כוילעגויפל, א הויב געטון א האַנט, און זיך א ריס געטון צום באַלעמער.

ער איז געשטאַנען לעבן דער בימע, צוגעהאַלטן וואַרשאַוויאַק'ן בא א פּוס, און ווי א באַנומענער אים געשטויסן מיט א האַנט אין בויך אריין און געשריגן מיט א קאָל, וואָס איז גאַרנישט געווען זיין אייגנס:

— אַנו, די צווייטע באַק, די צווייטע באַק!... ווי אין כומעשל שטייט — טוואָי מאַט... טי...

מ'האָט אים קוים אָפּגעריסן.

וואַרשאַוויאַק איז געלעגן אין זיין שווארצן סורדוט איבער דער גאַנצער לענג פון זיין באַלעמער. דער מיט דער מעסושעלאַכדיקער באָרד, האָט אַף אים געשפריצט וואַסער...

טעג
אין מײנע אוניווערזיטעטן

איך האָב גראַדואירט פון מיינע דריי ליטעראַרישע אוניווערזי־טעטן: 1) „דער קיבעצער״; 2) דער „גרויסער קונדס״; 3) „דער אידישער גאַזלען״. באַם לעצטן בין איך געווען מיט־רעדאַקטאָר, אײנ־איינעם מיט... י. אַדלער. עס איז געווען אַ מעשונעדיק וואָכנבלאַט. דער הומאָר איז דאָרט געווען אַ קינדערישער. איך און מיין שותּף האָבן זייער אַ סאַך געלאַכט באַם שרייבן די זאַכן, געלאַכט און שטאַרק האַנאָע געהאַט פון אונדזערע כאָכמעס — געטראַכט, אַז קיין בעסערס און קיין קלוגערס פון אונדז איז אין גאָר נישטאָ אַף דער גאַנצער וועלט.

צאָרעס האָבן מיר געהאַט פון אָט־דעם־אַ הומאָריסטישן אָנ־שיקעניש — אָן אַ שיער. איינער אַ דרוקער, י. גרייזעל, איז געווען אונדזער פאַרלייגער. קיין סאַך געלט צו דערלייגן האָט ער נישט פאַרמאָגט, האָבן מיר מיט דער צייט געמוזט אַריינכאַפּן איינעם אַ י. קאַרלין, ער זאָל העלפן „דערלייגן״.

דעריעניקער י. קאַרלין האָט דעמאָלט „געפעדלט אַף אַ פערד־און־וועגעלע״, געוואוינט אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל אין „איסט־ניו־יאָרק״. ער האָט געזאַמלט אידישע ליטעראַרישע שיימעס: אַלטע בלעטער, זשורנאַלן, ביכלעך. געהאַט האָט דער י. קאַרלין אויך ליטעראַרישע פליגן אין דער נאָז. ער האָט געפילט, אַז דער „גייסטי־קער ראָספּאַן״ ווערט אַף אים ענג... האָט ער געגעסן זויערע זאַכן, געלעגן אַ סאַך אין בעט, געקוקט אַף דער לעוואָנע, ביזוואַנען גאָט האָט געהאָלפן, ער איז געלעגן געוואָרן מיט אָן... איבערזעצונג פון עדגאַר אַ. פּאָ׳ס ליד „די וואָראָנע״.

ריידן וועגן זיין „שאַפן״ האָט ער נישט גערעדט. ער האָט עס „געטראָגן״ שטילערהייט, ווי מ׳טראָגט אַ מאַמזער. איז אַרוים פון דער קימפּעט — שטיל, אָן קרישמע־לייענען, אָן לעקעך־און־בראָמפן, נאָר אויסגעבליכט איז ער געווען — דאָס איז עמעס. מענטש־מעווינים האָבן לייכט געקענט דערקענען, אַז עפּעס איז מיט אים דער מער.

דער נעמלעכער י. קאַרלין האָט זיך אונטערגענומען שטעלן דעם „אידישן גאַזלען״ אַף די פיס, אַריינגעבראַכט אין דעם מאַסע־מאַטן אַ פּאָר קנאַקעדיקע הונדערטער, און מיר — איך און י. אַדלער,

האָבן געעפנט די אויגן. מיר האָבן אָנגעהויבן ארויסכאַפּן צו פּאָר דאָלאַר א וואָך. איך ווייניקער, אדלער — מער. ווייל ער האָט שוין דעמאָלט געהאַט — געזונט זאָלן זיי אים זיין — א 5 קינדער. אַבוּע דעם „גאַזלען" פלעגט זיך אים נאָך מאַכן זייטיקע פאַרדינסטלעך אויך. יעדן פרימאָרגן שטייט ער אויף — מיטן מאָרגנשטערן. זעצט זיך אוועק באַם שרייבטישל, מיט א גוט־אויסגערייניקטער פען, שרייבט גלייכע שורעס אַף גלייך־געווירט פּאַפּיר. ער קען די מאָס און וואָג פון שרייבן. ער ווייסט: אזויפיל און אזויפיל ווערטער גייען־ארויף אַף אזויפיל־און־אזויפיל בייגעלעך פּאַפּיר. פון אזויפיל־און־אזויפיל בייגעלעך פּאַפּיר שטעלן זיך אויס אזויפיל־און־אזויפיל קאָלומנעס אין יענעם־און־יענעם בלאַט. אזויפיל־און־אזויפיל קאָלומ־נעס האָבן די ווערט אזויפיל־און־אזויפיל.

אדלער קען אויסגעצייכנט דעם ליטעראַרישן מאַרק. ניין, אַלע וועלטמאַרקן. ער שיקט סכוירע קיין קראָקע, קיין לעמבעריק, קיין רומעניע, קיין ארגענטינע. ער ארבעט לויטן סעזאָן, — פּאַ־אַמערי־קאַנסקי. ווינטער, אז סי בלאָזט א זאַווערוכע, ארבעט ער שוין פרילינג־לידער; האָט גרייט האַמצאָעלעך, איינפאַלן פאַר אַלע אידישע יאָמטויווים, פאַר אַלע געלעגנהייטן. ער שרייבט און קוקט אַפּן קאַלענדאַר, אַף די ליטעראַרישע „מאַרקעט־באַריכטן"... ער פּאַסט־אויף, אז זיינע ווינטער־שטימונגען זאָלן זיין אַפּן מאַרק פריער פון אַלע אנדערע, קעדיי זיי זאָלן אריינברענגען מער געלט. ער שרייבט פאַרן „בעקער" און פאַר דער „צוקונפט", פאַר דער פ. א. ש. און פאַר מיניקעסן אָנגעשריבן אַ זאַך מיט א ריינער, קלאָרער האַנט־שריפט, ציילט ער איבער די בלעטלעך, נומערירט זיי. זעט איינ־צוטיילן אין אזויפיל געהאַקטע שורעס ווי מעגלעך, קעדיי סי זאָל ארויסקומען לענגער. ווי א פּראַקטישער פאַרמער, וואָס שיקט סכוירע אַפּן מאַרק, זעט ער אז די וואַרע זאָל זיין שיין פאַרן אויג און פיין געפּאַקט. די בעסערע סטראָפן שטעלט ער פון אויבן־אויף. די שוואַ־כערע אינמיטן... העט־אונטן באַם דנאָ איז די ערגסטע סכוירע.

ער באַקלאָגט זיך, אז ער איז נישט קיין גרויסער לאַמדן אין לשוינעס. און „ווייל ער עפּעס באַדכענען, האָט ער נישט וואו צו לאַקכענען" — כאָטש שטילערהייט לייענט ער צוביסלעך דייטש און ענגליש.

איך בין נאָך גאָר א נאָוויבראַנעץ אין דער שרייבעריי. האָב מיך קוים־קוים דערשלאָגן צו רעדאַקטאָרשאַפט. קלאַפּט מיר, וואָס דער עמעס איז, ס'האַרץ פון פרייד, נאָר דאָס מויל געניצט פון נודעניש.

וואו־זשע האלט איך? יאָ. קארלין איז געוואָרן אונדזער פערטער שוטעף. פלענער האָבן מיר גוואַלטיקע. ווי קינדער טוען מיר (צוויי יונגע קאָמעדיאַנטן) זיך אויס נאַקעט, און ווי א 5־יעריק אינגל, וואָס דערזעט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן עפּעס נאָכהענגען אַף זיין קערפּער און ער דערשרעקט זיך, אָדער ווערט פאַרגאַפט און הויבט אָן לאַכן, אזוי האָבן מיר צוויי געלאַכט.

וואו בין איך געווען א הומאָריסט? איך בין געווען סענטימענטאַל, ווי א גימנאַזיסטקע, ליריש ווי א קעלבל קעגן דער לעוואָנע. נישט מער, איך האָב געזאָגט וועגן זיך אַלערליי ביטער עמעסן: „איך בין א פוילער, איך בין א באַל־גאַיווע, איך גלויב נישט אין קיין קונסט" — האָבן אַלע געשמייכלט און געזאָגט: „אָט דער איז א הומאָריסט"...

מיין ערשטע מאַיסע, וואָס האָט מיך געגעבן א שטעל־ארויף אַף דעם פוס־טרעפּל פון דער הומאָריסטישער ליטער, איז געווען וועגן א פענצטער־פוצער, א שלימאַזל, וואָס טראָגט אין זיין האַנט א שעפּעלע מיט א שמאַטע, אונטערן אָרעם א לייטערל, אין דער אַנדערער האַנט האַלט ער א שטיקל וואַסערמעלאָן (ס'איז זומער אין ניו־יאָרק און פון יענע אמאָליקע היצן, וואָס היינט הערט מען שוין פון זיי נישט). דער נעמלעכער שויבנפוצער האָט א שמעק געטון הינטער די ראַזירטע אָרעמס פון דער ווינער קולטור, האָט אײדעלע מאַניערן, און — מאַלט אייך אָפּ, אז דער־אָ „זיסער, קוטשעראַווער" יונגערמאַן שטייט אזוי לעבן א מארקוועגעלע (פוש־קארט) און האַלט אין האַנט א רעפטל קאַווענע, די גרויס ווי א גרויסע האַלבע לעוואָנע, און די אַנדערע הענט זענען ביי אים פאַרנומען מיט שויבן־פוצערישע זאַכן, און פלוצים באַווייזט זיך א דאַמעלע, וואָס ער, דער שויבנפוצער, האָט „ליב מיטן גאַנצן פייער פון זיין —" און ער קען זי נישט גריסן. ער קען פאַר איר נישט אראָפּנעמען ס'היטל. ער פאַרכליסנעט זיך בלויז מיט עטלעכע שוואַרצע קאַווענע־קערלעך, און...

„ווייסט איר־זשע־דענזשע", מאַכט צו מיר ש. יאַנאָווסקי, און קראַצט זיך דאָס וואַנדאַיקל, און שמייכלט ווי א שאָדנווינקל — „ווייסט איר־זשע־דענזשע וואָס איכ'ל אייך זאָגן, יצחק רייז? — איר זענט דאָך גאָר א הומאָריסט, לאָמיך אזוי לעבן. הערט־אויף (מאַכט ער) מוטשן מיט אייערע געדאַנקען, מיט אייער ליריק. דאָס איז נישט פאַר אייך."

⁘ ⁘ ⁘

בין איך מיר, הייסט עס־זשע, אַ הומאָריסט און אַ מיט־רעדאַק־טאָר פון „אידישן גאַזלען".

איך קוק אַרויף צו י. אַדלערן, — קוים מיטן אויג צו כאַפּן. אַזאַ „גרעיסע"! ראובן ברייניין האַלט פון אים אַ וועלט. שלום־עליכם אַליין האָט אים געשריבן בריוולעך... ער האָט שוין (אַף זיין געוויסן) אַ בוך מיט לידער, וואו ער זינגט וועגן... וואָס עס לאָזט זיך, און דאַווקע מיט זייער וואוילע גראַמען. אַ קוואַרטירל הערץ, מיט פאַר־אַ־האַלבן־גראַהעצער שמערץ, זיבן זיפצלעך פאַר אַ דאָלאַר מיט 19 סענט — גרויסער אויספאַרקויף! פרישע טרערן (וואָס דאַרפט איר קלערן) פאַר... וויפיל מ'גיט. וויפיל גיט איר? ווער גיט מער?

מ'גיט. מ'רייסט פון די הענט. עס קומען בריוולעך פון קראָקע, פון לעמבעריק, פון גאַלאַץ, פון בודאַפּעשט. די נאָהכפראַהגע איז גרויס. דער פאַרשלאַים איז אַ היפּשער. אַדלער אַרבעט נעבעך מיט אַלע קויכעס, ער באַקט־אויף גאַנצע געבעקלעך לידער, וואָס גייען זיבן אַף אַ לאָפּעטע.

ער באַשרייבט דעם גאַנצן עמעס (ווי אַ סך אַנדערע שרייבער, מיינט ער, אַז אַלדינג וואָס סי פּאַסירט מיט אַ מענטשן איז עמעס!). ער גיט אַ גוטע מאָס, אַ פולע וואָג... ער שטייט־אויף פאַרטאָג, ראַשטשינעט אַ געבעקל לידער, קנעט זיי אויס, וואַרעמט זיי אויס אונטער די אָרעמס. אַף דער דיך. — סיטיצאַך!

אַדלער באַשרייבט די אָרעמקייט. באַשרייבט ווי ער באַשרייבט די אָרעמקייט. באַשרייבט ווי אַזוי דער טאַטע זיינער רייסט זיך אויס אַ האָר פון דער באָרד, און לייגט זיך אַריין אין אַ סייפער... טעמעס, איינס ווי איינס, ווי די בערן! ס'איז גוט און געשמאַק און אידישלעך און זאַפטיק. די לייענער לעקן דאַרפון די פינגער. אַדלער זשאַלעוועט נישט דאָס ביסל טאַלענט. ער שטייט שוין היינט אויף פיר אַזייגער אינדערפרי. קוקט אַף זיינע קינדערלעך, זאָלן לעבן, און באַשרייבט זיי. קוקט אַף זיין ליבער פרוי, זאָל זיין געזונט, און — באַשרייבט זי. דאָס אַלדינג ווערט געטון מיט אַ טאַכלעס. נישט גלאַט געשאָסן און — פאַרפאַלן די קויל, נאָר געשאָסן אַ אידן (אַ טעמע), אַרויסגענומען די קויל און ווידער געשאָסן — טאַקע דעמ־זעלבן אידן. דערטאַפּט אַדלער אַ טעמע, מאַכט ער פון איר אי אַ ליד, אי אַ סקיצע, אי אַ עסקיז, אי אַ פּאָר הויזן. אַז סי גייט אויס דער פּאָדעם, טרענט ער אויף ערגעץ אַנדערש און... שטעפּט ווידער. און אַז סי פעלט אַ קנעפּל און ער „וויל באַדכענען און ער האָט נישט

וואו צו לאקכענען", דרייט ער בא זיך אליין אראפ א קנעפל פונעם העמד און האלט זיך דערוויל צו ס'הארץ — מ'זאל נישט זען, אז סי פעלט א קנעפל...

:: :: ::

איך? ווער בין איך? איך ווייס דארטן? עפעס א שטיקל ליטעראַרישער פראַנט, מיט א צעבראָכענעם צילינדער און מיט צע־ריסענע הענטשיקעס, נאָר א שטעקעלע האָב איך א שיינס, און די שרייב־שטוטשקעלעך קען איך בעסער פון עמיצן אַנדערש, און אַז אקשן בין איך, אַז עס איז נאָך אַזוינס נישט געהערט געוואָרן. סי טרעפט אַז אינמיטן א מאָנטיק שטעל איך מיך אוועק און שריי: „היינט איז פרייטיק." איך שריי אַזוי לאַנג, ביזוואַנען סי ווערט טאַקע פרייטיק און איך... טרעף, און אַלע מיינע קאָנקורענטן זאָגן אף ליטוויש: „עי, עיבאַזעי!..." מער זאָגן זיי נישט. וואָרין מיט וועמען ווען זיי דאָ אָנהויבן? סי פּאַסט זיי גאָרנישט, כ'לעבן. וואָרין ווער זענען זיי און ווער בין איך? זיי זענען — סלאָבים, מאיר בלינקין, חיימאָוויטש, און — ווער בין איך? עפעס זאָגט מען, אַז איך שרייב אונטער זיבעצן נעמען. וואָס בין איך אויסן דאַמיט? וואָס אַרבעט איך נישט אַרויף כאָטש איין נאָמען? בעסער איין נאָמען א גרויסן, איידער הונדערט פּינצלעך נעמען...

גאַליציאַנער קאָלעגן זאָגן:

— ניש קאַ לאַהט!

יואל ענטין באַמערקט און קראַצט זיך מיט א דין קראַצעלע אין שטערן:

— פּיס־יע, — א פּונק נאָר כ'מעין...

א גאַנצע וואָך אַרבעט איך אין א פינצטער צימער. דעוועלאָפּיר פאָטאָגראַפישע פּלאַטן. שטיי באַם רויטלעכן ליכט, וואָס עסט מיר אויף די אויגן. ווייק מיר די הענט אין סאַם און קוק ווי סי קריכן מענטשעלעך שוואַרצע, איבערגעקערטע, אף מילכגלאָז. די־אָ מענטשע־לעך (ווי שיידימלעך) עסן מיר אויף די טעג — גיבן מיר סאַם צו אָטעמען, טרייבן מעשוגאַסן אין מיין קאָפּ אַריין.

באַנאַכט שפּיל איך צימבל, אַזוי שלעכט, אַז מי קען אַזש וויינען. דערנאָך שרייב איך מאַיסעס און לידער, שרייב מיך אונטער מיט אַלערליי נעמען — ווייבערשע און מאַנצבילשע, צעשיק די סכוירע אין רעדאַקציעס. זונטיק נאָכמיטאָג זיץ איך אין שאָלעמ'ס ליטע־

ראַרישער קאַפּיי, — אַ פּרעמד, עלנט אינגל, מיט דערשראָקענע אויגן, האַסטיקע, שפּיציקע מאַניערן, טרינק טיי (וואָס איך האָב נישט ליב) און פאַרפּיר מיר אַמאָל אַ שמועס מיט אַן „עמעסן שרייבער" ווענן... זיך אַליין. ווענן די נעמען אונטער וועלכע איך שרייב. „פּילאַטוס", זאָגט איר—נישקאָשע... יצחק רייז?—סע. אַנאַ דאָנאַ—אַ גרויסע דיכטערין. י. סטריער? — אַ שוסטער... ווי קומט ער צו „אַנאַ דאָנאַ" ?

איך טרינק און וואַרג מיך, שוויץ און פּלאַטער. איך וויל זאָגן: „מענטש איינער — דאָס בין איך דאָך זיי אַלע!" נאָר איך שעם מיך. וואָס בין איך פאַר אַ שרייבער? איך האָב נישט ליב קיין ווײַן. איך האָב נישט קיין גרויסע האָר. קוים אָנגעזאָפּטלט אַף מיין לאַנגער נאָז אַ פּאָר פּענסנע — פּאַלן זיי אויך אַראָפּ, ווילן זיך נישט האַלטן.

אַז מי פרעגט מיך:

— אַנטשולדיקט, און ווער זענט איר?

— איך? — זאָג איך — בין אַ ליבהאָבער פון אידיש...

— אַזוי? —

מי רוקט זיך צו צו מיר, מי געפינט, אַז איך בין אַ גאַנץ אינטערעסאַנט מענטשל. געלט האָב איך עפּעס?

— נישקאָשע.

— עפּשער וואָלט איך אַרויסגעגעבן אַ בוך מיט לידער פון... (ער דערמאָנט זיין אייגענעם נאָמען). מיילע, ער'ט זיך אַליין נישט לויבן. אַנדערע האָבן ליב זיך אַליין צו לויבן אין גיפּל אַריין. טאָמער שרייבט מען אַמאָל ווענן זיי אַ גוט-וואָרט, שניידן זיי דאָס אויס און באַהאַלטן עס. אָט האָט ער אַן אויסשניט פון... געשריבן פון... אים יאַרע... גיט אַכטונג ווי איר האַלט דאָס שטיקל פּאַפּיר... עס צעפּאַלט זיך, ווייל סי אַלט. ניין, איר מוזט אַ קוק טון, איר זאָלט אַזוי זיין געזונט!...

איך טראַכט: אָט דאָס זענען אידישע שרייבער? באַה!

איך גיב מיר דאָס וואָרט, אַז — קיין אידישער שרייבער וועל איך נישט ווערן, ווען איך זאָל אַפילע ווײסן —.

ס'האָט נישט געהאָלפן, און איך בין געוואָרן — וואָס איך בין געוואָרן.

:: :: ::

דערווייל האַלט איך־זשע וואו? באם „גאַזלען", מיט י. אַדלערן. די געשעפטן זענען שלעכט. איך פאַרדין זייער ווייניק, און פון מיין רעדאַקטערײַ האָב איך אויך קיין נאַכעס נישט. איך שלאָף שפּעט און כ'קום אין דרוקשאַפּ אַריין ערשט נאָכמיטיק. דערווייל האָט שוין אַדלער געלאָזט אויפזעצן זיינע פעליעטאָנען אין... גרויסער דרוקשריפט, און מיינע — אין פלויען־קסאַוו... איז מיר די זאַך פאַרדראָסיק. טראַכט איך: מיילע, לידער — יאָק לידער. אַז ער איז אַ גרויסער דיכטער, דאָס ווייסן אַלע. אָבער פּראָזע... אַפילע באַראַכאָוו אַליין האָט דאָך געזאָגט, אַז איך בין „עלעגאַנט". היינט אַז איך בין עלעגאַנט, טו פאַרוואָס־זשע קומט מיך צו דרוקן אין אַזאַ דריבנער שריפט?

איז דאָך דאָס געווען אַ האַרצווייטיק — יאָ? נעמט ער נאָך און שטעלט זיינע זאַכן פון אויבן און מיינע פון אונטן!

אַז י. אַדלער כאַפּט זי אַראָפּ עסן מיטאָג, נעם איך און שטעל אַליין איבער די ערשטע צוויי פעליעטאָנען: זיינס פון אונטן, מיינס — פון אויבן...

קומט ער קריק, מאַכט ער זיך נישט וויסנדיק, נאָר ער פּוצט זיך אויס די ברילן און זאָגט: „וואָס איז דאָס פאַר אַ גוטיאָר?" און ער שטעלט איבער: זיינס אויבן און מיינס — פון אונטן.

געווינען געווינט דער — וואָס בלייבט דער לעצטער אין דרוק־שאַפּ.

:: :: ::

יאָ, וועגן אים, ווי הייסט ער, וועגן קאַרלינען:

... די נשאָמע גייט אים אויס. ער וויל אָפּדרוקן זיין איבער־זעצונג פון פּאָ'ס „ראָב". און דאָ ווייס איך, אַז באַ אונדזערע שלעכטע געשעפטן (וואו צו יעדן נומער דערלייגט מען עפשער 100 דאָלאַר), איז אַ סאַקאָנע אָפּצודרוקן די „ראָב". איך האָב אַ כשאַד, אַז אַזוי גיך ווי קאַרלין דרוקט־אָפּ זיין איבערזעצונג וועט ער אַרויס־גיין פון געשעפט, און אונדז לאָזן אַליין מיט די כויוועס, און מיט די באַלע־כויוועס... און געווינג מאָל (גלויבט מיר) האָבן מיר געשטופּט די טאַטשקע מיט בלעטער צו דער פּאָסט, ווייל מיר האָבן נישט געהאַט קיין געלט צו דינגען אַ פור, און געווינג מאָל האָבן מיר זיך מויסער־נעפעש געווען פאַר דער... קונסט.

מאַכן מיר זיך ביידע רעדאַקטוירים קלאַי־יאָדע. און — דער אידישער „גאַזלען" וואַיעוועט דערווייל, אַף זיין קינדערישן שטייגער.

שטעכט מיט פּאַפּירענע שווערדלעך, באַמבידירעוועט מיט פייער־ווערקס...

איך קום אַרויס מיט אַ לייט־אַרטיקל, וואָס הייסט: „וואָס זאָלן מיר ווען?". דאַרט דערצייל איך, אַז אַ בלאַט האָבן מיר אַ גוטס, נאָר וואָדען? מיר וויסן נישט וואָס מיר זאָלן ווען. זאָלן מיר זיין ציוניסטיש, וועלן מיר פאַרלירן סאָציאַליסטישע לעזער... עלע ווידער זאָלן מיר זיין עפּעס אַנדערש, ווייסן מיר אויך נישט צי סי לוינט זיך... קומט אויס, סיידן מיר זאָלן זיין גאָרנישט. און דאָס קאָנען מיר אויך נישט. ווייל די קאָנקורענץ פון דעם „פאָרווערטס" איז צו גרויס...

אַזוי און ענלעכס — מיט גרינגע לונג־און־לעבערס, און קינ־דערשע הערצער...

איך זאָג, קלוימערשט, דעם עמעס אָף אַ שפּיצנאָגל — נאָר ווער זעט איס?

איך ווייס נאָך דעמאָלט נישט, אַז קעדיי דער עמעס זאָל געזען און געהערט ווערן מוז מען אים זאָגן מיט — פייער און פּלאַקער.

:: :: ::

אין „קונדעס" האָב איך אויסשטודירט — קימאַט אַ לונגענ־פּעלער. דער טאַטע פון דעם־אָ לונגענפּעלער איז געווען מיין „פריינט" יעקב מאַרינאָוו.

ער האָט מיר דער ערשטער געגעבן צו פילן דעם טאַם פון אַ אידישן רעדאַקטאָר.

איך געדענק: — טעג אַזוינע ביטערע. איך ווייס נישט ווי אַזוי איך האָב זיי איבערגעלעבט.

אָנגעקומען בין איך אין רעדאַקציע „קונדעס" פאַר אַ פּיד־שרייבער, אַן אַרויסהעלפער באַ שרייבעריי. אַזוי ווי איך האָב גע־קענט אַ לעק דייטש און אַ טרער ענגליש, בין איך געווען מעכויעוו אויסצוקראַצן פון ענגלישן „פּאָנטש" און פון דייטשן „סימפּליציסי־מוס" וויצלעך אַלערליי. „פּאָנטש", ווי איר ווייסט, איז טרוקן ווי אַן אַלטע מויד, „סימפּליציסימוס" איז פעט און נאַריש ווי אַ בירגערלעכע דייטשע טאָכטער, און פון דיביידע זאַכן (פון ענגלישן פּלאָם־פּודינג און דייטשע קלאָפּסן) האָב איך בידאַרפט מאַכן אידישע וויצנקניידלעך...

און מאַרינאָוון פאַר אַ באַלעבאָס!

אַליין אַ געוועזענער שמיד און דערנאָך שניידער־מייסטער, האָט

ער געמאָסטן ליטעראַטור מיט אַ צענטימעטער... ער האָט געהאַט אַ כּלל: „שווייצסטו — ביזטו, שווייצסטו נישט — ביזטו נישט". ער האָט געגלויבט, אַז וואָס מער שטעפּ מי ליינט אַריין אין דער „שטייפּ־לייוונט" פון ליטעראַטור, אַלץ בעסער קומט זי אַרויס. אַ גוטער שרייבער איז בײַ אים געווען איינער — וואָס אַז מי וועגט אים אָפּ נאָכן שרייבן, וועגט ער מיט 15 פונט ווייניקער ווי פריער...

און וואָס פאַרא אויסנוצער!

האָט ער אײַך בידאַרפט, האָט ער אײַך אַרויפגעזעצט אַ קרוין אויפן קאָפּ, אײַך פאַרזיכערט, אַז בײַ אים (אונטער זיינע הענט) וועט איר ווערן אַ צווייטער מאַרק טוועין, נאָר „מי דאַרף מאַכן נייע אַרנעדזשמענטס"...

האָט איר געאַרבעט פון שטיק און איר האָט פאַרדינט צופיל (אַ 15 דאָלאַר אַ וואָך), האָט ער געוואָלט איר זאָלט אַרבעטן פון דער וואָך. האָט איר געאַרבעט פון דער וואָך, האָט ער געשריגן, אַז איר מאַכט אים אומגליקלעך. איר צערייבט צופיל צייט מיט לייענען, און דאָס שרייבן איז בײַ אײַך גאָרנישט. „איר עסט ווי אַ פערד און איר גייט אַרום ווי אַ פייגעלע".

נאָך זיין מיינונג נאָך, וואָלט געווען בעסער עס זאָל זיין פאַרקערט: מי זאָל לייענען ווי אַ פייגעלע, און שרייבן ווי אַ פערד.

נאָך היינט (מיט 20 יאָר שפּעטער), אַז איך האַלט, אין שלאָף, די האַנט אויפן האַרץ, קומט מיר צו כּאַלעם די רעדאַקציע „קונדעס". מאַרינאָוו, מיט זיין שיינער, אַריבערגעקעמטער טשופּרינע, זיצט אויף אַ בענקל, די שלייקעס אַראָפּגעלאָזט, די פיס אויפן טיש. ער קייעט אַזוינע מינע הוסט־באָנבאָנעס, וואָס שמעקן ווי קאַמפער. ער שפּייט און שרייבט. שרייבט און שפּייט. ער שרייבט אָן עטלעכע ווערטער מיט גרויסע קאָטשערעס: „ביניאָמין איז געפאָרן קיין שיקאַגע". באַגיסט זיך מיט שווייס, צעקנייטשט דאָס שטיק פּאַפּיר אין זיין גרויסער פויסט, וואַרפט עס אַוועק אונטערן טיש. נעמט אין מויל אַריין אַ פרישע באָנבאָנקע, וואָס שמעקט מיט קאַמפער, שרייבט־אָן אויפס נייַ דעמזעלבן זאַץ... דערנאָך נעמט ער אויף פון אונטערן טיש דאָס צעקנייטשטע און אַוועקגעוואָרפענע שטיק פּאַפּיר, גלייכט עס אויס מיט דער לינקער זייט פון זיין גרויסער שער, שניידט אָפּ פון דאָרט דאָס ליידיקע שטיק, קלעפּט עס צו צום נייעם פּאַפּיר.

אַז ער איז פאַרטיק מיט דער ערשטער שורע, טראָגט ער אַרום אַ קאָמאַ אויפן שפּיץ פּען (ווי אַ יונג פייגעלע טראָגט אין מויל אַ ווערימל), ווייסט נישט וואו זי אָפּצולייגן. קען זיך קיין אייצע נישט

געבן. סאָף־קאָל־סאָף, שטעלט ער זי ערגעץ אָפּ. סי געפעלט אים אָבער נישט דאָס אָרט. מעקט ער עס אויס און — טראָגט עס ווייטער אין דער לופטן...

אין ווינקל בײַ אַ וואַנט־ברעט, וואָס איז ווי אַ געזימס פון אַ קאַמין, זיצן די קאַרטוניסטן: מאוד און לאַלאַ. מארינאָוו זאָגט: „איר ווילט הערן, כעוורע, וואָס איך האָב אָנגעשריבן?"

— מאהעירן! — מאכט מאוד ווי אַ בער און זײַנע גרויסע, שוואַרצע אויגנפּראַנדזן הויבן זיך אַפילע נישט אויף.

מארינאָוו לייענט:

„ביניאָמין איז געפאָרן קיין שיקאַגע".

מאוד גיט אַ ברום:

„ביניאָמין קיין שיקאַגע געפאָרן איז".

— ווי אַזוי האָסטו געזאָגט? — גיט מארינאָוו אַ פרעג און כאַפּט די פּען.

— „ביניאָמין קיין שיקאַגע איז געפאָרן".

מארינאָוו פאַרשרייבט און לייענט עס איבער.

„ביניאָמין קיין שיקאַגע איז געפאָרן."

— „שיקאַגע געפאָרן איז", — ברומט מאוד קימאַט ווי צו זיך אַליין.

— דענקסט, אַז אַזוי איז בעסער?

— איך דענק אַזוי.

— מאַפּריוון אָנשרייבן.

מארינאָוו נעמט ווידער די פּען, אַרבעט מיט איר מאַיסים, רייניקט איר ס׳פּיסקל, דערנאָך שרייבט ער אָן:

„ביניאָמען קיין שיקאַגע איז געפאָרן".

— איך דענק, אַז דאָס ערשטע מאָל האָט עס געקלונגען בעסער!

— וואַרפט אַרײַן מאוד, און מעקט עפּעס אָפּ זײַן צייכענונג, מיט אַ גרויסן, רויטן מעקער, וואָס זעט אויס ווי די צונג פון אַ לײַב...

— ווי אַזוי איז געווען ס׳ערשטע מאָל? כ׳געדענק שוין נישט. דו קענסט דיך דערמאָנען, מאוד?

— יאָ. „קיין שיקאַגע געפאָרן איז ביניאָמין"...

צען מאָל, צוואַנציק מאָל, שרייבט מארינאָוו איבער אַ שורע, קוועטשט פון איר ס׳לעבן און ס׳געזונט אַרויס. אַ שוויים שלאָגט, פון יעדן וואָרט גייט אַ פּאַרע.

מיך מוטשעט ער קעסיידער:

— דו שרייבסט צו גרינג — הוהא, פלי... פלא! וואס האסטו קיין צייט נישט?

איך בין שטיל ווי א פליג, פארשעמט ווי א כאסן־באכער. איך האב אט־ערשט פארליבט זיך אין א מיידל, וואס איז ליבטיק ווי די זון. איך דארף איר ווייזן, אז איך טויג מיך אף צו פארדינען ברויט, אז נישט איז מיין וועלט קיין וועלט נישט. מארינאוו ווייסט דאס, פייניקט ער מיך מיט „ארענדזשמענטס", הייסט מיר צען מאל איבערשרייבן א זאך. לערנט מיך ווי אזוי... הייסט מיר נעמען פאר א מוסטער דעם דייטשן לעץ סאפיר, וואס איך האב אים אזוי פיינט.

די רעדאקציע פון „קונדעס" פארנעמט עטלעכע סעפאראטע צימערן. אין איינעם פון זיי שליסט מיך מארינאוו איין, צו זיין באווארנט, אז איך וועל מיך נישט ארויסכאפן. אז איכ'ל ארבעטן ווי סי קער צו זיין...

איך זיץ אין דעם צימערל א פארשלאסענער, ווי א קרימינאלניק, און איך פריף זיין אזוי וויציק ווי מעגלעך...

איך קום ארויס פארנאכט א מידער, א דערהארגעטער, און לייען־פאר מיין מידע, דערהארגעטע הומארעסקע. איך האב שוין אנגעגרייט מאוד'ן אדער י. אדלער'ן, מ'זאל לאכן!...

אבער נישט אלעמאל איז זיי גרינג אפן הארץ, זיי זאלן קענען לאכן. און אמאל איז צו שפעט און זיי זענען שוין נישטא... דעמאלט מוז איך ארומבינדן מיינע „שאפונגען" מיט א גומענדל און זיי נעמען מיט זיך אהיים — אף צו פארריכטן.

מיט דער צייט אבער געפין איך מיר אן אייצע. איך ברענג מיינע פעליעטאנען פארטיק אנגעשריבן. אז מארינאוו שליסט מיך איין אין דעם סעפעראטן צימער, פארקייטל איך מיך פון אינעווייניק און לייג מיך שלאפן...

אז מי קלאפט אין טיר, כאפ איך מיר אויף, קריך ארויס א מידער, א פארשוויצטער, כ'פאך אף מיר מיט דער האנט און כ'זאג:

— אבער האב איך מיך היינט אנגעארבעט!

— אויב דו האסט געארבעט איז גוט! — מאכט מארינאוו. — אנו, גיב א לייען, וועלן מיר הערן.

איך לייען. ער עסט הוסט־צוקערקעס, וואס שמעקן ווי קאמפער, ציט זיך די שלייקעס און מאכט:

— 'שקאשע... מי קען עפעס מאכן דאפון. ס'פעלט סמעקאלקע. מ'דארף איבערשיטן...

צומארגנס „שיטן" מיר עס שוין איבער זאלבעצווייט: איך

און מארינאָוו. ער לייענט פון מיין קסאַוויאַד און איך שרייב. אמאָל וואַרפט ער אריין אַ וואָרט, בעסערט אוים אָדער מאַכט ערגער. דער סאָף פון דער מאַיסע איז, אַז מיר זענען קימאַט שוטפים צום גע־שעפט... מיר אַ האַלבן לאַבערקראַנץ, אים — אַ האַלבן...

בעאיים ער שטעכט צעגויף די בלעטלעך מיט אַ שפּילקע, וואָס ער לייגט צום ערשטן אין מויל אריין, מאַכט ער:

— אַז מיר נעמען עס אין דער האַנט אריין, ווערט דאָפּון עפּעס... שרייב: „ביניאַמין איז געפּאָרן קיין שיקאַגע".

— „... שיקאַגע געפּאָרן איז" — ברומט אריין פון ווינקל מאָוד.

— האַ? וואָס האָט ער געזאָגט? — מאַכט מאַרינאָוו. — „קיין שיקאַגע געפּאָרן איז"... איז טאַקע בעסער...

:: :: ::

פונדעסטוועגן קום איך מיט אים אוים — מיט דעם מאַרינאָוו'ן.

ס'איז דאָ אין אים אַקשאָנעס, גלויבן און ווילן. נאָר ווי אַלע שוסטער וואָס אַרבעטן באַ שניידעריי, פאַרבייט ער זיידפּעדים אַף דראַטווע. און אַז ער כאַפּט זיך אינעם טאָעס, שרייט ער, אַז דראַטווע איז ביכלאַל נישט גוט, און אַז שיך דאַרף מען אויך נייען מיט זייד...

פאַר יעדן נייעם און זאַפּטיקן וואָרט דאַרף איך מיך מיט אים שלאָגן אַף טויט. מיינע לאַכנדיקע געדאַנקען רינט בלוט פון די אויגן, מיינע נייע פיינע ווערטער, מיינע „גאַנגלאַמאַרינס" זענען שיפּן אָפּן וואַסער, וואָס קומען נישט קריק... מאַרינאָוו'ס האַרטע האַנט לייגט זיך אַרויף אַף מיין דעליקאַטן מאַנוסקריפּט, און ווערטער פאַלן געקוילעטע, זאַצן ווערן פאַרדאַרבן... דער פרישער צווייט אַף עקזאָטישע בלעטלעך — וויאַנעט אונטערן שאָטן פון זיין דאַלאָניע.

:: :: ::

עטלעכע טאָג נאָך מיין כאַסענע.

איך וואוין אין אַטוירני סטריט, אָפּן פערטן שטאָק. — מאַרינאָוו וואוינט נישט ווייט פון מיר.

אינדערפרי (אַמאָל פאַרטאָג) — קלינגט שוין אונטן ס'גלעקל, אַ הויך, פעסט קאָל שרייט אַרויף:

— העי, רייז!

איך שטעל אַרוים אַ צעשויבערטע קאָפּ דורכן פענצטער. איך

זע מארינאָוו'ן. א געזונטער, א רואיקער, מיט ציישונגען אונטערן אָרעם — ער רופט מיך צו דער ארבעט.

— מי דאַרף נאָך היינט פעדער־שפּריצן... איר'ט באַלד קומען?

— באַלד!

— פאַרגעסט נישט!

באַנאַכט גיט ער מיר אהיים ארבעט. איך זאָל נישט זיצן ליידיק.

— נעמט מיט אביסל „פּאַנטשעס" מיט „וואהרע יאַקאָבס" — גיט דאָרטן א „פורקע" און מאַכט מיר א „זאַלץ־און־פעפער".

און אז ס'איז שוין גאָר גוט — קומט ערשט צופאָרן א גאַסט פון אייראָפּע, מאַכט שוין מ. מיט מיר „נייע אראַנדזשמענטס".

יעדער גרויסער מענטש וואָס קומט פון „יוראָפּ" — מעג ער זיך האָבן געמאַכט זיין נאָמען ווי א וויסנשאַפטלער, אָדער א ראַביי, אָדער א ביציקלעט־פאָרער, אָדער א שטערנזעער, גיט זיך מ. נאָך אים א לאָז, באַשטעלט אים ער זאָל שרייבן „פעדערשפּריצן„ פאַרן „קונדעס"...

טאָמער קען איינער נישט שרייבן, זעצט מען צו אים צו א מענטשן (מיך, אָדער אַן אנדער שלימאַזל). דער גאַסט רויכערט א גוטן קובי־ציגאַר, קעמט זיך די וואָנצעס, און... מיר שרייבן. דערנאָך הייסט עס:

— וואָדען, די יוראָפּישע שרייבערס קענען טאַקע! מיר זענען פאַרכעס.

— יעס־סיר — ברומט מאוד אריין אַף זיין ענגליש. — עני טאַים...

פאַר אזא וואָרט ווערט מאַרינאָוו ברויגעז, און נעמט זיך טשעפּען צו מאודס קאַרטונען. ער געפינט, אז סי פעלן קנעפּלעך אַף די געצייכנטע בגאָדים. ער הייסט מאוד'ן צו־צייכענען די קנעפּ. מאוד „נייעט־אָן" די קנעפּלעך ערגעץ אַף אַן אויער... עס הויבט זיך אָן א מילכאָמע צווישן די צוויי. עס קומט שיער צו מעסער־שטעך. מי זידלט זיך ווי די ערגסטע.

איך גיי אהיים א פאַרביטערטער און איך טראַכט:

„איך וועל שטיינער האַקן, איך וועל קאַנאַלן רייניקן, נאָר קיין שרייבער וועל איך נישט זיין".

נאָר אז איך קום אהיים און גיב א קוק אַף דער שיינער, יונגער פרוי, וואָס דרייט זיך דאָ ארום, ווערט מיין געמיט נידריק. איך האָב כאַראָטע אַף מיין פּלאַן צו גיין גראָבן קאַנאַלן.

ווי קען איך מיר קאָליע מאַכן די הענט, וואָס דאַרפן גלעטן אַזוינע לעבעדיקע צעפּ?

און צי וועט זי מיך דען ליב האָבן, אַז אָנשטאָט מיט טינט וועל איך שמעקן מיט... שוואַרצער אַרבעט?

אינדערפרי קלינגט ווידער מיין גלעקל. איך שטעק אַרויס דעם קאָפּ און כ'זאָג צו מאַרינאָוו'ן:

— איך קום שוין, מר. מאַרינאָוו, — איך קום שוין!

עפּילאָג

43 יאָר שוין אָפּגערונען
פון מיין יונגן לעבן.
ווען איך זאָל זיי איצט האָבן קאַריק,
וואָלט עפּעס אַנדערש געווען.

מיין פעטער איציק איז געשטאָרבן אַן עלענדער אין אַ ווינער שפּיטאָל. קיין נאַראַיעוו זענען געקומען אַ פּעקל קסאָווים (אויף דייטש), איינגעפּאַקט אין אַ לײדיקן טפילין־זאַק.

איך האָב אַ טייל איבערזעצט. אָט זענען זיי:

קיין שום מענטש לעבט נישט לאַנג. ער לעבט נאָר אַ סאַך מאָל, אָדער ווינציק מאָל.

ביז 12־13 יאָר און דאָס גאַנצע לעבן דורכגעלעבט.

דערנאָך לעבט מען עס איבער אַפּיסניי.

דו קענסט צען מאָל איבערלעבן דאָסזעלבע לעבן — אָבער דאָס איז נישט ווייטער־לעבן, נאָר אַ נאָכאַמאָל־לעבן.

אַזויפיל און אַזויפיל מאָל דרייט זיך דער מענטש אַרום אין דעם צירקל פון דיזעלבע סענטימענטן, דיזעלבע זעל־דערלעבענישן — ווערט דיר אַלעמאָל די צייט קערצער.

אויף אַ נייעם וועג, אַז דו הויבסט אָן צו גיין, דאַכט זיך דיר אויס, אַז ער איז ווייט. גייסט אויף דעמזעלבן וועג עטלעכע מאָל, ווערט ער מיט יעדן מאָל קלענער.

דו קאָנסט שוין יעדן בוים אויפן וועג, יעדעם שטיינדל, יעדן טעלעגראַף־שטאַנג.

אין דער יוגנט זענען די טעג גרויס, די זמאַנים — אָן אַ שיעור לאַנג און וואונדערלעך.

אום ווינטער איז דער זומער אַזוי ווייט — גאָרנישט צו דער־גרייכן. דו כאָלעמסט פון גרינעם גראָז, פון שמעקעדיקע בערג, פון אַ האָריקער אַגרעס, פון אַ לענגלעכער פלוים, פייכט מיט ראָסע, פון דעם ריטמישן קייען פון בעהיימע־באַקן, פון קילע שאָטנס, וואָס טאַשמען־אַרום אַ וואַרימע ערד.

זומער — בענקסטו נאָך דעם ווייטן־ווייטן ווינטער, נאָך די זינגעוודיקע זאַווערוכעס, נאָך די בלישטשיקע אייז־שרויפן, וואָס הענ־גען פון די דעכער אַראָפּ. נאָך די הימלען, וואָס זענען ווי איבער־

געקערטע שאָלן, נאָך די לאַנגע שאָטנס אַף וועגן פאַרשנייטע, נאָך דער ליכטיקער שאַרפקייט פון אַ שליטן־סקריפּ... נאָך דעם טאַאָם פון געפרוירענע צוגעלעגערטע בארן.

היינט איז פונעם ווינטער ביזן זומער — אַ שפּרונג וועגס, נישט מער. אָט דאָ איז ווינטער און דאָרטן איז זומער... דאָ איז ווייס, דאָרט אין גרין. דאָ איז כמימעדיקע היץ, דאָרט — שווערע קעלט. דאָ זענען פליגן, וואָס דאָקוטשן, דאָס זענען ווינטערביילן, און לעכער אויסגעברענט אין די זאָקן, פון וואַרעמן די פיס אין דער ריבע...

:: :: ::

איינער גייט אַהיים מיטן גלייכן וועג, מיטן קייזערשטראָז, און איינער גייט־אהיים איבער די פעלדער.

איבער די פעלדער איז דער וועג קערצער, אָבער — שווערער.

איבער דעם שטראָז איז דער וועג לענגער, דאַפאַר אָבער אָן שום שטרויכלונגען.

ביידע וועגן פירן צום סאָף.

באַם סאָף איז קיין כילוק נישט.

דער, וואָס איז איבער די פעלדער און האַרטע פלאַנצן געגאַנגען, איבער פלויטן געשפּרונגען, איבער וואַסערן געהיפּערט — דעם זענען די קליידער צעריסן, די הענט צעבלוטיקט, אָבער דאָס פּאָנים איז פריש מיט ווינט און מיט מי. דאָס האַרץ קלאַפּט ווי אַ ליד.

דער וואָס איז איבער דעם קייזער־וועג געגאַנגען, דער איז גע־גאַנגען מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, ווייל אַף גאָרנישט האָט ער געוואַרט, און גאָרנישט האָט ער באַגעגנט, אַ חוץ אַלטע שטיינצייכנס אַפן וועג, און טאַבליצעס הילצערנע מיט הענט, וואָס זענען פאַר־פוילט און ווייזן אַהין, אַהין.

באַנאַכט בלישטשן אַף די פעלדער — געפאָרן ליכטיקע, זומפּן פאַרפירערישע לעווענע־דיאַגראַמעס אַף וואַסערן.

אַף די קייזערשטראָזן ווינקט בלויז דאָס צעפוילטקייט פון אַלטע איין־פינגערדיקע הענט, פון אַלטן האָלץ.

:: :: ::

און אַז דו ביזט 6 מאָל אַרומגעגאַנגען דעם קליינעם ראָד־צייכן פון דעם מענטשנס לעבן, וואָס האָסטו אויסגעלערנט מיין ברודער?
דו האָסט אויסגעלערנט, אַז פייער בריט, אַז וואַסער — לעשט.

אז די זון קען מען אין דער זשמעניע אריין נישט נעמען, אז נאך יעדן צווייפיסיקן שאטן מוז נאכגיין א מענטש, ווייל שאטנס האבן מוירע צו גיין אליין — ווען די זון איז אפן הימל, אדער די לעוואנע...

נאר אין פינצטערניש זענען שאטנס נישט איינזאם. — זייערס איז דאמאלט די וועלט, די רו וואס שפראצט פון דער נאכט ארויס.

זעקס מאל, מיין ברודער, גייסטו־ארום זיך אליין, ווילסט דיך טיפער אין די אומזעכטיקע פעדים פון דיין זעל ארייננפעסטן, זיך באווארענען מיט א שפינוועבישן פלויט, ארום די צעשטעלטע פונקן, וואס בלישטשן — א פונק אף הונדערט מייל.

:: :: ::

גייט איינער צוליבן אנקומען, גייט דער אנדערער צוליבן — גיין.

דער וואס גייט צוליבן אנקומען — דער דערגייט נישט. דער וואס גייט צוליבן גיין, דער קומט־אן.

דאסזעלבע קאן מען זאגן פארקערט אויך!

ביידע זייטן פון אט־דעם כאכמע־מעדאל זענען פון גאלד!

נעם־מיט, ברודער מיינער, אף דיין וויטן וועג, א פלייט געמאכט פון ברוינעם סטעלניק: שפיל אף דיין וואקס־האניק־פלייט אזוי לאנג ווי דאס לעבן איז יונג. וויבאלד דער טאם פון לעבן הויבט־אן זויער־ווערן אין דיין מויל, הער־אויף שפילן. נעם קייען דיין פלייט, שטאט צו שפילן אף אים, וועט דיר אין גומען זיס־ווערן.

ווארים, קיין שום פייער איז נישט יונגער, ווי די האנט וואס לעשט אויס. — אפילע ווען דאס פייער איז א מיליאן יאר אלט, און די האנט — א טאג.

יעדער געבורט, מיין ברודער, איז א וויטערגעשפין פון אלט־קייט, נישט פון יוגנט.

דאס אייניקל איז עלטער פונעם זיידן, דער פאטער — יונגער פונעם זון.

ווארין נישט דער מענטש ווערט געבוירן פון דער צייט, נאר די צייט ווערט געבוירן פונעם מענטשן.

:: :: ::

מיין פעטער איציקס בריוו האבן געהאט א לאנגן אויסשטראל אף מיין לעבן, אן זיי וואלט איך עפשער היינט נישט געזאגט:

איך האב א סאך געשריבן אין „איך־סטיל", — ווייסט איר פארוואס? ווייל איך איז בא מיר א באשיידענערע פורם, ווי ער.

איך טראכט קימאט קיינמאל נישט וועגן זיך ווי „איך" — נאר „ער" — ער, מוישע נאדיר.

וועראיז ער אזוינס דער מוישע נאדיר? וואס וויל ער פון מיר? וואס פייניקט ער מיין געמיט? וואס פארדארבט ער מיר מיין פרייד?

איינמאל, נאך א לאנגן, קראנקזיין, בין איך פונעם בעט אויפ־געשטאנען, האב איך פארכידעשט געטאפט די פינגער פון מיינע הענט, די קנעבלען פון מיינע פיס, געהערט ווי דיי שלייפן קלאפן און געטראכט מיט טיפן וואונדער: ער! ער! ער לעבט... איצט וועל איך אים קענען נאכגיין און אויסהערן און אויספארשן. אז מ'וועט אים איבערפארן און ער וועט א געשריי טון הינטער די רעדער פון א לאקאמאטיף, וועל איך דעם געשריי געדענקען, דערנאך אים באַ־נוצן פאר מיין בוך.

איך האב שיעור געזאגט „פאר מיין קונסט", נאר ער האט זיך אריינגעמישט און עס צענישט־געמאכט:

דו, גלויבסט שוין אויך אין קונסט, אזוי ווי ער? דו שטארב־שטאפיקער, דו מענטש?

איך האב אים אויסגעזידלט ווי דעם ערגסטן.

:: :: ::

הערט אוים איר אלע און ווייסט:

איך בין א סאך פרעמדער צו מיר, ווי צו אייך, און ווען איך שרייב וועגן זיך, וועגן מיר, איז עס וועגן א צווייטער פערזאן, וואס באדינט אים!

:: :: ::

איך ציטיר ווייטער פון מיין פעטער איציקס לעצטע בריוו, וואס איך האב ארויסגענומען פון זיין לייריקן טפילן־זאק:

וואויל איז צו דעם בלינדן. — ער זעט אלצדינג!

האב איך א סאך אויגן זיינען אלע אף איין זייט. די יענע־זייט פון מיר־זעלבסט בלייבט בלינד.

ווי איז צו דעם זעעוודיקן — ער זעט בלויז מיט די אויגן, אזוי ווייט ווי די אויגן גרייכן.

דאס איז ווינציק.

דער בלינדער אבער זעט מיט די שפיץ פינגער, מיטן בויך, מיטן אויער־לעפל, און ער זעט אזוי ווייט ווי זיין בלינדקייט גרייכט.

דאָס איז אַסאַך.

:: :: ::

פון מיר צו דיר:

אין סי־געיט רוישט דער יאַם. ברענגט קלעצער צעטראָגן, אָפּ־פאַל. שלייפּט־אויס קופּעס מיט זאַמד, ווי מעטשעטן פאַר ערד־ווערים, גיסט־אויס זיין שוים און זיין שטאָרעם, ווערט נאַריש און רואיק, ווי אַ גאַזלען, וואָס ליגט צאַרט לעבן זיין קינד, נאָכדעם ווי ער האָט אַ מענטש אומגעבראַכט.

פון מיין צימער קוק איך — דורך דער גאַניק־טיר צו יאַם אַרויס, שרעק מיך פאַר אים, ווי פאַר אַ געליבטער וואָס דו ווייסט, אַז אין אירע אָרעמס וועסטו שטאַרבן.

מענטשן זאָגן — —

מיך וואָלט דער יאַם פאַר אַ פאַטאַליסט געמאַכט, ווען נישט דאָס שמעקנדיקע דאָרנקישן פון מענטש־גלויבן, וואָס איך האָב מיר צוקאָפּנס געלייגט, קעדיי עס זאָל מיך נישט לאָזן שלאָפן.

מיט מענטש־אמונה האָב איך מיינע לענדן אַרומגעגורט, און קעדיי נישט אַף דעם „זיסן ריטם פון מענטשלעכקייט" אַנטשלאָפן צו ווערן, האָב איך אַ קנופּ געמאַכט, אַף דער זייט וואו די ריפּן זענען, אונטערן האַרץ...

היינט איז ווינטער. (אַ מילדער ווינטער אין צאָפן אַמעריקע) גייען אַפן זאַמד אַרום האָלצזוכערס און זאַמד־זיפּערס. דער האָלצ־זוכער — כאָטש ער זאַמלט בלויז פייער־קלעצער פאַר די סי־געיטער הייץ־סיסטעמען, כאָלעמט ער דאָך, אַז דער יאַם וועט אים היינט־מאָרגן אַ פּיאַנאָ צוטראָגן־ברייינגען, פאַר זיין שיין, קראַנק, מוזיקאַליש טעכטערל.

און דעם זאַמדזיפּער מעגט איר זען.

ווי ער שטייט אין די ווינט־קאַלטע טעג מיט דער זיפּ און זיפּט דאָס זאַמד. עפּשער וועט ער געפינען אַ פאַרלוירן שטיקל גאָלד, אַ שטיקל זילבער. אַזויפיל מענטשן באָדן זיך דאָ דורכן זומער. אַזוי־פיל פאָרלעך וואַלגערן זיך דורך די נעכט אַפן זאַמד, איז דען גע־מאָלט, אַז עמיצער זאָל אין די גאָלדענע פיבערמינוטן, אַ זילבער־נעם דאָלאַר נישט פאַרלירן, אַן אוירינגל, אַ גאָלדענעם זייגער, אַ זילבערנע האָרנאָדל?

אָך, דו נאַר! די, וואָס האָבן גאָלד צו פאַרלירן, באַשלאָפן זייערע געליבטע נישט אַפן הוילן זאַמד. די אַנדערע ווידער — נו,

יאָ. ווען דו זאָלסט קענען פון „פּאַרלוירענע אומשולדס" געלד אויס־שמידן! די ראָמאַנשרייבער ווילן דאָך האָבן, אַז „פרויענערע" איז ווי איידלגאָלד אַזוי טייער...

דער זיפער זיפט דאָס זאַמד, זיין נאָז איז בלאָ, אַ טראָפּן שטייט צישן נאָז און ליפּ. ער טענצלט־אונטער פון קעלט. ער גראָבט און זיפּט. אַזוי שטונדן־לאַנג. ער ווערט נישט מיד. יעדעס מאָל וואָס ער פילט אָן די זיפּ מיט אויסגעגראָבענעם, ווערן זיינע דערהאַרגעטע אויגן העל, און יעדעס מאָל וואָס ער שיט־אויס די לעצטע פונקן זאַמד, ווערט זיין געמיט פאַרלאָשן אויף אַ רעגע — בלויז אויף אַ רעגע, ביז אַ נייע לאָפּעטע זאַמד פאַלט אין זיפּ אריין, אַ נייע האָפנונג.

וויפיל גלויבן דאַרף אַ מענטש האָבן אין דער וועלט, אינעם לעבן, אינעם צופאַל צו שטיין אין קאַלטן ווינט פונעם יאַם און זיפּן דאָס קאַלטע זאַמד, אין אַזאַ הינטישן טאָג ווי היינט, ווען דער הימל איז פול מיט גרודעס אייז און די זון קוקט ווי אַ נייגעבוירן געל, ציטעריק הינדל, אַפילו פון איר קאַלטער באַהעלטעניש!

:: :: ::

און ווידער רעדט מיין פעטער איציק: (פון דער ווייטער שטאָט וויען, וואו ער ליגט אויף דעם שטאָטישן בייס־אוילאָם):

וואויל איז צו די, וואָס גייען גלייך, פאַר וועמען עס איז קיין שום וואַנט נישטאָ. אַזוי לאַנג ווי די אייגענע נאָז שלאָגט זיך נישט אָן אין איר.

אַזוי וואויל איז צו די בלינדע — זיי גייען גלייך און פאַלן בלויז איבער שוועלן און ווייקשעפלעך.

איך אַליין הויב מיינע פיס הויך איבער אַ שטרוי, וואָס ליגט אויף דער ערד, — גלייך עס וואָלט געווען אַ באַרג.

ס'איז גענוג איך זאָל זען אַ פאָדעם אויף דער ערד, אַז מיין אינטעליגענטער פוס (פון די אַמאָליקע יאָרן!) זאָל דערפילן אַז עפּעס איז אים אין וועג, און ער זאָל דעם מוט אָנווערן.

אַנדערע מענטשן, אַז זיי קלעטערן אויף אַ באַרג, קוקן זיי בלויז אַ ביסל אַרויף, גענוג דעם וועג צו געפינען צום שפּיץ. איך, אָבער, בליק שטענדיק אַרויף צום סאַמע שפּיץ אַרויף, נעמט מיר דאָס האַרץ שוואַכן, דער קאָפּ פאַרדרייט זיך מיר. איך ווער־אָן די ערד אונטער מיר — איך נעם זיך קויקלען באַרג־אַראָפּ, וואו מיין האָפנונג ליגט שוין און וואַרט מיט אַ געבראָכענעם האַלדזינאַקן.

יאָ, אַז וואויל איז צו דעם בלינדען, ער זעט — אַלצדינג!

:: :: ::

פונדעסטוועגן: (דאָ שרייב איך שוין אליין).

אז דער בלינדער ווערט א פירער און נעמט פירן!

איך האָב אזא איינעם געקענט. א קונסט־בלינדער אַף ביידע אויגן. נאָר בלינדערהייט פלעגט ער, מיט דער הילף פון זיין שטעקן, טרעפן דעם וועג אריבערצוגיין — דורך די גרעסטע געפאַרן.

פלעג איך אים טרעפן, אַף בראָדוויי און 42טער, הערן ווי ער קלאַפּט מיטן שטעקן און אַלע קוקן זיך אום, מאַכן א וועג פאַר אים. האָט מיר דאָס האַרץ געוויינט פון טרויער און וואונדער.

נאָר אַז איך האָב (מיט עטלעכע יאָר שפּעטער) דערזען דעם־זעלבן בלינדען, ווי ער שפּאַנט איבער די ברייטע גאַסן פון אונזער ליטעראַטור, מיט צעפּלאַכטענע פּאַלעס, צעשויבערטע האָר, דעם שטעקן אין דער הויך, ווי א קאַפּעלמייסטער, און נאָך אים גייען־נאָך א פּאָר צענדליק שרייבער, אָנגעפּירט פון זיין שטעקן, און זיינע בלינדע טריט, האָט מיך אָנגעכאַפּט א כיישעק אים אָנצופּלעמען די פּיסקעס, ארויסכאַפּן דעם שטעקן פון זיין בלינדער האַנט און אים זאָגן:

— שווינדלער!

איז ער אָבער א בלינדער און א מיסטיקער. דערלאָזט נישט דאָס שטיקל נעשאָמע אַזא איינעם שלעכטס צו טון. שטיי איך און קוק אים נאָך, הער דאָס געזאַנג פון די קינדער, וואָס לאָזן זיך פירן פון א בלינדן און טרערן זענען אַף א שפּיץ פון מיין פינגער.

איך בעט שטילערהייט:

— גאָט יעהאָוואַ, אָדער יעזוס, אָדער ווי דו הייסט דאָרטן, צום גוטן יאָר, הייל אויס די אויגן דעם בלינדן קונסט־פירער, קעדיי איך זאָל ניט דאַרפן מער קיין ראַכמאָנעס האָבן אַף אים און איך זאָל אים קענען ארומפּאַטשן.

:: :: ::

מיין פעטער איציק פלעגט צו מיר זאָגן, מיט זיין וויענער מעליצע:

„פאַרוואַרף דיינע בריקן אַף דער שמאָלסטער זייט פונעם טייך!

— פאַרשטייסט וואָס מען רעדט צו דיר? הער דיר אויף צו דליבן און אויער מיט א שוועבעלע, ועסטיר אָנמאַכן א צאָרע! זוך דיר דיין טאַכלעס אַף אזא שמאָלן וועג ווי מעגלעך, זוך דיר נישט קיין

נאָמען אין דער ווייטער וועלט, נאָר זוך דיר אַ שטיקל ברויט אין דער גאָענטער שטאָט. גרויס איז קיינער נישט. מיין קינד, אַבוּץ דער וואָס שטעלט זיך אַרויף אַף פרעמדע מענטשנס אַקסלען. שטיי נישט אַף קיין פרעמדע אַקסלען און לאָז נישט קיין פרעמדע פיס שטיין אַף דיינע!"

האָב איך דען מיין פעטער איציקס לערן אויסגעפאָלגט? דער פעטער איציק אַליין (אַזוי ווייט ווי מיר איז באַקאַנט) האָט זיינע בריקן אויפגעצויגן איבער די ווייטסטע ברעגן פון די טייכן! איז גע־שטאָרבן איינזאַם אין אַ ווינער שפּיטאָל, האָט אין „בענקעניש נאָך שיינקייט" זיך דאָס האַרץ אויסגעשניטן, און עס אַף אַ פּורים־פאָן אויפגעהאַנגען.

פון מיין פעטער איציק איז געבליבן אַ פעקל בריוו, אַרומגע־בונדן מיט אַ לולעוו־רינגל. אַ לאָק פון זיין רויטער באָרד, וואָס איך האָב געפונען אין אַן אַלטן מעדאַליאָן פון מיין „ווינער טאַנטע" (די מיט די ברונעלענע שיכלעך און מיט דער גרויסער שוואַרצער מוף, אויב איר געדענקט! באַ צוועלף יאָר האָב איך אינדערזעלבער מוף געוואַרעמט מיינע פיס אום ווינטער, בעאיים מיר האָבן גע־וואוינט אין מוישע־בען־מוישעס „שלאָם־כורבע", נאָכדעם ווי אונזער שטוב איז אַוועקגעפלויגן מיט דעם שיינעם, גאָלדענעם פייער, וואָס איך אַנומעלט באַשריבן אין אַ פאָעמע).

און איך, וואָס זיץ דאָ אין סי־גענט אַפן גאַניק אַ נישט־געזונטער, אין באַרכענעם כאַלאַט, אין קאַלטע שיך, ציטער פון קעלט און שרייב די־אָ ווערטער, בעאיים אַ שניי־רעגן שפּריצט מיר אַפן פּאָנים. איך פאַרוואַרף אויך מיינע בריקן אַף דאָרטן, וואו דאָס וואַסער איז צום ווייטסטן!

פּאַרוואָר: דאָס „צוזעגעזאָגטע לאַנד" איז נישט פאַר איינעם, וואָס בויט זיינע בריקן איבער דער ווייטסטער זייט פון אַ טייך. אָבער אין בויען אַליין ליגט שוין דאָס גליק!

:: :: ::

„נאַדיר איז ראַפינירט".

ב. באַראַכאָוו האָט ער דער ערשטער געזאָגט, — די אַנדערע פעדערפּאַפּוגעס שנאַטערן עס אויס, פון די רעדאַקציעס וואו זייערע שטייגן הענגען.

וואַזשנע פּאַפּוגעס, מיט געבווירענע האָרנברילן אַף די אויגן! איינער זאָגט, הונדערט זאָגן נאָך:

רייזן? — אן ארעמאנסקע דיכטער. יהואש? — א דענקער. מענדעלי — א שטראפער. פרץ — א זאגער. שלום־עליכם — גע־לעכטער דורך טרערן.

בערגעלסאן איז געווען דער אידישער קנוט האמסון, ביז איך האב אין מיינע ליטעראטור־נאטיצן אנגעוויזן, אז ער שרייבט בלויז יעדעם פיפטע ווארט (די ערשטע פיר ווערטער שרייבט ער אינגאנצן נישט). פון דעמאלט־אן איז ער בא די נויארקער קריטיקער דער „שפראך־עקאנאם", דער „עסענציסט", ו"כו.

אל־פי ליטעראטור־סייכל האט א שרייבער באדארפט שטארבן אזוי גיך ווי ער שרייבט־אן זיין ערשט בוך און לעבעדיק ווערן מיט 500 יאר שפעטער, קעדיי צו וויסן ווי עס האלט מיט אים, און צי האט ער טאלאנט...

„די צייט וועט באווייזן"!

די צייט — די פארשיווע מערדערקע! אין אירע הענט זאל איך מיין גוטן נאמען פארטרויען!...

:: :: ::

ב. באראכאוו האט דער ערשטער אף מיר אנגעקלעפט א סיג־נאטורע: „א ראפינירטער"..

פון דעמאלט אן בין איך „א ראפינירטער ווארט־קינסטלער"!

כאטש איך געדענק שוין נישט דאס יאר ווען איך געשריבן „פיין" און די ווארט־קונסט? פונקט ווי א געיאגטע כאיע שפרינגט נישט איבערן פלויט צוליבן שפרינגען, נאר קעדיי צו זיין אף יענער זייט, אזוי נוץ איך ווערטער, בלויז קעדיי זיי איבערצוקומען וואס שנעלער, קעדיי צו זיין אף דער אנדערער זייט פון די ווערטער.

:: :: ::

איך האב קיינמאל נישט געקענט פארשטיין פארוואס גרויסע פידל־קינסטלער שפילן שטענדיק אף אלטע, מיאוסע פידלען.

איך האב געטראכט:

צו שפילן שיין און פריש אף א שיינעם און פרישן פידל איז דאך שענער ווי צו שפילן אף א פידל פון אלטן און אויסגעוועפטן האלץ.

איך האב געטראכט:

צי וועט דען דער דופט פונעם פידל פארמינערן דעם פידלס קלאנג?

(מיין ליבער קריטיקער: א פידל קאָן דאָך אי שמעקן וואַלד און אויסשפּילן וואַלד!).

אַזוי האָב איך געטראַכט אַמאָל — מיט יאָרן צוריק.

אָבער איך האָב אַ טאָעס געהאַט.

ווען אַ קריטיקער זעט — הערט ער נישט. ווען ער הערט — קען ער נישט ריכן מיט דער נאָז.

האָט מיינער אַ באַקענטער אַף אַ גאָלדענעם פידל געשפּילט. פון די אָרעמע שפּאָר־גראָשנס וואָס זיין מאַמע האָט אים געגעבן אַף מיטאָג, האָט ער אַלטע רענדלעך געקויפט. די רענדלעך אויסגעגאָסן אין זיינס אַן אייגענעם פאָרעם. ווען ער האָט דאָס פאָרעם־האַלז צענעמען און דריי באַזונדערע ווינקל־שטיקער, וואָס האָבן זיך צע־נויפגעפּאַסט אַרום אַן אויסגעהוילטן פידל־פאַסאָן, איז דער פידל אַרויס — ליכטיק און ניי, רויט און ריין.

דערנאָך האָט ער יאָרן־מיט־יאָרן שפּיל־טעכניק געלערנט, נעכט אויף־געוועזן, טעג אַף די סטרונעס צעריבן ווי קאַליפאָניע, זיך אין אַלע קלענסטע פידל־סוידעס איינגעאיבט, — זיך אויסגעלערנט זיין האַרץ קלאָר און גרינג אַף זיין גאָלד־פידל אַרויסצושפּילן.

און ער האָט געזאָגט צו זיך, דער נאַר:

נישט נאַר וועל איך דער וועלט שפּילן אַ טיף שטאָרם־ליד, וואָס וועט וועקן די מענטשן זיך צו ראַטעווען פון דעם גרויסן וואַלקנבראָך וואָס קומט־אָן, נאָר איך וועל עס שפּילן אַף אַ גאָל־דענעם פידל, קעדאַי אַז אויך טויבע, וואָס קענען נישט הערן, זאָלן פון דער ווייטן קענען זען דעם בליאַסק פון דעם פידל.

אַזוי איז געווען טאַקע.

מיין פריינט האָט אַף זיין גאָלדענעם פידל געשפּילט, אָבער... זעט נאַר, מענטשן, וואָס האָט זיך דאָ געטראָפן? צוליב דער גאָל־דענער פּראַכט פון דעם פידל — הערט קיינער נישט דעם שטאָרם־אָנזאָג פון דעם פידלער, מערקט קיינער נישט די ווייענדיקע האַנט וואָס דריקט די געטאָקטע פידל־קנעפּלעך — אַלע זען בלויז דעם בלישטש פון דעם גאָלדענעם אינסטרומענט, פרייען זיך, האָבן האַנאָע... גלויבן גאַרנישט, אַז יענער מיינט עס ערנסט. ווארום פון קאַדמוינים־אָן איז זיי באַקאַנט, אַז עמעסע פידל־שפּילער נוצן פיד־לען אַלטע, פידלען אָפּגעבליאַקעוועטע.

און מיין פריינט, דער פידלשפּילער, איז אַוועק און גענומען דעם גאָלדענעם פידל און אים צעבראָכן אַף צען שטיק, אַזוי ווי זיין

הארץ... דערנאָכדעם האָט ער גענומען אַן אַלטן, פּראָסטן האַלץ־פידל און איז ווידער אַרוים אויפן גאַניק שפּילן זיין שטאָרם־ליד.

אָבער דאָסמאָל האָבן זיך שוין אַלע (דורך עפּעס אַ וואונדער־לעכן צופאַל), דערוואוסט, אַז דער שפּילער פונעם גאָלדענעם פידל האָט אויך אָן אייגן ליד געבראַכט, האָבן זיי די אויגן פאַרמאַכט קעדיי זיך שוין מער נישט צו לאָזן פאַרפירן פון דעם ליכטיקן פידל־גלאַנץ, און זיי האָבן מיט הונגעריקע אויערן געהערט, געהערט, גע־הערט.

אַז זיי האָבן די אויגן אויפגעעפנט, איז שוין דער שפּילער ניט געווען. אין אַלעמענס ווייסלען האָבן געראָסעט טרערן. אַלע האָבן איצט צוגעגעבן, אַז ער שפּילט „מיט אַן איבערגעשניטן האַרץ", ביטער און טיף, „נאָר", האָבן זיי געזאָגט און זיך געווישט די אויגן, „דאָס וואָס ער נוצט אַ גאָלדענעם פידל, דאָס מאַכט אַלדינג קאַליע... ס'איז דאָ אינדעם פּוסטע בערימעריי!"

:: :: ::

ווער זאָל דאָס יענער פידלער זיין, האַ? וואָס האָט אַ חוץ אַ טיפע מעלאָדיע און שפּיל־טעכניק, אויך געוואָלט אַן אייגענעם פּראַכט־פידל האָבן, וואָס זאָל די טויבע פאַרגאַפן צו זען דאָס וואָס ס'איז זיי נישט באַשערט געווען צו הערען?

זאָל דאָס זיין — — נאָר וואָס רעד איך? יענער האָט דאָך גאָר קיינמאָל (זאָגט מען) אויף קיין עמעסן פידל נישט געשפּילט! ער האָט דאָך בלויז געמאַכט מיט דער רעכטער האַנט איבערן לינקן אָרעם אַזוי קונציק, אַז מ'האָט געהאַט די אילוזיע פון אַ גאָלדענעם פידל.

:: :: ::

ס'איז היינט אויסגעפאַלן אַ שניי.

ווייך און שטיל איז דער שניי געקומען דורך דער נאַכט.

דורך די פענצטער־שפּאַרעס האָב איך, אין שלאָף, די פייכטע קעלט דערפילט און זיך אויפגעוועקט. צי עפּשער איז עס געווען דאָס ווייסע וואונדערקאָל פון יוגנט? פון יענע נעכט, ווען דער הימל אַליין איז אין זיין כמאַריקער ווייסקייט, דורכגעגייסטיקט מיט קלאָרן טרויער אויף דער ערד אַראָפּ, ווען די בערג פון מיין שטעטל זענען געווען ווי ווייסע, איבערגעשראָקענע אויערן, וואָס שטריינגען זיך אָן צו הערן דאָס וואָרט פון אַלע ווערטער?

איך האָב פון הינטער דער קאַלדרע אַפּירגעשטעקט א וואַרימע, פאַרשלאָפענע האַנט, אַרויסגעשטופּט ס'פענצטער (פון אונטן אַרויף), און דערזען די ליכטיקייט, וואָס איז נישט לעוואָנע און נישט זון, די ליכטיקייט וואָס קוואַלט־אָן פון זיך אַליין, פון די קליינע שוואַכע בלעטלעך, וואָס ליכטיקן בלויז דורך זייער פאַרברידערונג, דורך זייער אַסאַך־קייט, און מיר איז געוואָרן אַזוי גוט: דאָס ברענען פונעם שניי, די סרייפע פון ווייסקייט איז מיר הינטער דער הויט אַרונטער, אין אַלע בלוטקעמערלעך אָנגעקלאַפּט א „גוטמאָרגן" פון נאַראַיעוו, פון מיינע יונגע יאָרן.

איז זייט געזונט, מיינע יונגע יאָר, זייט געזונט. א מידער, א פון שלאַכט־פאַרויכערטער, גיב איך אייך (ווי דער יונגער זיידע וואָס איך בין) א קוש אַף דער באַק און זאָג: „זייט געזונט!"